STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07843

DI LETSTE FUN A GROYSN DOR

Mark Turkov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרק טורקאָוו

די לעצטע פון אַ גרויסן דור

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

100

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מארק טורקאָוו

די לעצטע פון א גרויסן דור

געשיכטלעכע עפּיזאָדן און פּערזענלעכע זכרונות
וועגן יידישע משפּחות אין פּוילן

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1954 — תשי"ד

אינהאַלט

*** — — — — — — — — — — — — — — — — 9

אַ וואָרט פאָרויס — — — — — — — — — — — — — — 11

אייגער — — — — — — — — — — — — — — — — 13

דאַווידזאָן — — — — — — — — — — — — — — — 66

טעפּליץ — — — — — — — — — — — — — — — — 127

וואָוועלבערג — — — — — — — — — — — — — — — 151

שערעשאָווסקי — — — — — — — — — — — — — — 201

ברעגמאַן — — — — — — — — — — — — — — — 253

זיידנבייטל — — — — — — — — — — — — — — — 277

ציטלין — — — — — — — — — — — — — — — — 313

נאָמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — — 337

דעם אָנדענק

פון מיינע עלטערן

איטע-גיטל און נפתלי

טורקאָוו

געהייליקט מיט יראת-הכבוד.

ד ע ר מ ח ב ר.

**
*

דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע באַטראַכט עס פאַרן גרעסטן זכות פון זיין פערציק יעריקער עקזיסטענץ צו קענען איבערגעבן דער יידישער עפנטלעכקייט דעם הונדערטסטן באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", דורך וועלכע עס ווערט אָפּגעשלאָסן דער ערשטער עטאַפּ פון זיין פאַרלאַגס־טעטיקייט.

מיט אַכט יאָר צוריק, אין יאָר 1946, ביים אָנהייבן אונדזער אַרבעט האָבן מיר געשריבן אין אונדזער איינלייטונגס־וואָרט צו די לייענער, אַז מיר טרעטן צו אַרויסצוגעבן אַ סעריע ביכער,

„...וואָס זייער אויפגאַבע איז צו דערנענטערן די ברייטע יידישע לייענער־מאַסע אין גאַר דער וועלט צו אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן חרוב־געוואָרענעם יידישן לעבן אין פוילן.

באַוווסטזיניק פון דער גרויסער אחריות פאַר דער דורכפירונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע, וועט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע שטרעבן, אַז דורך די פאַרעפנטלעכטע ביכער זאָל דאָס פוילישע יידנטום באַקומען אַן אַלזייטיקע און שטרענג־אומפּאַרטייאישע אָפּשפּיגלונג אין אַלע זיינע אַספּעקטן און אויף אַלע געביטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן שאַפן.

עס איז דער ווונטש פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע צו געבן דורך דער פאַרעפנטלעכטער ביכער־סעריע אַ ביישטייער צו דער רומפולער געשיכטע פון דעם פוילישן יידנטום. דורך שילדערונגען פון באַרופענע מחברים וועלן די ביכער אַנטהאַלטן מאַטעריאַלן וועגן דער טראַגישער קעגנוואַרט

פון דעם פּוילישן יידנטום, זיינע ליידן און פרײדן, זײנע קאַמפן און דערגרייכונגען.

שטעט און שטעטלעך, ווו עס האָט אַמאָל פּולסירט אַזאַ פאַרבנרייך יידיש לעבן און וואָס זענען דורך דעם נאַצי־משחית אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, עפּיזאָדן און געשעענישן וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דעם חרוב־געוואָרענעם יידישן ישוב אין פּוילן, זכרונות וועגן באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן, מיט וועמענס לעבן און שאַפן דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען ענג פאַרבונדן, וועלן זיך געפינען צווישן די הויפּט־טעמעס פון די פאַרעפנטלעכטע ביכער"...

איצט קענען מיר דרייסט קומען צו דער יידישער עפנטלעכקייט, וועלכע האָט אַזוי וואַרעם אָפּגעשאַצט אונדזער טעטיקייט און מיט דער גרעסטער סאַטיספאַקציע פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן טריי אויסגעפירט די גענומענע אויף זיך אויפגאַבן אויפצושטעלן אַן אייביקן ביכער־מאָנומענט פאַרן פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום.

מיטן בוך פון מאַרק טורקאָוו „מלכה אָוושיאַני דערציילט"..., וואָס איז דערשינען אַלס ערשטער באַנד פון דער ביכער־סעריע, האָבן מיר די אַרבעט אָנגעהויבן; מיטן איצטיקן בוך פון מאַרק טורקאָוו „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", וואָס מיר גיבן איבער דעם לייענער אַלס הונדערטסטן באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", זעצן מיר פאָר אונדזער אַרבעט מיטן זעלביקן ענטוזיאַזם און גלויבן, אַז עס וועט אויך ווייטער געפינען דעם געהעריקן אינטערעס ביי דער ברייטער יידישער לייענער־מאַסע.

**צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע**

בוענאָס־איירעס, אויגוסט 1954.

אַ וואָרט פאַרויס

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דערשיינט ווי דער הונדערטסטער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", אַנטהאַלט אַ רייע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע משפחות, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם פאַרשניטענעם פּויליש יידנטום. מיט דער שילדערונג פון דעם אויפקום און אונטערגאַנג פון די דאָזיקע משפחות איז דער מחבר אויסן צו געבן אַן אַלגעמיין בילד וועגן דעם גייסטיקן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן אין פּוילן אין משך פון קנאַפּע הונדערט און פופציק יאָר.

דער מחבר האָט זיך אין זיין אַרבעט באַנוצט מיט אַלע צו־טריטלעכע ווערק, וואָס זענען ביז איצט דערשינען און אַנטהאַלטן היסטאָרישן אָדער מעמואַריסטישן מאַטעריאַל וועגן די פאַרגייער פון די געשילדערטע דורך אים משפחות, און עס דערגאַנצט מיט זיינע פּערזענלעכע זכרונות וועגן די משפחה־מיטגלידער, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען זיך צוזאַמענצוטרעפן אין משך פון צענדליקער יאָרן.

די דאָזיקע פאַרעפנטלעכטע מאָנאָגראַפיעס דאַרפן זיין אַן אָנהויב פאַר וייטערדיקע זאַמלונגען פון אַרבעטן וועגן באַקאַנטע יידישע משפחות און יחידים, וואָס דער מחבר האָט געקענט און געהאַט וועגן זיי עפּעס וואָס צו דערציילן און ער גלויבט, אַז עס קען דינען ווי אַ מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער פון יידישן לעבן אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט.

די איינצלנע אַרבעטן זענען אומאָפּהענגיק איינע פון דער אַנדערער, דאָך וועט דער לייענער זיכער געפינען אַ דירעקטן צוזאַמענהאַנג צווישן עטלעכע פון זיי.

אָבער נישט בלויז דערציילן מעשיות וועגן דעם גורל פון די דאָזיקע משפחות איז דער מחבר אויסן אין דעם דאָזיקן בוך. דער מחבר האַלט, אַז אַ סך פון די לייענער דאַרפן זיך נישט באַנוגע־

נען מיטן בלויזן איבערלייענען דאָס בוך, נאָר וואָלטן געדאַרפט זיך אָביסל פאַרטראַכטן סיי וועגן די געשילדערטע געשטאַלטן, סיי וועגן דעם טראַגישן סוף זייערן, דעם אַנטוויקלונגס־וועג זייערן, זייער אויפקום אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן און — דעם אונטערגאַנג פון זייערע גרויסע פאַרמעגנס.

עטלעכע פון די געשילדערטע עפּיזאָדן, אַ סך פון די דערציילטע פאַקטן גיבן, לויט דער באַשיידענער מיינונג פון דעם מחבר, אַ סך, זייער אַ סך נאָכצוטראַכטן דווקא פאַר די רייכע יידן אין די לענדער פון דעם נייעם קאָנטינענט, ווו יידישע משפּחה־דינאַסטיעס ווערן איצט אויפגעשטעלט. דער מחבר וויל דאָ נישט געבן קיין ביישפּילן, אָבער יעדער פאַרשטענדיקער לייענער וועט אַליין, לויט זיין וויסן און געוויסן, קענען אַרויסציען אַ געוויסן מוסר השכל פאַר אונדזער היינטיקן יידישן לעבן...

וועט דאָס געשען, וועט עס זיין פאַרן מחבר די גרעסטע סאַטיספאַקציע, די בעסטע מאָראַלישע באַלוינונג.

צום סוף וויל דער מחבר דערמאָנען, אַז פראַגמענטן פון די פאַרעפנטלעכטע מאָנאָגראַפיעס זענען אין פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן געווען געדרוקט אין „די אידישע צייטונג" פון בוענאָס־איירעס און זענען פאַר דעם דאָזיקן בוך פונדאַסני באַאַרבעט און דערגאַנצט געוואָרן. די אַרבעט וועגן דער משפּחה צייטלין איז געווען געדרוקט ווי אַ הקדמה צום בוך פון אַלחנן צייטלין „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", וואָס איז דערשינען אַלס באַנד 7 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1946. דער מחבר האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע בוך דווקא מיטן קאַפּיטל וועגן ד ע ר משפּחה, וואָס האָט אַזוי באַרייכערט גייסטיק דאָס לעבן פון פּוילישן יידנטום. די אַרבעט וועגן דער משפּחה צייטלין, פּונקט ווי די אַרבעט וועגן דער משפּחה זיידנבייטל, טיילט זיך אפשר אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, — איז אָבער פאַרן מחבר געווען אַ נויטווענדיקייט צו פאַרעפנטלעכן אין דעם דאָזיקן בוך, בכדי צו אונטערשטרייכן די פאַרשידנאַרטיקייט און פאַרבנרייכקייט פון חרוב־געוואָרענעם יידישן לעבן אין פּוילן.

דער מחבר

בוענאָס־איירעס, אויגוסט, 1954.

טייגער

1

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָר 1941. דאָס שרעקלעכסטע יאָר נישט נאָר אין דער יידישער געשיכטע, נאָר אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע בכלל. די נאַצישע אַרמיי האָט נאָכן פאַרנעמען כמעט גאַנץ אייראָפּע שוין אָנגעהויבן דעם זיגרייכן מאַרש אין די טיפע־נישן פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד, חרוב־מאַכנדיק לענדער און שטעט, אומ־ברענגענדיק מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס און רויבנדיק זייער האָב און גוטס.

נישט בלויז מיליטעריש איז דער נאַציזם געווען זיגרייך אין יענער צייט. ער איז געווען נישט ווייניקער זיגרייך פּאָליטיש און גייסטיק אַפילו דאָרט, וווּ עס זענען קיין מיליטערישע אָפּעראַציעס נישט פאָרגעקומען. אויך אין די אַזוי־גערופענע פרייע לענדער פון דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען די השפעות פון דעם נאַציש־פאַשיסטישן גייסט טיף אַריינגעדרונגען, אויב אַפילו נישט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן, איז עס אָבער געשען אין די הערשנדיקע רעגירונגס - קרייזן; פון דעם קליינעם באַאַמטן ביז צו די העכסטע רעגירונגס־לייט. און נישט בלויז אין די כלומרשט נייטראַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס האָבן פּאַקטיש סימפּאַטיזירט מיטן דאָן זיגרייכן נאַציזם, נייערט אויך אין אַזעלכע מדינות, וואָס האָבן זיך אָפיציעל אָנגעשלאָסן אָן די אַליאירטע פעלקער, איבערגעריסן זייערע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט נאַצי־דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע און אַפילו פאָרמעל צוגעשטאַנען צו דער מלחמה קעגן נאַציזם. בנוגע יידן יעדנפאַלס איז געפירט געוואָרן אַן אויסגע־שפּראָכן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק אין דעם נאַצישן גייסט. דאָס איז אַמ־בולטסטן געקומען צום אויסדרוק ביים שליסן די גרענעצן און באַוואַכן די ים־ברעגעס, אַז קיין ייד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם נאַצישן גיהנום אין אייראָפּע, זאָל חלילה נישט אַריינקומען אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע.

אין דער דאָזיקער אַזוי פּיינלעכער עפּאָכע, ווען יידן אין דער וועלט האָבן יעדן טאָג באַקומען נייע ידיעות וועגן דעם חורבן אין זייערע אַלטע היימען און וועגן דעם אומקום פון זייערע נאָענטסטע, איז די יידישע עפנטלעכקייט פּלוצלונג אַלאַרמירט געוואָרן צוליב אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי די ברעגעס פון דרום־אַמעריקע און וואָס האָט יעדן איינעם אויפגערודערט ביז צום טיפסטן, נישט זייענדיק אימשטאנד עפּעס צו העלפן די טראַגישע קרבנות.

צוויי און פערציק נפשות: מענער, פרויען און קינדער, יידן און אייניקע צווישן זיי שוין געשמדטע פון פריער, האָבן אין משך פון 9 חדשים געוואַנדערט איבער ימען, פון פּאָרט צו פּאָרט, פריער מיט דער פראַנצויזישער שיף „אַלסינא" און שפּעטער מיט דער שפּאַנישער שיף „קאַבאָ דע בוענא עספּעראנסאַ" (ווי איראָניש קלינגט עס דער נאָמען פון דער שיף „דער עק פון גוטער האָפענונג"!) און מען האָט זיי אין ערגעץ נישט געוואָלט דערלויבן אַראָפּגיין אויף דער יבשה.

די אומגליקלעכע און פאַרצווייפלטע וואַנדערער זענען געווען פּליטים פון די דורך נאַציס אָקופּירטע לענדער, פון פּוילן און רומעניע, פון ליטע און אונגארן, פון פראנקרייך, האָלאַנד און בעלגיע. מען קען זאָגן, אַז יעדער חרוב־געוואָרענער יידישער ישוב אין אייראָפּע האָט געהאט זיינע פאָרשטייער צווישן דער וואַנדערנדיקער גרופּע. מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, שטאַנד און שפּראך, וואָס דער טראַגישער גורל האָט זיי פאַרבונדן אין איין געמיינזאמער, פּיינפולער וואַנדערונג אין דאָס אומבאַקאַנטע. דאָס הייסט, אַז ווען זיי האָבן פאַרלאָזט אייראָפּע און זיך איינגעשיפט מיט ניין חדשים פריער אויף דער פראַנצויזישער שיף „אַלסינא", האָבן זיי — פונקט ווי די שיפס־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי גענומען — גוט געוווסט, אַז זיי פאָרן קיין בראַזיל, וווהין זייערע פּעסער זענען געווען וויזירט אויפן סאמע לעגאַלסטן אופן. אמת, די וויזעס זענען געווען געקויפטע. די בראַזיליאַנער קאָנסולן אין אייראָפּע, וואָס האָבן וויזירט די פּעסער, האָבן דערפאַר גענומען שווערע הונדערטער דאָלארן און דערביי האָבן די אַלע פּאַסאַזשירן נישט פיגורירט חלילה אַלס יידן. אַלע האָבן געהאט דאָקומענטן אַלס קריסטן. סיי די באמת געשמדטע, סיי

די, וואָס האָבן זיך נישט געשמדט. ווער פון זיי עס האָט געהאַט פּאַפּירן אַלס קאַטויליקער, ווער אַלס עוואַנגעליקער און ווער אַלס פּראַוואָסלאַוונער. צוזאַמען מיטן וויזע־האַנדל איז דאַן אין אייראָפּע געווען שטאַרק אַנטוויקלט דער מסחר מיט אַרישע פּאַפּירן, מיט קריסטלעכע געבורטס־שיינען און שמד־באַשטעטיקונגען. נעבן געוויסע קאָנסולאַטן אין איטאַליע, פראַנקרייך, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט מעקלערס, אָפּטמאָל טאַקע יידן, וואָס האָבן געהאַט היימישע גלחים, וועלכע האָבן פאַר אַ באַשטימטער סומע דאָלאַרן, אָדער פאַר עפּעס אַ ווערטפולן חפץ, באַזאָרגט די גערודפטע מיט די געהעריקע דאָקומענטן, ווייל נאָר אַזוי־אַרום האָט מען ביי די קאָנסולן געקענט איינהאַנדלען וויזעס. האָט זיך אָבער די אימיגראַציע־פּאָליציי אין בראַזיל אַרומגעזען, אַז זייערע קאָנסולן אין אייראָפּע מאַכן צו גוטע געשעפטן און זיי זענען נישט קיין שותפים דערצו, און מען האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין. אָבער נישט חלילה אָן די קאָנסולן, וואָס האָבן די געשעפטן מיט וויזעס געמאַכט, נאָר אָן זייערע קרבנות, וואָס האָבן די וויזעס געקויפט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען די אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען קיין בראַזיל, האָט מען זיי נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף, נאָר מען האָט זיי צוריקגעשיקט קיין אייראָפּע. פראַנקרייך איז שוין דאַן געווען טיילווייז אָקופּירט דורך די נאַציס און טיילווייז פאַרכאַפּט דורך דער פּראָ־נאַצישער ווישי־רעגירונג, — האָט די שיף „אַלסינאַ“ פאַראַנקערט אין דעם האַפן פון ליסאַבאָן, די הויפּט־שטאָט פון דעם דאַן נייטראַלן פּאָרטוגאַל, פון וואַנען נאָך לאַנגע באַמיאונגען און ווידער פאַר אַ סך געלט איז די גרופּע וואַנדערער, האָבנדיק דאָך גאַנץ לעגאַלע וויזעס קיין בראַזיל, אויפגענומען געוואָרן אויף דער שפּאַנישער שיף „קאַבאָ דע בוענא עספּעראַנסאַ“, וואָס איז אָפּגעשוווּמען קיין דרום־אַמעריקע. אָבער אויך צום צווייטן מאָל האָט די בראַזיליאַנער אימיגראַציע־מאַכט נישט געוואָלט אָנערקענען די וויזעס און די פּאַסאַזשירן נישט געלאָזט אַראָפּגיין, נאָר זיי געשיקט ווייטער מיט דער זעלביקער שיף. זענען זיי אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ, די הויפּט־שטאָט פון אורוגוואַי, ווו מען האָט זיי ווידער נישט אַראָפּגעלאָזט און זיי זענען דעריבער געפאָרן אין דעם לעצטן רייזע־פּונקט פון דער

שיף, קיין בוענאָס איירעס. יידישע אָרגאַניזאַציעס, יידישע עסקנים האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע באַמיאונגען, אַז מען זאָל די וואַנדערנדיקע ראַטעווען. מען האָט אינטערווענירט ביי אַלע דרום־אַמעריקאַנער רעגי־רונגען, בעטנדיק וויזעס פאַר די 42 פּליטים. אַלע אינטערווענצן זענען געבליבן אָן רעזולטאַט. קיין שום השפּעה, קיין שום בקשה, גאָרנישט אין דער וועלט האָט געקענט ווייכער מאַכן די דאָן אַזוי פאַרשטיינערטע הער־צער פון די דרום־אַמעריקאַנער רעגירער. קיין שום רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן דעם מינימום רחמנות, דעם מינימום פון מענטשלעך געפיל פאַר די אומגליקלעכע פּליטים. עס האָבן נישט געהאָלפן זייערע דאָ־קומענטן אַלס קריסטן, עס האָט קיינעם נישט געאַרט, אַז אויף דער שיף געפינען זיך אַלטע, קראַנקע, אויסגעפּייניקטע מענטשן, עס האָט קיינעם פון זיי נישט געאַרט אַז צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען קליינע קינ־דער. מען האָט איינמאָל געזאָגט ניין און פאַרפאַלן.

יאָ, אין בוענאָס־איירעס האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט געדאַכט, אַז עס וועט דאָך קומען אַ שטיקל ישועה. פאַר אַ באַדייטנדיקער סומע געלט, וואָס הויכע באַאַמטע האָבן געפאָדערט און אַ דאַנק גרויסע השפּעות, וואָס יידישע עסקנים אין אַרגענטינע האָבן אָנגעווענדט, האָט מען גע־האָפט, אַז דער דעמאָלטיקער אַרגענטינער פּרעזידענט ראָמאָן קאַסטיזשאָ, אַליין אַ גאָטפאָרכטיקער קאַטוילילקער און שעף פון דער קאָרומפּירטער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וואָס האָט דאַן רעגירט מיט דער אַרגענטינער מדינה, וועט דאָך באַוויליקן צו געבן אַ דערלויבעניש, אַז מען זאָל די פּליטים דערלויבן צו בלייבן. עס איז געווען אַזוי זיכער, אַז דער ענין איז דערליידיקט, אַז מען האָט שוין געהייסן די וואַנדערנדיקע פּאַסאַ־זשירן פאַרפּאַקן זייערע פּעקלעך און זיין גרייט צו פאַרלאָזן די שיף, בפרט נאָך, אַז די שיף גופא האָט שוין געדאַרפט צומאָרגנס פאַרלאָזן בוענאָס ־ איירעס אויף דער צוריקרייזע קיין שפּאַניע. די פרייד פון די אומגליקלעכע מענטשן איז געווען אין לשער. ענדלעך וועלן זיי ווידער געפינען רו נאָך 9 שווערע חדשים פון וואַנדערן איבער ימען און פון אומ־זיכערקייט פאַר זייער גורל. אין בוענאָס איירעס האָבן די עסקנים שוין געגרייט האָטעלן און היימען פאַר זיי.

אָבער אין לעצטן מאָמענט, טאַקע אין סאַמע לעצטן מאָמענט פאַרן

אָפּפאָר פון דער שיף „קאַבאָ דע בוענא עספּעראַנסאַ“ קיין אייראָפּע, האָט דער פּרעזידענט קאַסטיזשאָ באַקומען הרטה אויפן גאַנצן ענין און נישט אונטערגעשריבן די לאַנדונגס־דערלויבעניש. ער האָט זיך מיישב געווען, אַז אויב בראַזיל, וווהין די וואַנדערער האָבן לעגאַלע וויזעס, ווייל זיי ביי זיך נישט אויפנעמען, טאָ פאַרוואָס זאָל עס טאָן אַרגענטינע?...

די שיף האָט גלייך פאַרלאָזט דעם בוענאָס אײַרעסער האַפן, פירנדיק מיט זיך צוריק קיין אייראָפּע די אומגליקלעכע מענטשן. קיין שום געוויינען, קיין שום געשרייען, קיין שום בקשות האָבן נישט געווירקט. די פאַרצווייפלונג פון די וואַנדערער איז געווען שוידערלעך, דער צער פון די יידן אין די לענדער, ווו מען האָט זיי געוואָלט, אָבער לײדער נישט געקענט העלפן, איז אויך געווען נישט קלענער. אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון דערפון, אַז נאָכן צוריקקומען קיין אייראָפּע וועלן די פּליטים אָפּגעשיקט ווערן אין די לענדער, פון וואַנען זיי שטאַמען און דאָס הייסט אַרײַנפאַלן צוריק אין רשות פון די נאַציס. וואָס דאָס האָט באַדייט האָט יעדער גוט פאַרשטאַנען.

לאַנגע, שווערע טעג און נעכט האָט די שיף מיט די פּליטים זיך גערוקט פאָרויס אויף דער צוריקרייזע. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן און דער גורל פון די פּליטים איז אַ געחתמעטער. איינער פון די פּליטים האָט אין זיין פאַרצווייפלונג נישט געקענט איבערלעבן די מורא פאַרן צוריקגעשיקט ווערן קיין אייראָפּע און איז אינמיטן נאַכט אַרײַנגעשפּרונגען אין ים אַרײַן, ווערנדיק איינגעשלונגען דורך די ים־כוואַליעס.

דאָך איז געשען אַ נס. בפּועל ממש אַ נס. ווייל ווען די שפּאַנישע שיף האָט שוין געזאָלט פאַרלאָזן די ברעגעס פון דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט און דורכשניידן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אין דער ריכטונג פון אייראָפּע, האָט די האָלענדישע רעגירונג, וואָס האָט דאַן אָפּגעריכט גלות אין לאָנדאָן, דערלויבט די פּליטים צו לאַנדן אין איר קאָלאָניע אויף דער אינזל קוראַסאַאָ, וואָס געפינט זיך אויפן קאַריבישן ים, אינעם צפון־טייל פון דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דאָרט האָבן די פּליטים געפונען ענדלעך אַ שטיקל מקום־מנוחה ביז זיי האָבן געקענט אויסוואַנדערן און איינאָרדענען זיך אין אנדערע לענדער.

2

אין יעדן האפן, ווו די שיף מיט די פּליטים איז אָנגעקומען, זענען זיי באַזוכט געוואָרן דורך די אָרטיקע יידן. מען איז געקומען צו לויפן אויף דער שיף געוויר ווערן, צי עס געפינט זיך נישט צווישן די פּליטים עפּעס אַ קרוב, אַ לאנדסמאן, וואָס זאָל קענען עפּעס דערציילן וועגן זייערע קרובים. מען האָט די פּליטים פאַרזאָרגט מיט אַלעם, וואָס עס איז זיי געווען נויטיק און מען האָט זיי געטרייסט מיט גוטע ווערטער. אַ ברירה האָט מען געהאט? דאָס איז געווען דאָס אײנציקע, וואָס מען האָט אין יענע פינצטערע טעג געקענט טאָן.

אויך אין בוענאָס־איירעסער האפן איז געשען דאָס זעלביקע.

דאָס ערשטע, וואָס מען האָט געטאָן קומענדיק אויף דער שיף, איז געווען: איבערקוקן די רשימה פון די פּאַסאזשירן.

זוכנדיק צווישן די פּליטים באַקאנטע נעמען, האָב איך באַמערקט, אַז צווישן די פּאַסאַזשירן געפינט זיך איינער מיטן נאָמען ק אַ ז י ־ מ י ע ז ש א יי ג ע ר.

עס האָט מיר אַ בליץ געטאָן דורכן געדאנק: צי איז עס נישט אַמאָל איינער פון יענער אַזוי באַרימטער יידישער משפּחה, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּויליש־יידישער געשיכטע, אויסאיבנדיק אַזאַ גרויסע השפּעה אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון פּוילישן יידנטום? צי איז עס נישט טאַקע דער זון פון דיאנא און באָלעסלאוו אייגער — די צוויי פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער וואַרשעווער אסימילאציע? אפשר איז עס טאַקע יענער קאַזשיק, וועלכן איך האָב אין יאָר 1933 באַגעגנט אין גענף און וועגן וועלכן זיין מוטער דיאנא האָט מיר מיט אַזאַ שטאָלץ געזאָגט, אַז ער טראָגט דאָך דעם נאָמען פון זיין גרויסן עלטער־עלטער־זיידן ר׳ עקיבא, וואָס קאַזימיעזש איז בלויז די פאַרפּוילישונג פון דעם נאָמען... און דערביי האָט זי מיט אַ טיפן באַדויערן צו־

געגעבן, אַז דער טרעגער פון ר׳ עקיבאס נאָמען איז אויך געשמדט, פונקט ווי אירע צוויי עלטערע קינדער.

אין יענעם מאָמענט, וואַרטנדיק אַזוי אויף דער שיפס־דעק, אַז קאַ־זימיעזש אייגער זאָל דערשיינען, איז פאַר מיינע אויגן אויפגעשוווּמען די קליינינטשקע, דריבנע געשטאַלט פון זיין איידעלער מוטער, די לוק־סוסדיקע היים פון זיינע עלטערן, פריער אויף דער וויעיסקא גאַס, נאָענט פון דעם פוילישן סיים און שפּעטער דאָס פּאַלאַצל אין דער נייער אַריס־טאָקראַטישער געגנט ביי מאָקאָטאָוו. דאָרט פלעגן מיר זיך אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן אַזוי אָפט פאַרזאַמלען בכדי אַרומריידן מיט דיאַנאַ אייגער פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז קאַזימיעזש אייגער איז אַרויסגעקומען פון זיין קאַבינע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער דריטער קלאַס פון דער שיף.

די מיטרייזנדיקע, מיט וועלכע מיר זענען געווען פאַרזאַמלט אויף דער שיפס־דעק, האָבן זיך שוין געוויצלט אויפן חשבון פון אייגערן:

— אָ, דאָס פּרינצל וועט אַזוי שנעל נישט אַרויסקומען... ער שלאָפט איצט וואַרשיינלעך און האָט זייער נישט ליב, אַז מען שטערט אים זיין נאָכמיטיק־אָפּרו... מעג עס אַפילו דראָען מיט דער גרעסטער געפאַר, וועט ער זיין אָפּרו נישט איבעררייסן... פונקט ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן איז ער פאַרבליבן דאָס צופּיעשטשעטע קינד פון זיין רייכער מאַמען...

— מסתמא פוצט ער זיך אויס לכבוד אייך — האָט אַ צווייטער באַ־מערקט — הגם קיין סך זאַכן זענען אים שוין נישט געבליבן, האָט ער אָבער ווייטער ליב צו גיין אויסגעצאַצקעט, בכדי מענטשן זאָלן נישט דערקענען, אַז ער איז אָן אַ סענט ביי דער נשמה... דאָס איז די טיפּישע אייגער־שטאָלץ... אַפילו דאָ, צווישן אונדז, בעת דער טראַגישער רייזע אונדזערע, האַלט ער זיך פאַר אַ גאַנצן פּריץ און מיר באַמיען זיך דע־ריבער אים פשוט אויסצומיידן...

— ווער ווייסט, אפשר ריכט ער גאָר אָפּ די נאָכמיטיק־תפילה ביים שיפס־אַלטאַר, — וואַרפט צו אַ יונגע דאַמע, וואָס שטאַמט אַליין פון לאָדזש און האָט די לעצטע יאָרן געוווינט אין פּאַריז, פון וואַנען זי איז

נאָך דער אַקופּאַציע קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן — ער איז דאָך אַזאַ פרוּ־מער קאַטויליק, אַז ער לאָזט נישט דורך קיין שום גאָטעס־דינסט אויף דער שיף... ער האַלט זיך דאָך פאַר אַן אמתן קאַטויליק, נאָך פון די אַמאָליקע צייטן פאַר היטלערן און וויל נישט אָנערקענען אונדזערע שמד־פּאַפּירלעך, וועלכע מיר האָבן געקויפט בכדי צו באַקומען די וויזעס...

אַזוי וואַרטנדיק און שמועסנדיק איז אָנגעקומען דער בעל דבר אַליין. הגם עס זענען שוין געהאַט אַריבער 8 יאָר צייט ווי איך האָב אים נישט געזען, האָב איך אים אָבער באַלד דערקענט. זיין ענלעכקייט צו דער מוטער זיינער האָט מיר איבעריקנס דערין אַרויסגעהאָלפן. עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, אַז מיר זאָלן זיך דערמאָנען אונדזער ערשטע באַגע־געניש אין גענף, וווּהין ער איז געקומען פון פּאַריז, וווּ ער האָט שטודירט, בכדי זיך צו טרעפן מיט זיין מוטער דיאַנאַ אייגער. די מוטער האָט זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע פון פּוילישע יידן צו דער צווייטער פאַר־קאָנפערענץ צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז צו יענער צייט דאָרט פאָרגעקומען.

דער שמועס מיט קאַזימיעזש אייגער איז אין אַלגעמיין געווען זייער ווייניק אינטערעסאַנט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער בחור אָריענטירט זיך נישט אין דער טראַגישקייט פון דער צייט, וואָס מען האָט דאָן איבערגעלעבט און אין דער טראַגישקייט פון זיין פּערזענלעכער לאַגע.

ער איז שוין דאָן געווען כמעט 30 יאָר אַלט, האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט און אין זיין לעבן קיין סענט נישט פאַרדינט. די מוטער האָט אים כל־ימיו געשיקט אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט און אַפילו מער ווי ער האָט געדאַרפט. דאָס איז איבעריקנס נישט געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון דער מוטער־ליבע צו אים. עס איז אים געקומען, ווייל ער איז געווען אַ יורש און שותף פון דער גרויסער מיליאָניקער ירושה, וואָס זיין פאָטער האָט איבערגעלאָזט, ווען ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן.

די באַרימטע אין פּוילן צעמענט־גרובן „ווּיסאָקאַ" און „פאָרטלאַנד" זענען געווען דאָס אייגנטום פון דער משפחה אייגער און אַ הויך דעם האָט מען נאָך געהאַט גיטער, הייזער און אַקציעס אין פאַרשיידענע אונ־טערנעמונגען סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד.

אויף זיין חלק איז בכן אויסגעפאלן אַזאַ רענט, אַז ער האָט אין די גוטע צייטן נישט געדארפט זאָרגן וועגן קיין פרנסה. ער האָט זיך גע־קענט לערנען און לעבן אַ פרייען, גוטן טאָג.

איצט, איצט איז אים טאַקע שלעכט, ווייל דערפון, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין פאַריז, איז שוין קיין זכר נישטאָ. מיט די געלט־עניגים נעמט ער זיך נישט שטאַרק איבער. ער האָט אין בראַזיל רייכע קרובים און פריינד און זיי וועלן אים שוין אַרויסהעלפן. זיי ווייסן דאָך, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער אַלץ קענען צוריקצאָלן. וואָס ער וויל איז נאָר איין קלייניקייט: מען זאָל אים אַראָפּלאָזן פון דער שיף. ער האָט דאָך אַלע זיינע פאפירן אין דער בעסטער אָרדענונג. ער האָט דאָך קיין פאַלשע שמד־פאַפּירן נישט געדארפט קויפן. ער איז דאָך אַ קריסט פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן אָן... איך דאַרף עס דאָך וויסן פון זיין מוטער...

אָט אַזוי מער־ווייניקער האָט אויסגעזען מיין באַגעגעניש איז יאָר 1941 מיט קאַזימיעזש אייגעו, דער אור־אור־אייניקל פון דעם שעפער פון דער אָרגאניזירטער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, דעם גאון ר׳ עקיבא אייגער, וואָס האָט 23 יאָר צייט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין דער אַלטער קהלה פון דער שטאָט פּויזן.

3

העכער 125 יאָר, דאָס הייסט זינט ר׳ עקיבא אייגער האָט איבערגענומען דאָס כסא רבנות אין פויזן און דאָרט געשאַפן זיין באַרימטע ישיבה, וווּ עס האָבן זיך צווישן זיינע תלמידים געפונען אַזעלכע גאונים פון זייער צייט ווי ר׳ הירש קאַלישער, דער גרויסער מקובל ר׳ אליהו גוטמאַכער, ר׳ יוסף־חיים קאַראָ פון וולאָצלאַוועק, ר׳ שלמה הלוי פויזנער פון קויל און פיל אַנדערע (דערביי איז „חתם ספר" געווען אַן איידעם פון ר׳ עקיבא אייגער) — איז די השפעה פון דער משפחה אייגער געווען אומגעהויער גרויס אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, נישט בלויז אין פוילן נאָר ווייט־ווייט מחוץ פון די גרענעצן. די דאָזיקע משפחה האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע וואַנדלונגען, פאַרשיידענע עוואָלוציעס פון איין ווייטן עקסטרעם צום אַנדערן אָבער זיין אַן אייגער, אָפּשטאַמען פון די אייגערס אָדער געהערן צו דער משפחה אייגער, איז עד־היום געבליבן אַ יחוס ביי יידן. צו דער דאָזיקער אָנגעהעריקייט גיבן זיך אָן די, וואָס האָבן יאָ אַ שייכות מיט דער באַרימטער משפחה און אַזעלכע, וואָס מיינען, אָדער ריידן זיך איין, אַז זיי האָבן מיט איר אַ שייכות.

שטאַמען שטאַמט די אייגער־משפחה דווקא נישט פון פוילן נאָר פון דער טשעכיש־בעמישער שטאָט ע ג ע ר (כעב), און ר׳ עקיבא גופא איז געבוירן געוואָרן אין דער עסטרייכישער שטאָט אייזענשטאַט, פאַרגעמענדיק רבנות־אַמטן אין די עסטרייכישע קהלות, ביז ער איז גערופן געוואָרן אין דער אַלט־פוילישער שטאָט פויזן, וואָס האָט זיך נאָך דער צעטיילונג פון פוילן געפונען אונטער דער פרייסישער הערשאַפט.

אין פויזן האָט ר׳ עקיבא אייגער אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף פיל געביטן און האָט זיך געשטעלט בראש פון די שאַרפסטע קעגנער פון דעם רעפאָרם־יידנטום, וואָס האָט אונטער משה מענדעלסאָנס השפעה מיט אַ געוואַלטיקן אימפעט זיך פאַרשפּרייט איבער

גאַנץ דייטשלאַנד און האָט גלייך געפונען אויך אַנהענגער אין די שכנות־דיקע לענדער.

אין זיין אַרבעט וועגן ר׳ עקיבא אייגערס תלמיד, ר׳ צבי הירש קאַלישער, שרייבט נחום סאָקאָלאָוו*):

„עס איז געווען דער סוף פון אַ תקופה, אַ סוף־זומער און אַ שקיעה פון תלמודישן לעבן אין יענעם טייל, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון פּוילן און איינגעשלאָסן געוואָרן אין פּרייסן, און וואָס וועט מיט דער צייט פאַרוועלקט און אויסגעהוילט ווערן; און גראָדע אין דער לעצטער שקיעה־שעה האָט זיך דאָס לערנען צעפלאַקערט אין אַ גליענדיקן שייטער.

„נישט ווייט פון יענער געגנט האָט דאַן געלעבט ר׳ עקיבא אייגער, אַ ריזיקער תלמודיסט, אַווירקלעכער צענטער־זייל, אַ תורה־גענעראַל, פעסט ווי אַ פעלז און קלאָר און גלענצנדיק ווי קרישטאָל, וואָס האָט אין פאַרלויף פון יאָרן משפיע געווען אויף דער גאַנצער תלמודישער וועלט מיט זיינע חדושי־תורה און תשובות, און האָט געלאָזט אַ סך נאָכפאָלגער. אָט די צוויי גדולים: ר׳ יעקב ליסער און ר׳ עקיבא אייגער, זענען אין יענעם דור געווען די הויפּט־זיילן פון תורה אין יענעם ווינקל פון דייטשיש־פּוילן. ר׳ יעקב, אַ גאון אַ חריף ובקי, אַן אויטאָריטעט אין הלכה־ענינים, דערצו אַ באַשיידענער תמימותדיקער מענטש און ר׳ עקיבא, נישט קלענער אין גאונות, איז נאָך געווען דערצו אַן אויסטערלישע פּער־זענלעכקייט, אַ פעסטער כאַראַקטער, מיט ברייטערע האָריזאָנטן. דער ערשטער, אַ פּאַראַינזיכטער קליינשטעטלדיקער רב, אינגאַנצן פאַרטאָן אין לערנען, האָט נישט געפילט און נישט געאָנט, אַז ער שטייט ביים סוף פון אַ תקופה; דער צווייטער, אַן אַקטיווער טוער, בייט פון צייט צו צייט זיין ווינאָרט, האָט אַ גרויסע משפחה, אַ

---

*) נחום סאָקאָלאָוו: „פּערזענלעכקייטן", באַנד 38 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס, 1948.

ר׳ עקיבא אייגער אין דער באַגלייטונג פון צוויי דיינים, בעת אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון פּוזן.

סך און ווייט־פארצווייגטע באציאונגען, און ווי זיין געהער זאל שווין האבן פארנומען דעם פליגל־גערויש פון דער נייער צייט".

אן אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק וועגן ר' עקיבא אייגער און זיין צייט גיט אויך לעא פינקעלשטיין אין זיין ארבעט „גלגולים פון פוילישער יידישקייט"*):

„באזונדערס האט אין סוף פון אכצענטן יארהונדערט און אנהייב נייצנטן יארהונדערט פארקלונגען די פויליש־לומדישע וועלט דער נאמען פון ר' עקיבא אייגער, וועלכער איז אנגעגאנגען ווי א גייסטיקער מנהיג פון זיין דור. קודם כל איז ער געווען א גרויסער בעל מידות, זיך באצויגן צו מענטשן מיט ליבע און דרך־ארץ. אליין זיך געהאלטן גאר עניוותדיק, נישט געלאזט זיך טיטולירן מיט קיין שום גרויסע נעמען. ער האט געפירט א טאג־בוך „חשבון־הנפש", אין וועלכן ער האט פארצייכנט די אויפגאבן, וואס ער האט זיך געשטעלט פאר יעדן טאג און שפעטער קאנטראלירט צי ער האט זיי דורכגעפירט בשלימות. הגם ער איז אין רבנישער יידישקייט געווען א גרויסער קנאי, איז ער דאך בטבע געווען א מקיל. לכתחילה געווען רב אין מארקיש — פרידלאנד און שפעטער אין פויזנא. ער איז דורך די קריסטן באצייכנט געווארן ווי „דער פאפסט דער יודען". ער האט איבערגעלאזט א נוסח פאר זיין אייגענער מצבה: „דא ליגט דער עבד עבדים ה' אין די שטעט פרידלאנד און פויזנא".

„... ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס פרומקייט און געקעמפט קעגן יעדן פרווו פון רעפארמירן ס'יידנטום. דער הויפט־זינען פון יידישקייט — האט ער געהאלטן — זענען די מצוות־מעשיות, פון וועלכע מען טאר נישט אפטרעטן אויף קיין איינציקן

---

*) לעא פינקעלשטיין: „מגילת פוילן", באנד 26 פון דער ביבער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום", בוענאס איירעס, 1947.

אות, ווייל אויב מען טרעט יאָ אָפּ, קען חלילה איינפאַלן דער גאַנצער בנין. „אם נרשה לבטל אף אות אחד מדברי חז"ל, אז מרחפת הסכנה על כל התורה כולה". נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז ווי אַן עמקן געווען טיף אריינגעטאָן אין לומדישע ענינים, האָט ער זיך דאָך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים און דערביי ווי אַ טרייער פאַסטוך געהיטן זיין עדה. ער האָט אַרויסגע־לאָזט אַ כרוז וועגן דעם, אַז מען זאָל אין פסח נישט נוצן קיין קאַרטאָפל־מעל. אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט אַ מענטש, וואָס גאָלט זיך די באָרד. די רעפאָרם־יידן האָבן אים באַצייכנט ווי אַ פאַנאַטיקער. וועגן זיין ערלעכקייט, מענטשן־ליבע און לויטערער פרומקייט זענען צווישן פאָלק אַרומ־געגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדעס.

„ער איז געווען דער גרויסער גאון פון זיין צייט. אין זיין „גליון הש"ס" האָט ער פאַרעפנטלעכט שווערע קשיות צו דער גמרא, וועלכע זענען פּשוט נישט צום פאַרענטפערן. ער האָט מחבר געווען „חלוקי דרבנן" — הגהות צו בבא מציעא, „דרוש וחידוש" אויף גמרא, „תוספות" צו דער משנה, הגהות צום „שולחן ערוך" — יורה דעה, אורח חיים, חושן משפט און אבן העזר. אין זיין „כללי התלמוד" ברענגט ער דריי הונדערט מעטאָדאָלאָגישע כללים. חוץ דעם זענען פאַרבליבן פון אים אַ מאַסע שאלות און תשובות".

ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז ר' עקיבא אייגער גע־ווען זייער אַקטיוו נישט בלויז אויפן רעליגיעזן געביט, נייערט אויך אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס האָבן אים אינטערעסירט אַלע פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן. צו די פּאָפּולערסטע אויפטועז זיינע געהער דער מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט פונאַנדערגעשיקט צו די פּריי־סישע און רוסישע רעגירונגס־לייט, ווי אויך צו פירנדיקע יידישע פּער־זענלעכקייטן וועגן פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן דורכן צוגרייטן זיי צו לאַנדווירטשאַפט און פּראָדוקטיווע פאַכן. פאַרשטייט זיך, אין הסכם מיט די שטרענג־רעליגיעזע פּרינציפּן.

הגם אין יענער עפּאָכע זענען געשריבן געוואָרן סיי דורך יידן סיי

ר׳ עקיבא אייגער און זיין זון ר׳ שלמה אייגער.

דורך קריסטן אַ סך פּראָיעקטן וועגן דער זעלביקער טעמע, האָט דאָך דער מעמאָראַנדום, וואָס ר׳ עקיבא אייגער האָט אויסגעאַרבעט, געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם און עס קען אַפילו באַטראַכט ווערן אַלס וועג־ווייזער פאַר פאַרשיידענע שפּעטערדיקע פּלענער פון קאָלאָניזאַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע פון די רעכטלאָזע יידישע מאַסן אין אייראָפּע.

ר׳ עקיבא אייגער האָט געהאַט אַ סך קינדער: אַכט זין און אַכט טעכטער, וועלכע האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער. אייניקע פון זיינע קינדער און איידעמס האָבן פאַרנומען אָנגע־זעענע רבנים־פּאָסטנס אין פּוילן און אין די שכנותדיקע לענדער. נאָך ר׳ עקיבאס טויט האָט דעם פּויזנער כסא רבנות פאַרנומען זיין זון, ר׳ שלמה אייגער, וואָס האָט שוין געהאַט געוווינט אין וואַרשע און איז געווען אַ פּירנדיקע פּערזענלעכקייט צווישן די דעמאָלסטיקע מתנגדים. ר׳ שלמה אייגערס זון, ר׳ לייבעלע, האָט זיך אָבער דערנעענטערט צו דער חסידי־שער באַוועגונג און איז מיט דער צייט געוואָרן רב און רבי אין לובלין. ר׳ לייבעלעס אייניקל ווידער, ר׳ שלמהלע אייגער האָט געפּראַוועט הויף אין לובלין ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז געווען, נאָכן טויט פון דעם גרינדער פון דער ישיבת חכמי לובלין, הרב ר׳ מאיר שאַפּירא, זיין ממלא מקום אין דער ישיבה און איז אומגעקומען ביי די נאַציס על קידוש השם.

ס׳רוב קינדס־קינדער פון ר׳ עקיבא אייגער האָבן אָבער זיך דער־ווייטערט פון די כלי־קודש־טעטיקייטן און זענען אַריבער צו וועלטלעכע פּראָפעסיעס אַלס אינדוסטריעלער, סוחרים און פרייע באַרופן, דערגריי־כנדיק גאָר גרויסע דערפאָלגן אין זייער אַרבעט. אייניקע צווייגן פון דער משפּחה זענען מיט דער צייט פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך און זענען אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט, בלייבנדיק בלויז ביים יחוסדיקן נאָמען און אָנגעבנדיק ביי יעדער געלעגנהייט מיט שטאָלץ זייער אָפּ־שטאַם פון דעם גאון־הדור ר׳ עקיבא אייגער.

4

אויסער דעם חסידישן אָפּצווייג פון לובלינער רבין ר׳ לייבעלע אייגער האָבן זיך פון דער גאַנצער גרויסער אייגער־משפחה, ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אַרויסגערוקט אויפן אויבן־אָן פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין וואַרשע די דריי ברידער אייגער: יוליוש, בראָניסלאַוו און באָלעסלאַוו אייגער, וואָס האָבן געהערט צו די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער יידיש־פּוילישער אסימילאַציע אין וואַרשע.

זייער פאָטער עקיבא אייגער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען נאָך זיין גרויסן זיידן, איז געווען אַ רייכער וואַרשעווער סוחר, אַ צושטעלער צו דער אַרמיי און אַ פּעאיקער אונטערנעמער. ער אליין איז נאָך געווען רעליגיעז, אָבער שוין וועלטלעך און ווייט פון די שטרענגע פּרינציפּן פון זיין זיידן. ער איז געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט און זיין געביין רוט אונטער אַ הויכער, שיינער מצבה אויפן וואַרשעווער בית־עולם אין דעם צענטער פון דעם גרויסן, אַרומגעצאַמטן פאַמיליען־קבר פון דער אייגער־משפחה.

עקיבא אייגערס קינדער האָבן קליינערהייט נאָך געלערנט אַ ביסל „עברי" און פלעגן אין די יום־טוב־טעג באַגלייטן זייער פאָטער אין דער סינאַגאָגע, אָבער קיין רעליגיעזע דערציאונג האָבן זיי שוין נישט באַקומען. זיי האָבן דערפאַר אָבער יאָ באַקומען אַ פּערפעקטע וועלטלעכע בילדונג און זיי האָבן געירשנט, צוזאַמען מיטן גרויסן פאַרמעגן, אויך דעם אינטערעס פאַר כלל־ענינים און די פליכט צו זאָרגן פאַר גוטבאַדערפטיקע. דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס די ברידער אייגער האָבן געירשנט פון זייער פאָטער, איז דורך זייערע גרויסע קאָמערציעלע אונטערנעמונגספעאיקייטן נאָכמער פאַרגרעסערט געוואָרן און זיי האָבן געהערט צו די רייכסטע יידישע משפחות אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטער אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

טריי זייער פאַמיליען־טראַדיציע, זענען די ברידער אייגער אָנגע־

גאַנגען מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, וואָס האָט זיך ביי זיי אָבער נישט באַגרענעצט בלויז לגבי יידן, נאָר זיי האָבן מיט אַ ברייטער האַנט אויך געשטיצט פיל פּוילישע אינסטיטוציעס און דורכדעם האָבן זיי זיך דערוואָרבן פיל סימפּאַטיע און אָנזען אין די פּוי־לישע ליבעראַלע קרייזן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן אויך געשטיצט די דאַן נישט־לעגאַלע פּוילישע סאָציאַליסטישע און פרייהייטס־באַוועגונג אין דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער אונטערדריקונג.

פון אַלע דריי ברידער איז דער אַקטיווסטער געזעלשאַפטלעך געווען דער יינגסטער פון זיי — באַלעסלאַוו. דער עלטסטער יוליוש אייגער איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער מיטלסטער בראָניסלאַוו האָט מיטגעהאָלפן זיין יינגסטן ברודער אין זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט קודם־כל דורך דעם, וואָס ער האָט געשטיצט אַלע פּאָ־ליטישע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון דעם ברודער, והשנית, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אָנפירונג פון די גרויסע געשעפטן אין דער צייט, ווען באַלעסלאַוו האָט זיך פאַרנומען מיט די כלל־ענינים.

אין אַמאָליקע צאַרישע צייטן, און דאָס האָט זיך אויך איבערגעחזר׳ט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין באַפרייטן פּוילן, האָבן רייכע יידן זיך באַמיט באַשטימט צו ווערן אַלס ערן־קאָנסולן פון אויסלענדישע מלוכות. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע „באַמיאונגען" פלעגן קאָסטן היפּשע געלטער. אָבער אין די צאַרישע צייטן איז אויך פאַר געלט געווען שווער, אַז אַ ייד זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג אָנצונעמען דעם קאָנסול־אַמט אָפילו אין די פאַלן ווען די אויסלענדישע רעגירונגען זענען מסכים צו אַזאַ באַשטימונג. נאָר אין אויסנאַמספאַלן, ביי גרויסער פּראָטעקציע און פאַר אַ גוטן כאַבאַר, האָט מען אין פּעטערבורג געקענט דערגרייכן די דאָזיקע דערלויבעניש. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין וואַרשע דערלויבט געוואָרן צו באַקומען דעם דאָזיקן טיטול דעם באַנקיר גאָלדפעַ־דער, וועלכער איז געוואָרן יאַפּאַנישער ערן־קאָנסול, און באַלעסלאַוו אייגערן, וועלכער איז געוואָרן דער ערן־קאָנסול פון דענעמאַרק. דאָס האָט נאָכמער פאַרלייכטערט די אייגערס דעם קאָנטאַקט מיט די העכסטע מלוכהשע און אַריסטאָקראַטישע קרייזן. די שטוב פון די אייגערס איז

בראָניסלאַוו אייגער

קאָנסול באָלעסלאַוו אייגער

יוליוש אייגער

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטיש - ליטעראַרישן סאַלאָן, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין וואַרשע אָדער האָבן באַזוכט וואַרשע. דאָרט פלעגן זיך טרעפן פּאָליטישע פיגורן מיט באַרימטע פּוילישע שרייבער און קינסטלער; פירנדיקע פּוילישע פּערזענלעכקייטן מיט די וויכטיקסטע צאַרישע באַאַמטע. אַפילו דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון קאָנגרעס־פּוילן סקאַלאָן איז געווען אַן אייגענער ביי די אייגערס אין שטוב. די אייגערס פלעגן אויך מיט אַ ברייטער האַנט שטיצן פּוילישע שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן גערן אויסגענוצט די יידישע פרייגיביקייט, זייענדיק אַפילו אַליין אַנטיסעמיטיש געשטימט. אָבער די יידישע אַסימילאַציע אין פאַרשיידענע לענדער האָט צו יענער צייט ווייניק געלייגט אַכט אויף דער אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג פון זייערע פּראָטעזשירטע, ווייל זיי האָבן שטענדיק באַטראַכט, אַז נישט זיי מיינען דאָך די אַנטיסעמיטן, נאָר די פאַנאַטישע יידישע מאַסן, קעגן וועלכע זיי אַליין האָבן געקעמפט.

דער קאַמף צו אַסימילירן די יידישע מאַסן איז געווען זייערס אַ לעבנס־ציל. מיטן יידישן קהלה־לעבן האָבן זיי זיך פּערזענלעך אינטערעסירט נאָר אומדירעקט. זיי האָבן געשטיצט די דאָזיקע אַרבעט מיט גרויסע געלט־סומען, אָבער די אָנפירונג פון דער קהלה האָבן זיי איבערגעלאָזט די נאַטאַנסאָנס, בערגסאָנס און דיקשטיינס. די אייגערס האָבן שוין געהאַט גרעסערע אַמביציעס ווי צו פאַרנעמען דאָזאַר־בענקלעך אין דער קהלה. זיי האָבן אויסגעגעבן גרויסע געלט־סומען אויף דער האַנטווערקער־שולע, וואָס די נאַטאַנסאָנס האָבן געגרינדעט ביי דער וואַרשעווער יידישער קהלה, זיי האָבן פינאַנסירט די גרינדונג און אויסהאַלטונג פון די שולעס „וויעדזא“ — דעת“, ווו מען האָט געלערנט אַ ביסל יידישע רעליגיע און ס׳רוב פּוילישע לימודים און האָבן בכלל געזאָרגט פאַר דער פאַרפּוילישונג פון דעם יידישן לעבן אין וואַרשע אין הסכם מיט זייערע אַסימילאַטאָרישע פּרינציפּן.

ווען די פּאָליטישע לאַגע איז אַ רואיקע, ווען עס הערשט שלום, קענען זיך די אַסימילאַטאָרן פאַרגינען דעם לוקסוס פון לעבן אין אָפּגעזונדערטקייט פון דעם איבעריקן כלל, אין זייער אייגענער אָדער גאָר אין אַ

פרעמדער סביבה, לויט זייערע אָנשויאונגען און זייערע קאַפּריזן. קומט אָבער אַן עת־צרה אויף יידן זיי, ווערן זיי, ווילנדיק נישט ווילנדיק, אַריינגע־צויגן אין דעם אַלגעמיינעם קרייז פון יידישע כלל־אינטערעסן. די קליי־גערע, די פילבאַרערע, די פאַרשטענדיקע טוען עס פון זייער אייגענעם ווילן אַלס אויסדרוק פון זייער פליכט־באַוווסטזיין לגבי דעם כלל, אַנדערע מוזן עס אָפּטמאָל טאָן קעגן זייער אייגענעם ווילן אַלס פּועל־יוצא פון דער ערנסטקייט פון דער סיטואַציע, אין וועלכער דער כלל געפינט זיך, ווייל די געפאַרן וואָס לויערן קעגן דעם יידישן כלל מיידן זעלטן זיי אויס.

אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע. בכדי צו פאַרשרייען די גרויסע מפּלות פון דער צאַרישער אַרמיי, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש כסדר אַרויסגעגעבן נייע גזירות קעגן יידן, אָר־גאַניזירט גירושים פון דער יידישער באַפעלקערונג פון שטעט און שטעט־לעך און געהעצט, אַז יידן זענען דייטשע שפּיאָנען און העלפן די דייטשן מנצח זיין רוסלאַנד. די אַנטיסעמיטן אין וואַרשע האָבן טריי געהאָלפן דער צאַרישער מאַכט אין דער העצע קעגן יידן און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אויך פון וואַרשע פאַרטרייבן אַ גרויסע צאָל יידן, וואָס האָבן נישט געהערט צו די אַזוי־גערופענע שטענדיקע וואַרשעווער איינוווינער. די לאַגע האָט דאַן אויפגערודערט די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג אין רוסלאַנד. אויך די פּוילישע און רוסישע דעמאָקראַטישע קרייזן זענען אַרויסגעטראָטן קעגן די רעאַקציאָנערע פּרוּוון פון דער צאַ־רישער מאַכט און זייערע פּויליש־אַנטיסעמיטישע מיטהעלפער. אַ ספּעציעלע פאָרשטייערשאַפט פון די רוסישע קאַדעטן מיטן פּוילישן דומע־דעפּוטאַט אַלעקסאַנדער לעדניצקי, ווירובאָוו און פּראָפ׳ אַגרימאָוו זענען געקומען קיין וואַרשע אויסצופאָרשן די געשאַפענע לאַגע. אַ יידישע דעלע־גאַציע אין באַשטאַנד פון דעם ציוניסטישן עסקן אברהם פאָדלישעווסקי, סטאַניסלאַוו נאַטאַנזאָן און קאָנסול באָלעסלאַוו אייגער האָבן באַזוכט די פּעטערבורגער דעלעגאַטן. אָט ווי עס באַשרייבט די באַגעגעניש אברהם פאָדלישעווסקי אין זיינע זכרונות פון יענער צייט: *)

*) אברהם פאָדלישעווסקי: מעמואַרן, פאַרלאַג „על המשמר", וואַרשע, תרצ"א.

„אייגער און נאַטאַנזאָן זענען אַריינגעפאַלן אין יאָמער־טאָן. זיי זענען געווען טיף באַליידיקט. וואָס זיי, די אמתע, די עכטע, די טרייע אַסימילאַטאָרן, ווערן באַטראַכט פון די פּאָלאַקן פאַר פאַררעטער... און מען מוז מודה זיין — עס איז זיי געווען זייער שווער אויף דער נשמה. זיי האָבן דאָך סוף־כל־סוף געמוזט פילן, אַז דער שאָטן, וואָס פאַלט אויף דער יידישער אומה, מוז אומ־פאַרמיידלעך פאַלן אויך אויף די אַסימילאַטאָרן. און עס איז שווער צו זיין אַן אַסימילאַטאָר, בעת מען האָט תביעות צו דעם פאָלק, אין וועלכן מען וויל צעשמאָלצן ווערן...

און קאָנסול אייגער האָט נעבעך געטענהט מיט אַ צעבראָכע־נער שטים נישט נאָר פאַר זיך און פאַר די אַסימילאַטאָרן, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. ער האָט זיך שוין נישט געקענט אָפּטיילן, אָדער בעסער: א ו י ס ט י י ל ן פון דעם פאָלק יידן, ווייל זייער שאָטן איז געפאַלן אויך אויף אים. זייער אומגליק האָט אַן אָטעם געטאָן אויך אויף אים.

ער׳ האָט געטענהט:

— וואָס וויל מען פון די יידן? וואָס פלאָגט מען זיי? זיי זע־נען טרייע פאַטריאָטן, זיי גיבן גוטע זעלנער, זיי באַשטייערן זיך מיט דער גרעסטער ברייטקייט לטובת דער מלחמה און דעם רו־סישן נצחון. זיי האָבן איינגעאָרדנט אויסגעצייכנטע שפּיטעלער, האָבן אָרגאַניזירט סאַניטאַר־אָפּטיילונגען. נאָר מען שטערט זיי. מען פּאַראַליזירט זייער העכסט נוצלעכע און פּאַטריאָטישע טעטי־קייט, מען רודפט זיי... פאַרוואָס קומט עס זיי? ווער איז דאָ שול־דיק?...

אייגער האָט גערעדט, די שטים האָט ביי אים געציטערט. אין צימער איז געווען שטיל און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס פּלאַצט אויף אים זיין אַסימילאַטאָריש פּאַנצערל, אין וועלכן ער זיצט ווי אין אַן איבערגעטריקנטן שאָלעכץ...“

די אַנטיסעמיטישע העצע און די צאַרישע גזירות זענען אָבער נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן און עס איז געווען נייטיק צו אַלאַרמירן וועגן דעם

די יידן אין דער וועלט. מען האָט געוואָלט, אַז עס זאָלן וויסן וועגן די דראָענדיקע געפאַרן די יידן אין די אַליאירטע און נייטראַלע לענדער.

צוליב דער שטרענגער מיליטערישער צענזור האָבן די ידיעות אויף אַ נאָרמאַלן אופן נישט געקענט איבערגעשיקט ווערן קיין אויסלאַנד. האָט מען באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט פון דעם דענישן קאָנסול אין וואַרשע באַלעסלאַוו אייגער. בכדי אים צו באַרויקן, אַז דער ענין וועט זיין „כשר“, האָט מען איבערגעגעבן דאָס צוזאַמענשטעלן דעם באַריכט וועגן דער יידישער לאַגע סטאַניסלאַוו נאַטאַנסאָנען און דאַן האָט עס קאָנסול אייגער אָפּגעשיקט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן וועג קיין קאָפּענהאגן, ווו עס איז דאַן געוועזן דער צענטער פון דער יידישער אַרבעט און אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון יידן אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז באַלעסלאַוו אייגער געוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון דער אַסימילאַטאָרישער ליסטע. אָבער זיין ראָל דאָרט איז געווען זייער אַ פּאַסיווע, ווייל ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף דעם אַנטשלאָסענעם ווידערשטאנד פון די פאָרשטייער פון יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן מיט פאָדערונגען פון יידישע רעכט, יידישע שולעס און יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אין אַ פאָרם, וואָס איז די אַסימילאַטאָרן געווען אינגאנצן פרעמד. זיי זענען געווען געוווינט צו שתדלנות און צו בעטן טובות ביים פּריץ פאַר די גרויסע געלטער, וואָס זיי האָבן אויסגעגעבן אויף פרעמדע צוועקן, אָבער נישט צו פאָדערן די רעכט, וואָס עס קומט מענטשן, וועלכע באַטראַכטן זיך ווי גלייכע בירגער פון לאַנד.

די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן זענען געווען די לעצטע פון דער עפנטלעכער טעטיקייט פון דער אַסימילאַציע און דער סוף פון זייערע השפעות אין דעם יידישן סעקטאָר, ווי אין דעם אַלגעמיינעם לעבן. אין דעם באַפרייטן פּוילן האָבן זיי פאַרלוירן יעדע באַדייטונג און זענען פולשטענדיק פאַרשווונדן אַלס אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג. יעדער פּרווו זייערער ווידער אויפצולעבן האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אַנטשלאָסע־

נעם ווידערשטאַנד פון דעם גוט־אָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן לאַגער — פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען. געוויסע יחידים פון דער אַמאָליקער אַסי־מילאַציע זענען פון צייט צו צייט טאָלערירט געוואָרן צוליב זייערע פּער־זענלעכע מעלות און גרייטקייט צו דינען דער יידישער עפנטלעכקייט, אָבער אָן דער פּאָליטישער באַזע פון די אַמאָליקע אַסימילאַציע־אידעען. אייניקע פון זיי האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער זאַך, אַנדערע האָבן זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן, ווערנדיק אינגאַנצן פאַרגעסן.

אַ צוריקגעצויגענער פון דעם עפנטלעכן לעבן און כמעט אַ פאַרגעסע־נער אַלס אַן אַמאָל אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער עסקן, איז באַלעסלאַוו אייגער פלוצלונג געשטאָרבן אין יאָר 1922. די גרויסע נעקראָלאָגן אין די פּוילישע צייטונגען און די נאָטיצן אין די יידישע צייטונגען האָבן בלויז דערמאָנט זיין אַמאָליקע טעטיקייט אין דעם יידישן און אין דעם אַל־געמיינעם לעבן.

ווען דער טויטער קערפּער פון באַלעסלאַוו אייגער איז נאָך געלעגן אויפן קאַטאַפאַלק, אין דעם סאַלאָן פון זיין גרויסער דירה, איז צומאָר־גנס געשטאָרבן אויך זיין ברודער בראַניסלאַוו און ביידע לוויות זענען פאָרגעקומען אינאיינעם. ביידע זענען באַגלייט געוואָרן דורך ריזיקע מאסן, יידן און פּאָליאַקן, צו זייער אייביקער רו, אין דעם פאַמיליען־קבר אויפן וואַרשעווער בית־עולם. עס האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד אויך די קרייזן יידן, וואָס האָבן ביי זייער לעבן געפירט אַ פאַרבי־סענעם קאַמף קעגן זייער טעטיקייט אַלס פירער פון דער וואַרשעווער אַסימילאַציע. מען האָט אָבער אָנערקענט די ערלעכקייט, איבערגעגעבנ־קייט און זייער קרבנות־גרייטקייט לטובת הכלל.

מיט דעם טויט פון ביידע ברידער אייגער זענען פאַרשוואונדן צוויי זיילן פון דער יידישער אַסימילאַציע אין פּוילן, אָבער דערמיט איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן דאָס קאַפּיטל און טעטיקייטס־פּאַרנעם פון דער איי־גער־משפחה אין יידישן לעבן אין פּוילן.

5

ווי אַ טרייע אָפּהיטערין פון אַ גרויסער גייסטיקער ירושה האָט אײַ־בערגענומען די טראַדיציע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז געווען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין די בלוטן פון דער אייגער־משפּחה, די אלמנה נאָך באָלעסלאַוו אייגער, פרוי דיאַנא, אָדער ווי מען האָט זי שטענדיק טיטולירט „פּאַני קאָנסולאַווא“.

פריער איז עס געווען נישט מער ווי אַ המשך פון די פאַמיליען־פאַרפליכטונגען, וואָס די משפחה אייגער האָט גענומען אויף זיך לגבי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, לגבי די אַסימילאַטאָרישע „דעת“־שולעס, לגבי דעם בית־יתומים אדג. הגם עס איז אויך געווען אַ וויכטיקע שטיצע, הגם מען האָט דערויף זיכער אויס־געגעבן גרויסע געלט־סומעס, איז עס אָבער געווען אַ קליינע און באַגרע־נעצטע אַרבעט, אָן פאַרנעם.

דיאַנא אייגער האָט אויך ווייטער געצויגן די טראַדיציע פון איר משפחה צו שטיצן יונגע און בויטבאַדערפטיקע קינסטלער און שוין עפּטער — ווי דאָס פלעגט געשען אין די אַמאָליקע יאָרן — געקויפט בילדער אויך ביי יידישע קינסטלער, בפרט דאַן ווען אַ גוי האָט דעם יידישן קינסטלער רעקאָמענדירט. אָבער די דאָזיקע געקויפטע ווערק האָבן זעלטן זוכה געווען צו פאַרנעמען די ווענט פון די סאַלאָנען אין איר שיינער דירה, נאָר זענען ס׳רוב אַוועק אויפן בוידעם אָדער אין די קע־לערס. די ווענט זענען געווען פאַרהאָנגען מיט בילדער פון פוילישע קינסטלער. דאָס קויפן בילדער פון יידישע קינסטלער איז געווען איינע פון די פילאַנטראָפּישע טעטיקייטן פון דער רייכער און שטאַרק אַסימיליר־טער „פּאַני קאָנסולאָווא“.

ערשט אין יאָרן אַרום איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון דיאַנא אייגער און אין איר איינשטע־לונג בנוגע יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

דיאנא אייגער האָט געשטאַמט פון דער רייכער לאָדזשער פאַברי־קאנטן־משפחה זילבערשטיין, און חתונה־האָבנדיק מיט אייגערן, האָט זי דורך איר נדן באַדייטנדיק פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן.

אַ פרוי מיט אַן אומגעוויינלעכער אייראָפּעאישער קולטור, אָבער נישט קיין שטארק שיינע, איז איר פאַמיליען־לעבן אין די יונגע יאָרן נישט געווען פון די גאָר גליקלעכע. דאָס איינציקע, וואָס האָט געבונדן מאַן און ווייב — אויסער די קינדער, פאַרשטייט זיך — איז געווען די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, פאַר וועלכער זי האָט געהאט נישט קיין קלע־נערן אינטערעס און פאַרשטענדעניש ווי איר מאַן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס, וואָס זי האָט נישט געפונען אין דעם פאַמיליען־לעבן מיט איר מאַן, האָט זי אָבער יאָ געפונען אין דער געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער פאַר־אינטערעסירונג. דיאנא אייגער איז געווען באמת גייסטרייך, פול מיט פיינעם הומאָר, אומגעוויינלעכער ענערגיע און איניציאַטיוו פאַר כלל־ענינים.

די אייגערס האָבן געהאט דריי קינדער:

דער עלטסטער זון סטעפאַן איז געווען אַ באַקאנטער מאָדערנער פּוי־לישער דיכטער און האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים נאַפּיערסקי. ער האָט חתונה געהאט מיט דער שוועסטער פון דעם באַרימטן פּוילישן דיכטער יוליאַן טווים, האַנקא, אויך אַ דיכטערין. דאָס צוזאמענלעבן האָט לאַנג נישט אָנגעהאלטן און ווען האַנקא טווים האָט אים פאַרלאָזט, האָט מען פאַרזיכערט, אַז סטעפאַן נאַפּיערסקי האָט זיך געשמדט. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים בכלל און פאַר יידישע בפרט נישט געהאט קיין שום אינטערעס. סטעפאַן האָט פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט נישט געדאַרפט לעבן, ווייל ער איז געווען מאַטע־ריעל גוט פאַרזיכערט דורך דער ירושה און אַנטייל אין די גרויסע פאַ־מיליען־געשעפטן.

דאָס אויסמיידן זיך צו אינטערעסירן מיט יידן און יידישע פּראָבלע־מען איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ סיסטעם ביים רוב פּוילישע שריי־בער, דיכטער און קינסטלער, וואָס זענען געווען יידן אָדער האָבן גע־שטאַמט פון יידן. זיי האָבן נישט געזען, אָדער ריכטיקער געזאָגט: נישט

געוואָלט זען אַ מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, אַ טיף איינגעוואָרצלטע יידישע קולטור, וואָס האָט עקזיסטירט, זיך אַנטוויקלט און געוואַקסן אין זייער נאָענטער שכנהשאַפט. אמתע פּאָליאַקן האָבן אָפּטמאָל געהאַט מער פאַרשטענדעניש און מער אינטערעס פאַר דעם ווי די, וואָס זענען געקומען צו דער פּוילישער קולטור פון יידישע היימען. אַ פּאָליאַק פון דור־דורות האָט אָפּטמאָל מער געוווּסט וועגן יידישע שרייבער און יידישע קינסט־לער ווי די דאָזיקע האַלבע און גאַנצע משומדים, אָדער גאָר קאַנדידאַטן צום שמד. אַן אמתדיקן פּאָליאַק האָט מען אָפּטמאָל שנעלער געקענט זען אויף אַן אינטערעסאַנטער יידישער טעאַטער ־ פאָרשטעלונג ווי איינעם פון זיי. אמתע פּאָליאַקן האָבן געשריבן וועגן דער אויפפירונג פון אַנ־סקיס „דיבוק״ ביי דער „ווילנער טרופּע״, אָדער וועגן אַ פאָרשטעלונג פון „וויקט״ — אָבער זיי קיינמאָל נישט.

אַן אויסנאַם זענען אפשר געווען די פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה״ אין וואַרשע, וועגן וואָס אויך די פּוילישע פּרעסע האָט געשריבן אויס־פירלעכע רעצענזיעס און מען האָט אין טעאַטער געקענט זען פיל אָנגע־זעענע פּאָליאַקן, באַרימטע פּוילישע קינסטלער, שרייבער, הויכע מלוכה־לייט און מיליטער־לייט, מיניסטאָרן און גענעראַלן אַפילו. דאַמאָלס זע־נען זיי אויך דערשינען, ווייל דאָס איז דאָך נישט געווען קיין „זשאַר־גאָן״־קונסט, נאָר קונסט אין דער ביבלישער שפּראַך, און עס איז געווען נישט פון פוילן גופא, נאָר אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד... אדרבה, דאָס האָט נאָך געהערט צום גוטן טאָן. מען האָט זיך דערמיט נישט געדאַרפט שעמען...

נאָך אַן אויסנאַם זענען געווען שלום אש און יוסף אָפּאַטאָשו, מיט וועלכע די פּוילישע ליטעראַרישע וועלט האָט זיך גערעכנט, לכבוד וועמען דער פּוילישער פּען־קלוב פלעגט איינאָרדענען פייערלעכע אויפנאַמען, אָבער וועלכע מען האָט אויך באַטראַכט פאַר אויסלענדער, ווייל זיי ווויינען אין צפון־אַמעריקע און זענען אַמעריקאַנער בירגער, הגם סיי אַש סיי אָפּאַטאָשו באַטראַכטן זיך זייער גאַנץ לעבן אַלס פּוילישע יידן.

אז סטעפאַן נאַפּיערסקי האָט זיך, — אין אויגוסט 1930, — באַ־געגנט מיט שלום אַשן אין באַד גאַשטיין, ווו אשן האָבן אַלע געקענט און

וועגן דעם פּוילישן דיכטער „נאַפּיערסקי“ האָט קיינער נישט געוווסט, — האָט ער געמאַכט מיט אַשן אַן אינטערוויו און עס פאַרעפנטלעכט אין דער פּאָפּולערער פּוילישער ליטעראַרישער אויסגאַבע „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע“, — אין אָרגאַן, וואָס די צוויי משומדים אַדאָם באָרמאַן און מיעטשיסלאַוו גרידזעווסקי (גריצענדלער) האָבן אַרויסגעגעבן לאַנגע יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות און וו מען האָט געווידמעט אַ סך אָרט אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט, נאָר נישט דער יידישער; וו מען האָט זיך פאַרנומען מיט דער קולטור פון אַלע פעלקער — נאָר נישט פון יידן.

דער דאָזיקער שמועס מיט שלום אַשן איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ (נומער 37, זיבעטער יאָרגאַנג, וואַרשע, 12 סעפּטעמבער 1930) מיט פאָלגנדיקער איינלייטונג פון נאַפּיערסקין:

„אויפן פּען־קאָנגרעס האָט מען שלום אַשן אָנגערופן אַלס איינעם פון די באַרימטסטע פּראָזאיקער אין דער וועלט און מיט רעכט. אַלס באַוויז קען דינען דער פאַקט, וואָס עס דערשיינט איצט אַ פולע אויסגאַבע פון אַשס ווערק אין דייטש, דורך אים אַליין קאָנטראָלירט. בקרוב זאָל אויך דערשיינען אַ פּוילישע איבערזעצונג פון אַשס וויכטיקסטע ווערק. איך מיין, אַז דאָס דאַרף נאָך שטאַרקער באַגריסט ווערן — ווייל אַש איז אמווייניקסטן באַקאַנט אין דעם לאַנד, נישט בלויז פון וועלכן ער שטאַמט, נאָר צו וועלכן ער קערט זיך אום יאָר־איין, יאָר־אויס צוריק, שטייענדיק מיט דעם לאַנד אין אַ קולטורעלן קאָנטאַקט.

ווען איך לייען דעם מיטלסטן טייל פון אַשס טרילאָגיע, מיט דעם באַזונדער לאָקנדיקן נאָמען „וואַרשע“, פיל איך די אויסערגעוויינלעכע פולקייט פון דעם בוך, דעם הויכן אָרט פון זיין רעאַליזם, וואָס דערמאָנט נישט איינמאָל אָן גאָרקין.

אַש ווייזט זיך מיר אויס אַן אויסערגעוויינלעכער מייסטער פון אַטמאָספער, וואָס שאַפט ווייט־צעעפנטע פרעסקן אויפן געזעלשאַפטלעכן פאָן; זיי זענען סאָליד געגרונטעוועט, באַאַרבעט אין די מינדסטע קלייניקייטן און שטענדיק מיט אַ זיכערער האַנט.

אויף אַשן ליגט די ברכה פון דעם געבוירענעם עפּיקער, וואָס

קאָן אַריינדרינגען אין דער פאַרשידנאַרטיקסטער מענטשלעכער פסיכיק. ער קען אויף זיינע גרויסע לייוונטן ווייזן דאָס פליסנדיקע לעבן פון יחידים און גרופעס, געשטאַלטן זיי אין מאָנומענטאַלע פאָרמען. מיט יעדן פון זיינע העלדן איז אַש אין נאָענטן קאָנ־טאַקט, אַ קאָנטאַקט אַ פשוטער, טיפער און מענטשלעכער. די ברכה פון וואונדערבאַרן אָביעקטיוויזם און שטאַנדהאַפטיקער ער־לעכקייט, וואָס פילט מיט מיט אַלץ, וואָס איז מענטשלעך.

משפטנדיק לויט דער איבערזעצונג, באַנוצט אַש זייער אַ סובטעלן און פּילאַרטיקן סטיל, אין וועלכן דער מחבר קען אַלץ אַרויסזאָגן.

אין אַ פּאַנאָראַמע פון זייער הערלעכע בערג באַגעגן איך זיך מיט דעם דיכטער און שמועס מיט אים לאַנג. מיר זיצן אין אַ זוניקן און לינדן טאָג ביים טיש, אויף וועלכן עס ליגט ברויט, פּו־טער און מילך. צופוסנס ליגן אויסגעשפּרייט גרעל־גרינע פּליי־נען, געדיכט באַזייט מיט בלומען; פון דער וויטן שלאָגן וואַסער־פאַלן.

דאָס לעבן פון דעם שרייבער, וואָס איז איצט דער גרעסטער אין זיין ליטעראַטור, און וועמענס רום און פּאָפּולאַריטעט איז שוין לאַנג אַרויס מחוץ פון אירע גרענעצן — איז גלייכצייטיק אומגעוויינלעך און כאַראַקטעריסטיש און דערמאָנט ווידער אַמאָל אָן גאָרקים לעבן.״

ווען איך האָב אָנומלט, מיט יאָרן שפּעטער, געפרעגט נאַפּיערסקיס מוטער פּאַרוואָס זי באַמיט זיך נישט משפיע צו זיין אויף איר זון, אַז ער זאָל זיך נעענטער באַקענען און פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, האָט זי מיר אין דער פולער באַאיוויטעט גע־ענטפערט, אַז ער האָט דאָך געהאַט געמאַכט אַן אינטערוויו מיט שלום אַשן און עס פּאַרעפנטלעכט אַזש אין די „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע״, וואָס דאָס אַליין האָט מען שוין באַטראַכט פאַר אַ גרויס געשעעניש...

6

די איינציקע טאָכטער פון דיאַנאַ און באָלעסלאַוו אייגער איז גע־ווען מאַריאַ, אָדער ווי מען האָט זי גערופן מארילאַ. רייך מאַטעריעל און בלי־ספק רייך גייסטיק, איז זי אָבער פיזיש געווען שרעקלעך מיאוס. ממש אַ פּאַרזעניש. אפשר ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער עוולה, וואָס די נאַטור איז לגבי איר באַגאַנגען, אפשר זענען אויך געווען ריין־אידעאישע מאָטיוון, אָבער די מיליאָנערשע איז אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג און פוילן ווי איינע פון אירע אַקטיווסטע טוערינס. דעם אמת געזאָגט, האָט זי שטאַרק אַקטיוו נישט געקענט זיין, ווייל דאָס רוב פון אירע רייפע יאָרן האָט זי פאַרבראַכט אין תפיסות. זי איז שטאַרק גערודפט געוואָרן דורך דער פוילישער פּאָליציי און עטלעכע מאָל פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערע תפיסה. זי פלעגט געשיקט ווערן אין אַזעלכע תפיסות, וווּ דער רעזשים לגבי פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען אַ ספּעציעל שטרענגער, אָבער זי האָט זיך פאַר דעם נישט גע־שראָקן. זי האָט קיינמאָל נישט געלייקנט איר אָנגעהעריקייט צו דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אָבער — נישט געקוקט אויף די פייניקונגען פון דער פּאָליציי — קיינמאָל נישט אויסגעגעבן די חברים אירע פון דער באַוועגונג, וואָס איז אין פוילן געווען נישט לעגאַל. אַ לענגערע צייט איז איר אַרבעטס־געביט געווען צווישן די דייטשע אַר־בעטער אין לאָדזש, ווייל צוליב איר פּערפעקטער קענטעניש פון דער דייטשער שפּראַך און אַפילו צוליב איר פאַמיליען־נאָמען פלעגט זי אָנ־גיין אַלס דייטשקע. איר נאָמען האָט אַפילו פיגורירט אַלס קאַנדידאַטין בעת די סיים־וואַלן אויף דער קאָמוניסטישער ליסטע אין לאָדזש.

די מוטער האָט געגלויבט אין דעם אידעאַליזם פון איר טאָכטער און, אַליין אַ פרייער און טאָלעראַנטער מענטש, האָט זי נישט בלויז נישט געשטערט איר טאָכטער צו זיין אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, נאָר, אדרבה, געטאָן אַלץ, אָפטמאָל קעגן דער טאָכטערס

ווילן, בכדי איר צו פאַרלייכטערן איר גורל. די רייכע דאמע מיט אַריס־טאָקראַטישע מאַניערן איז געווען פאַר איר טאָכטער אַ פילבאַרע מור־טען, פלעגט פאָרן זי באַזוכן איבער די ווייטע תפיסות פון לאַנד און פלעגט זאָרגן, אַז דער טאָכטער זאָל גאָרנישט פעלן, אָפטמאָל קעגן דעם ווילן פון דער טאָכטער גופא.

ווען מאַריאַ אייגער פלעגט צווישן איין אַרעסט און דעם אַנדערן זיך געפינען אויף דער פריי און ווידער געזוכט ווערן דורך דער פּאָליציי, פלעגט די רייכע וווינונג פון איר מוטער אָפטמאָל איבערגעפאַלן ווערן דורך דער פּאָליציי, אפילו אינמיטן נאַכט. דיאַנא אייגער איז אויך צוליב דער טאָכטער געווען אַ ציל־ברעט פאַר אָנגריפן פון דער אַנטיסעמיטי־שער פּרעסע, וועלכע האָט אָנגעוויזן אויף די יידישע מיליאָנערישע קינדער, וואָס פּראַווען קאָמוניזם. אָבער דיאַנא אייגער פלעגט דערויף רעאַגירן מיט איר גוטמוטיקן שמייכל און מיט אַ שאַרפזיניקן ווערטל.

בלויז איינמאָל איז דיאַנא אייגער געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף איר טאָכטער. דאָס איז שוין געווען אין די צייטן, ווען זי אַליין האָט זיך דערנעענטערט צום יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דעם פּאַריינ־יקטן קאָמיטעט צו באַקעמפן די רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד.

קומענדיק אַמאָל צו אַ זיצונג, האָט זי מיר דערציילט בסוד־סודות, אַז עס איז געקומען צו איר אין וווינונג אַ פּוילישער אַרבעטער, עפּעס אַ פּרימיטיוווער יונג מיט ביינער, ווי זי האָט עס געזאָגט. ער האָט געבראַכט אַ בריוול פון איר טאָכטער, וואָס האָט זיך דאָן לויט אַ געריכטס־אורטייל געפונען אין דער פּרויען־תפיסה אין בידגאָשטש, און ער האָט דער־קלערט, אַז מאַריאַ האָט מיט אים חתונה־געהאַט און ביי דער „שוויגער" געפאָדערט געלט, טאַקע אַ גרעסערע סומע, אויפן חשבון פון דער ירושה, וואָס עס קומט דער טאָכטער...

— וואָס זאָגט איר צו דעם איידעם פון ר' עקיבא אייגערס אור־אייניקל?...

דאָס האָט שוין אַפילו איר פריידענקערישע און טאָלעראַנטע נשמה ניט געקענט פאַרטראָגן און זי האָט אים משלח געווען פון שטוב.

דער דריטער זון איז געווען דער שוין פריער־דערמאָנטער קאַזשי־

מיזש אייגער, וועלכער איז נאָכן ענדיקן די מיטל־שול אין וואַרשע אַוועק קיין פּאַריז ווייטער שטודירן.

אַלע דריי קינדער פון די אייגערס זענען געווען געשמדט. אָבער סטעפאַן און מאַריאַ האָבן דאָס געטאָן שוין אין זייערע רייפע יאָרן, ווען זיי זענען געווען די בעלי־בתים פון זייער גורל.

דער יינגסטער קאזשיק האָט עס געטאָן נאָך אַלס קינד, אויף זיין אייגענער האַנט, ווען ער איז געווען אַ שילער אין גימנאַזיע אין וואַרשע.

דיאַנא אייגער האָט מיר וועגן דעם דערציילט אַט־וואָס:

— קאזשיק איז געווען אין אַ פּוילישער מלוכהשער גימנאַזיע דער איינציקער יידישער שילער אין קלאַס. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ווען אַלע חברים פון קלאַס גייען אין קאָשציאָל אַריין צו די תפילות, הייסט מען אים בלייבן אין קלאַס אָדער אהיימגיין. ווען עס קומען פאַר רעליגיעזע צערעמאָניעס, זאָגט מען אים, אַז מיט אים האָט עס קיין שייכות נישט, ווייל ער איז נישט קיין קריסט. די חברים אין קלאַס האָבן פון אים דעריבער שטענדיק חוזק געמאַכט, אַז ער איז אַ נישט־גלויביקער, אַ פרעמדער. איין יאָר און אַ צווייט יאָר האָט ער עס שווייגנדיק פאַרטראָגן. קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, הגם עס האָט אים וויי־געטאָן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע חברים. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין אויסנאַם. האָט ער געבעטן דעם גלח, אַז ער זאָל אים דערלויבן זיך באַטייליקן אין אַלע תפילות. און איינמאָל איז ער אַהיימ־געקומען און דערקלערט, אַז פון היינט־אָן איז ער אויך אַ קריסט, ווייל ער איז געגאַנגען אין קאָשציאָל אַריין און זיך געשמדט. ער איז דאַן אַלט געווען אַן ערך 12 יאָר. דאָס איז געווען עטלעכע טעג פאַרן פאָטערס טויט.

ווען דיאַנא אייגער האָט עס מיר אין יאָר 1933 דערציילט אין גענף, האָט זי צוגעגעבן:

— מיר האָבן זיך געבייזערט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב מורא צו זאָגן, אַז קאזשיקס שמד האָט צוגעאיילט דעם טויט פון מיין מאַן... מיר זענען טאַקע נישט געווען קיין רעליגיעז־געשטימטע, מיר האָבן טאַקע אונדזערע קינדער נישט געגעבן קיין שום רעליגיעזע דער־

ציאונג, אָבער קיין משומדים האָט מיין מאַן נישט געוואָלט האָבן... ער שטאַמט דאָך פון ר׳ עקיבא אייגער און איז שטענדיק געווען שטאָלץ דערויף... קען זיין, אַז מיר זענען אליין שולדיק געווען אין דעם... דאָס איז די טראַגעדיע פון אונדזער אַסימילאַציע, אין וועלכער מיר האָבן גע־גלויבט און וועלכע האָט אונדז אַזוי אַנטוישט...

אזוי האָט דיאַנא אייגער גערעדט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

נאָך איין וויכטיקער מיטגליד פון דער אייגער־משפּחה דאַרף דער־מאָנט ווערן.

דאָס איז דער זון פון בראָניסלאַוו אייגער, אינזש. אַנטאָני אייגער. אַ הויכער, שלאַנקער, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר און העל־בלויע אויגן, עלעגאַנט און סימפּאַטיש, וואָלט איר געשווירן, אַז איר האָט דאָ צו טאָן גיכער מיט אַן אַריער פון דור־דורות, ווי מיט אַן אָפּשטאַמיקן פון דעם פּויזנער גאון ר׳ עקיבא אייגער. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און עס זענען דערשינען די ראַסן־געזעצן, האָבן מיר זיך גע־וויצלט, אַז געבעלס און אַ סך נאַציסטישע גדולים, וועמענס אויסערלעכער אויסזען איז נישט געווען אַזוי ריין־אַריש, וואָלט אַ סך געגעבן דערפאַר, אַז ער זאָל באַקומען דעם אויסערלעכן אויסזען פון אַנטאָני אייגערן. אַן אמתדיקער נאָרדישער טיפּ.

זיין נאָמען אַנטאָני איז אויך געווען אַ פּאָרפּוילישונג פון דעם העברעאישן נאָמען עקיבא, נאָכן זיידן זיינעם, דעם אייניקל פון דעם פּויזנער גאון.

צי ער האָט זיך אין זיינע יונגע יאָרן אָפּגעגעבן דערפון אַ דין־וחשבון — ווייס איך נישט, ווייל ער איז געווען לגמרי אַסימילירט און האָט זיך בכלל מיט קיין שום פּראָבלעמען פון יידישן לעבן נישט איני־טערעסירט.

נאָכן פאַרענדיקן די מיטל־שולע אין וואַרשע האָבן אים די עלטערן געשיקט קיין ענגלאַנד, וווּ ער האָט שטודירט כעמיע אין דעם אַריסטאָ־קראַטישן אָקספאָרד, און האָט זיך געווידמעט דער כעמישער אינדוסטריע, פריער אַלס מיטאַרבעטער פון דער באַרימטער „בריטיש־קימיקל־אינדוס־

טרי״ (וואָס געהערט צו דער העכסטער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע און ווו די יידישע משפחות פון לאָרד מעלטשעט, הערבערט סעמועל און לאָרד רידינג זענען באַדייטנדיקע שותפים) און שפּעטער, נאָך זיין צוריקקומען קיין פּוילן, איז ער גלייך אַריינגעטראָטן ווי איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן פון די גרויסע משפחה־אונטערנעמונגען.

נאָכן אויפקום פון היטלעריזם, ווען דיאַנא אייגער איז שוין געווען אַקטיוו אין דער אַנטי־היטלער־קאַמפּאַניע, האָט זי אונדז צוזאַמענגעפירט מיט אַנטאָני אייגער. מיר האָבן אים איינגעלאַדן צו איין זיצונג, צו אַ צווייטער, דאַן צו אַ גרעסערער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג וועגן קאַמף קעגן היטלעריזם. אַנטאָני אייגער איז דאַמאָלס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען אויף יידישע פאַרזאַמלונגען. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאַציאָנאַלע יידישע עסקנים, צום ערשטן מאָל געהערט רעדעס אין יידיש. עס איז פאַר אים געווען אַ נייע סביבה, אַ נייע וועלט. לכתחילה איז עס אפשר פאַר אים אַפילו געווען אַ ביסל עקזאָטיש צו זיצן ביי איין טיש נישט נאָר מיט וועלטלעכע ציוניסטישע פירער, נאָר אויך מיט ר׳ איטשע מאיר לעווין, וואָס האָט כמעט קיין פּויליש וואָרט נישט אַרויסגערעדט; מיטן ריישער רב, דעפּוטאַט הרב ר׳ אהרון לעווין, מיטן ווילנער רב, סענאַטאָר הרב רובינשטיין (וואָס האָבן שוין דווקא גערעדט אַ פּערפעקטן פּויליש און באַהערשט אויך אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן). ער איז דאָ אויך געקומען אין קאָנטאַקט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן מיט פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, מיט יידישע האַנטווערקער־ און קליינהענדלער־פירער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען, צו די מיינונגס־פאַרשידנקייטן, פּאַרטיי־דיסקוסיעס, פּאָלעמיקעס און אַפילו רייסערייען. אין אָנהויב האָט ער זיך בלויז צוגעהערט און אָבסערווירט אַלץ וואָס עס קומט פאָר, שפּעטער שוין אָנגעהויבן מאַכן באַמערקונגען, נעמען אָנטייל אין דער דיסקוסיע, מאַכן פאָרשלאָגן. ער איז אַריין אין דער אַקטיוור אַרבעט, געשטיצט עס פינאַנציעל און אָנגעהויבן זאַמלען געלט ביי אַנדערע.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנטי־היטלער־באָיקאָט איז אַנ־

טאָני אייגער געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַטאָרן און עסקנים פון דעם באָיקאָט. ער האָט שוין גערופן פאַרזאַמלונגען פון די קרייזן פון זיינע פריינד, ער איז שוין געגאַנגען אויף אַנדערע פאַרזאַמלונגען און געהאַלטן פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס קעגן היטלעריזם, ער האָט אָנגעהויבן באַזוכן פּראָווינץ־שטעט און אָרגאַניזירן די אַנטי־היטלער־קאָמיטעטן. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן מיט אים. אַנטאָני אייגער אַ רייע גרויסע שטעט אין פּוילן: קראָקע, לובלין, ביאַליסטאָק, קאַטאָוויץ, און איך וועל מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן אונדזער באַזוך אין דער אַלטער יידישער קהלה אין פּויזן, ווו מיט הונדערט יאָר פריער איז זיין עלטער־עלטער־זיידע, דער גאון ר׳ עקיבא, געווען רב. אויף דער איינלאַדונג פון דער פּויזנער קהלה זענען מיר ביידע געפאָרן אָנטיילצונעמען אין אַ גרויסער אַנטי־היטלעריסטישער פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן און וואָס האָט געהאַט אַ וויכטיקע פּאָליטישע באַדייטונג צוליב כמה טעמים. ראַשית־כל האָט זיך פּויזן געפונען נאָענט פון דער דייטשער גרענעץ און אין דער שטאָט גופא, וואָס האָט 150 יאָר געהערט צו פּרייסן, האָבן נאָך געוווינט אַ סך דייטשן און די דייטשע שפּראַך איז דאָרט געווען די צווייטע אומגאַנגס־שפּראַך אַפילו צווישן די פּאָליאַקן. והשנית, איז פּויזן שוין אונטער דער פּוילישער הערשאַפט געווען אַ פעסטונג פון דער פּוילישער רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם.

די אַנטי־היטלער־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער, אַלטער שול, ווו עס האָבן מיט הונדערט יאָר פריער געדאַוונט די עלטער־זיידעס פון אַנטאָני אייגער, דער גאון ר׳ עקיבא און זיין ממלא מקום ר׳ שלמה אייגער. אין דער שול איז נאָך געשטאַנען די מאַסיווע, קינסטלעריש־געשניצטע שטול, אויף וועלכער ר׳ עקיבא אייגער איז געזעסן. די שטול איז געווען צוגעדעקט מיט אַן אַלט לייוונט און לכבוד דעם אינזשעניער אַנטאָני אייגער האָט מען די שטול אויפגעדעקט און אים מכבד געווען צו זיצן אויף איר. זינט פיל צענדליקער יאָרן איז קיינער אויף דער דאָזיקער שטול שוין נישט געזעסן. דאָס איז באמת געווען אַן עמאָציאָנירנדיקער מאָמענט, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ געוואַלדיק־שטאַרקן רושם. איבעריק צו זאָגן, ווי גערירט אַנטאָני אייגער איז דערביי געווען.

די אַלטע פויזנער שול איז געווען פול געפּאַקט מיט צוהערער. עס זענען געקומען נישט נאָר ס׳רוב יידישע איינוווינער פון פויזן גופא, מע־נער, פרויען און אַ גרויסע צאָל יוגנט, נאָר אויך אַ סך יידן פון די אַרו־מיקע שטעט און שטעטלעך. עס איז פאַקטיש געווען די ערשטע גרויסע עפנטלעכע יידישע פאַרזאַמלונג אין פויזן זינט אַ סך יאָרן און האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג אין די דאַמאָלסטיקע פּאָליטישע באַדינ־גונגען.

איך דאַרף צוגעבן, אַז די גאַסן אַרום דער שול זענען געווען אַרומ־גערינגלט דורך מחנות פּאָליציי, וואָס האָט באַוואַכט די פאַרזאַמלונג, אַז זי זאָל נישט איבערגעפאַלן ווערן דורך די דאָרטיקע פּראָ־נאַצישע דייטשן אָדער סתם דורך פּוילישע אַנטיסעמיטן.

אַזאַ איבערלעבונג האָט אויף דער פילבארער נשמה פון דעם יונגן אינזש. אַנטאָני אייגער בלי־ספק געמוזט מאַכן זייער אַ שטאַרקן איינ־דרוק, ווייל פון דאַן אָן איז ער געוואָרן נישט נאָר איינער פון די אַק־טיווסטע און פירנדיקע אַנטי־היטלער־טוער, נאָר האָט זיך בכלל דער־נענטערט צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטע־רעסירן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן כלל. איז געוואָרן אַ ביישטייערער פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן, וואָס זענען אים ביז דאַן גע־ווען פרעמד. מען האָט שוין געקענט קריגן ביי אים ביישטייערונגען אויף יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און ער האָט זיך אויך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט ארץ־ישראל. זייענדיק זייער פעאיק צו שפּראַכן, האָט ער שנעל אָנגעהויבן פערפעקט פאַרשטיין יידיש און אַפילו אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטלעך אין זיינע פּוילישע רעדעס. בעת די געמיינזאַמע זי־צונגען האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים אויסלערנען זיך אונטער־שרייבן אויף יידיש. ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם אלף־בית און גאָר אין גיכן אָנגעהויבן לייענען יידישע צייטונגען.

נאָכדעם ווי די פּוילישע רעגירונג האָט אונטערגעשריבן אַ פאַר־שטענדיקונג מיט דער היטלער־רעגירונג און עס איז אין פּוילן פאַרווערט געוואָרן די אַנטי־היטלער־אַקציע, האָבן מיר געמוזט איבערגיין צו אַ טיילווייז נישט־לעגאַלער טעטיקייט. מיר האָבן געגרינדעט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון דער סטודענטן־ און אַרבעטער־יוגנט, וועלכע האָט,

בלומרשט אויף אייגענער האַנט, דורכגעפירט אַנטי־היטלעריסטישע מאַ־ניפעסטאַציעס אין שטאָט, ס'רוב ביי דער דייטשער אַמבאַסאַדע, האָט פובליקירט בראָשורן, פונאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן קעגן די באַזוכן פון געריגנגן און געבעלסן אין וואַרשע אאַז. בראש פון דעם דאָזיקן קאַמי־טעט האָט זיך געשטעלט אַנטאַני אייגער און געפירט די אַרבעט מיט אמתדיקער מסירת נפש. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די פּאָליציי־דראָאונגען און פאַר די קאָנסעקווענצן, מיט וועלכע דאָס האָט געדראָט.

די פּאָנדן, וואָס זענען דאַן בויטיק געווען פאַר דער דאָזיקער טעטי־קייט, האָבן מיר געזאַמלט נאָר צווישן פערזאָנען, צו וועלכע מען האָט געקענט האָבן דעם אַבסאָלוטן צוטרוי און וועלכע האָבן די געלטער גע־געבן אויפן וואָרט, אָן שום קוויטונגען. אויך מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַנטאַני אייגער, שאַפנדיק און געבנדיק אַליין גאַנץ באַ־דייטנדיקע געלט־סומעס.

אַנטאַני אייגער האָט אויך נישט געקענט שוין בלייבן גלייכגילטיק צו די פּראָבלעמען פון ארץ־ישראל און זיך באַגנוגענען בלויז מיט ביי־שטייערן פאַרן קרן־היסוד. ער האָט באַזוכט עטלעכע מאָל ארץ־ישראל און פאַראינטערעסירט אַ גרופּע פון זיינע פריינד צו שאַפן אַ קאָנסאָרציום און גרינדן דאָרט אַ כעמישע אינדוסטריע און צעמענט־אונטערנעמונגען. צו דעם צוועק האָט ער זיך עטלעכע מאָל געזען און פאַרהאַנדלט מיטן פּראָפ. חיים וויצמאַן. צום באַדויערן האָט דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער חורבן אין אייראָפּע צעשטערט די רע־אַליזירונג פון די דאָזיקע פּלענער.

ער איז אַריינגעטראָטן אַלס אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי און זיך באַטייליקט אין די ערשטע קאַמפן קעגן די נאַציס.

ווען סאָוועט־רוסלאַנד איז איבערגעפאַלן פּוילן, איז אינזש. אַנטאַני אייגער אַריינגעפאַלן אין דער סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט און, ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. יעדער שפּור נאָך אים איז שפּעטער פאַרפאַלן געוואָרן.

7

מיט דיאנא אייגער האָב איך מיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט סוף יאָר 1932. דאָס איז געווען אויף אַ זיצונג צו גרינדן אַ קאָמיטעט אויף צו באערן דעם דאַן פאַרשטאָרבענעם באַרימטן וואַרשעווער מעדיקער און עסקן ד״ר סאמועל גאָלדפלאַם. היות ווי איך בין געווײלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונעם קאָמיטעט און פרוי אייגער אַלס קאַסירערין, איז מיר דאַן אויסגעקומען מיט איר זיך עפטער צו באַגעגענען און נענטער צו דער־קענען אירע מעלות ווי אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין.

ווען מיט חדשים שפּעטער איז היטלער געקומען צו דער מאַכט און עס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע דער פאַרייניקטער יידישער קאָמיטעט צו באַקעמפן די רדיפות, האָבן מיר גלייך צווישן די ערשטע מיטארבעטער פון קאָמיטעט, וועלכע האָבן נישט פאַרטראָטן קיין פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס, איינגעלאַדן אויך דיאנא אייגער.

לכתחילה האָט זי זיך געפילט זייער אומבאַקוועם אין דער פרעמ־דער פאַר איר סביבה פון יידישע נאַציאָנאַלע טוער, דעפּוטאַטן און סע־נאַטאָרן, פאַרטיי־פירער און זשורנאַליסטן, רעליגיעזע פאַרשטייער, וואָס האָבן קיין פרוי די האַנט נישט דערלאַנגט און בכלל נישט געוואָלט קוקן אין איר ריכטונג, יידישע האַנטווערקער־ און קליינהענדלער־טוער, מיט מאַזאַליעס אויף זייערע הענט — אַלץ מענטשן, וואָס אויפן געזעלשאַפט־לעכן געביט איז זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט. דערצו נאָך, אַז די מערהייט פאַרזאַמלטע האָבן אויף די זי־צונגען און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען גערעדט ס׳רוב יידיש, איז עס דאָך גאָר געווען פאַר איר אַ נייע און פרעמדע דערשיינונג. זי אַליין איז דאָך געווען זילבערשטיין פון דער היים, פון דער רייכער לאָדזשער פאַברי־קאַנטן־משפּחה, וואָס האָט אויך געהערט צו די פּני פון דער אַסימילאַציע.

האָט דיאנא אייגער זיך טאַקע אין אָנהויב גאָרנישט געוואָלט מישן אין די אַלע פּאָליטישע דיסקוסיעס, נאָר האָט גענומען אויף זיך די אָר־

גאַניזירונג פון דער הילפס־אַרבעט פאַר די פּליטים וואָס זענען געקומען קיין פּוילן פון דייטשלאַנד. זי איז געווען די גרעסטע ביישטייערין און די גרעסטע זאַמלערין פאַר דעם צוועק. איינע אַליין, אָן שום מיטהעלפער, פלעגט זי יעדן טאָג באַזוכן אירע באַקאַנטע, און — נישט בעטן — נאָר פּשוט פאָדערן געלט פאַרן קאַמף קעגן היטלעריזם. זי פלעגט באַקומען געלט ביי אַנאָנימע ביישטייערער, וואָס האָבן נאָך דאַן, בייִם אָנהויב פון היטלעריזם, זיך געשעמט מודה זיין, אַז זיי שטיצן יידישע צוועקן. זי פלעגט באַקומען ביישטייערונגען ביי מענטשן, וואָס וועגן זייער עקזיסטענץ האָבן אַפילו אַלטע וואַרשעווער תושבים ווייניק געוווּסט. זי פלעגט צווינגען נישט בלויז די שטאַרק אַסימילירטע יידן, אײַנגאַנצן דערווײַטערטע פון יידישן לעבן, נאָר אַפילו משומדים, צו געבן באַדייטנדיקע געלט־סומען פאַר דער אַנטי־היטלער־אַקציע.

ווען מען פלעגט איר מאַכן אַ קאָמפּלימענט פאַר איר טעטיקייט, האָט זי מיט אַן איידעלן שמייכל איראָניש געענטפערט:

— וואָס הייסט, זיי וועלן נישט געבן קיין געלט צו באַקעמפן דעם היטלעריזם און צו העלפן די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות? זיי מוזן געבן. איך זאָג זיי גאַנץ פּשוט, אַז אייגנטלעך איז עס גאָרנישט אונדזערס קיין ענין, נאָר זייערער, פון די משומדים און פאַרגויעשטע יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס מיט זייער יידישקייט. זיי מיינט עס היטלער, זיי רודפט ער אין דער ערשטער ריי אַזש ביז צום דריטן דור... זיי דאַרפן מער מורא האָבן פאַר היטלערן ווי מיר, וואָס שעמען זיך נישט מיט אונדזער יידישקייט... אָט אַזוי רייד איך צו זיי און זיי דערשרעקן זיך טאַקע צוביסלעך און נישט נאָר זיי גיבן געלט, נאָר זיי זענען געצוווּנגען זיך פאַרטראַכטן איבער מיינע ווערטער... — פלעגט דיאַנאַ אייגער מיט אַ געפּיל פון סאַטיספאַקציע צוגעבן.

אין לויף פון דער אַרבעט אין קאָמיטעט, פון די קאָנטאַקטן מיט די יידישע עסקנים, פון דעם צוהערן זיך צו דיסקוסיעס, האָט זיך פרוי אייגער אַזוי אַריינגעצויגן אין דער נייער סביבה, אַז אַלץ וואָס איז איר פריער געווען ווייט און פרעמד, איז איר געוואָרן נאָענט, ממש אייגנס. זי האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט פאַרשיידענע יידישע קולטור־פּראָבלע־

מען, געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, און ווען מיר האָבן איינמאָל אָרגאַ־ניזירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג לטובת די היטלער־קרבנות מיט אַלעק־סאַנדער גראַנאַכס אויפטריט אין דער אַנטי־נאַצי־פּיעסע „פּראָפע־סאָר מאַמלוק", האָט זי געבראַכט אַן עולם, וואָס האָט אויך צום ערשטן מאָל אין לעבן באַזוכט אַ יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג...

דיאַנא אייגער האָט יענעם אָוונט אין קאַמינסקיס טעאַטער גע־שיינט פאַר גליק: עס איז געלונגען צוריקצופירן צום קאַפּעטשקע יידיש־קייט אַ סך פון די, וואָס זענען שוין לאַנג פון יידישקייט אַוועק. עפּעס האָט זי זיך דערפילט ווי אַ ניי־געבוירענער מענטש...

נאָר איינס האָט איר פאַרדראָסן, איינס האָט איר וויי־געטאָן, — וואָס אירע קינדער קען זי נישט דערנענטערן צוריק צום יידישן לעבן. זי האָט עס עטלעכע מאָל געפּרוווט טאָן, אָבער אָן דערפאָלג.

כדאי צו דערמאָנען: סעפּטעמבער 1933 האָבן מיר זיך געפונען אין גענף אויף דער צווייטער פאַר־קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. אויך דיאַנא אייגער האָט זיך דאָרט באַטייליקט אַלס מיטגלידערין פון דער דעלעגאַציע פון פּוילישן יידנטום.

זי, די אַלטיטשקע, שטאַרק - אויסגעמאַטערטע פון לעבן, אָבער שטענדיק אַקטיווע פילאַנטראָפּין און קעמפערין פאַר פרייהייט, אמת און גערעכטיקייט, האָט זיך דאָ צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געפונען אויף אַ יידישער וועלט־אַסיפה, וו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייער פון יידן פון דער גאַנצער וועלט, צווישן זיי אַ רייע באַרימטע פּערזענ־לעכקייטן. זי האָט דאַן געבראַכט פון פּאַריז איר יונגסטן זון קאַזשיק, וועלכער האָט באַוין ברירה בייגעוווינט די סעסיעס פון דער קאָנפערענץ און זיך צוגעהערט צו די פאַרשידנשפּראַכיקע רעדעס וועגן יידישן נאַציאָ־נאַלן געדאַנק, וועגן יידישע רעכט, וועגן יידישן כבוד — עפּעס אַזעלכע פרעמדע פאַר אים ווערטער און פּראָבלעמען.

איינמאָל דערנענטערט זיך צו מיר פרוי אייגער און אין העכסט־דיסקרעטער פאָרם פאַרטרויט זי מיר אַ סוד: מיין רעדע פון דער קאָנ־גרעס־טריבונע אין דער יידישער שפּראַך האָט אויף איר קאַזשיקן גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם, און היות איר יונגער זון האָט בכלל דערפילט

אויף דער צווייטער פאַרקאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס
(גענף, סעפטעמבער 1933)



דער היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער (1), באַקאַנטער וואַרשעווער זשורנאַליסט נתן שוואַלבע (2), פרוי דיאַנא אייגשר (3), סענאַטאָר רפאל שערעשאָווסקי (4), מאַרק טורקאָוו (5), דעפוטאַט וו. ווישליצקי (6), וואַרשעווער ראש־הקהל אליהו מאַזור (7), האַנדווערקער־טוער ראַטמאַן חיים ראַסנער (8), אגודהשער פּרנס און ראַטמאַן א. ב. עקערמאַן (9), באַרימטער דייטשער שרייבער עמיל לודוויג (10).

צו מיר אַ סימפּאַטיע, בעט זי מיך אַ טובה: איך זאָל איר זון דערנענ־טערן צו יידישע פּראָבלעמען און אפשר וועט מיר געלינגען אים צוצו־רעדן, אַז ער זאָל צוריק ווערן אַ ייד... כאָטש איין קינד אירס זאָל בלייבן אַ ייד, ווייל די צוויי עלטערע קינדער זענען שוין סיי־ווי פאַרלוירן פאַרן יידנטום. צום באַדויערן איז מיר נישט געלונגען משפיע צו זיין אויף קאַזשיק אייגערן אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אויף דער יידישער וועלט־קאָנפערענץ איז דיאַנא אייגער שוין נישט געווען בלויז אַ פּאַסיווע צוהערערין, נאָר האָט אויך גענומען אָנ־טייל אין די דעבאַטן. דעם 7טן סעפּטעמבער 1933 האָט זי אין איר רעדע צוו. אַנד. געזאָגט:

„די אידעאַלן פון ישראל — דאָס מוזן מיר אין דער שעה ד'ער־קלערן — זענען נישט צעשטערבאַר. מיר האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן ירושלים, די רדיפות אין שפּאַניע, דאָס געטאָ און די פּאָגראָמען, — מיר וועלן אויך איבערלעבן היטלערן און דעם האַקנקרייץ. עס איז אונדזער אויפגאַבע צו שאַפן אַן אינטערנאַ־ציאָנאַל פון געפיל, פון געוויסן, פון יושר און גערעכטיקייט קעגן דער אויבערמאַכט פון דער פויסט און באַרבאַריזם, וואָס דער היטלעריזם רעפּרעזענטירט"...

ליידער האָט זי דעם היטלעריזם נישט איבערגעלעבט.

זי איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַלץ מער און מער געווען אַקטיוו אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. ווען נחום סאָקאָלאָוו איז געקומען פּראָ־קלאַמירן אין וואַרשע דעם קאַמפּיין פון „קרן היסוד" האָט דיאַנא אייגער אײַנגעאָרדנט ביי זיך אין פּאַלאַץ אַ גרויסאַרטיקע אויפנאַמע, צו וועלכער עס זענען געקומען מענטשן, וואָס האָבן ביז דאַן קיינמאָל קיין גראָשן פאַר ארץ־ישראל נישט געגעבן און האָבן דאַסמאָל זיך ביי־געשטייערט מיט גאַנץ באַדייטנדיקע סומען. דיאַנא אייגער האָט אָנגעהויבן לעבן אַ ניי לעבן.

עס האָט שוין אָבער לאַנג נישט געדויערט, דאָס גליק פון איר ניי לעבן. עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. און ווען אין וואַרשע איז איינ־

געפירט געוואָרן דאָס געטאָ, האָט אירע אַן אַלטע און טרייע דינסט זי גענומען צו זיך און אויסבאַהאַלטן אונטער אַ פרעמדן אַרישן נאָמען.

לויט די ידיעות, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, איז זי, אַן אַלטע, קראַנקע און פאַרגעסענע, וואָס האָט געלעבט אויף דער אַרישער זייט אויפן חסד פון דער טרייער אַמאָליקער דינערין, געשטאָרבן אונטערן פרעמדן אַרישן נאָמען און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן קאַטוילישן צמענטאַר, באַגלייט דורך אַ קאַטוילישער רעליגיעזער צערעמאָניע.

אַזוי רוט איר געביין ערגעץ־ווו אונטער אַ צלם...

וועגן דעם גורל פון אירע צוויי עלטערע קינדער, דעם דיכטער סטעפאַן און מאַרילאַ, האָט מען מער גאָרנישט געהערט. זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם שרעקלעכן מלחמה־שטורעם.

דער איינציקער פון דער משפּחה, וואָס איז פאַרבליבןביים לעבן, איז דער ייִנגסטער זון קאַזשיק.

8

די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין יענע יאָרן האָבן אַזוי פאַרנומען אונדזערע מוחות, אַז מען האָט געהאַט פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז מיט אַ צייט פריער פאָרגעקומען. אויך דער אינצידענט מיט די וואַנדערנדיקע פּאַסאַזשירן פון דער שיף „קאַבאָ דע בוענא עספעראַנסאַ" איז אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט. כ'האָב אויך שוין מער נישט געטראַכט וועגן דער אויסטערלישער באַגעגעניש מיט דעם יורש פון ר' עקיבא אייגערס נאָמען — קאַזשיק אייגער.

אָבער גאַנץ אומדערוואַרט האָב איך אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1942 באַקומען אַ בריוו פון קאַזימיר אייגער, דאַטירט פון 30טן דע־צעמבער 1941, פון דער האָלענדישער אינדזל קיראַסאַאָ.

דער בריוו לויטעט אַזוי:

„ליבער הער:

איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַדאַנקען אייך פאַר דער הילף, וואָס איר האָט אונדז געגעבן אויף דער שיף, און פאַרן אינטערעס, וואָס איר האָט פאַר אונדז אַרויסגעוויזן. מיר אַלע זענען געווען דערפון זייער גערירט, ווי אויך פון דער האַל־טונג פון אייערע פריינד, וואָס האָבן אונדז דערמוטיקט און אונדז געגעבן די געהעריקע מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף. זייט אַזוי גוט און דאַנקט אַלעמען אין אונדזער נאָמען. מיר פאַרזיכערן אייך אין אונדזער טיפער און פולער דאַנקבאַרקייט.

איר קענט געוויס די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער געשיכטע. נאָכן נישט־זיכערן אויפהאַלט אין בוענאָס איירעס, זענען מיר צוריקגעשיקט געוואָרן אין דאָס אומבאַקאַנטע. דאָס דאָזיקע אומבאַקאַנטע האָט נישט באַקומען קיין לאַנדונגס־רעטונג אין מאָנטעווידעאָ, ווי מיר האָבן עס געהאָפט, אויך נישט אין

ריאַ — נישט געקוקט אויף די גרויסע אָנשטרענגונגען פון די דאָרטיקע מענטשן; אויך נישט אין טרינידאַד, וווּ מיר האָבן אין די טיפּעניש פון אונדזערע הערצער געהאָפט אויף דער לעצטער רעטונג. ניין, מיר זענען גאָר אַראָפּ אין קיראַסאַאָ, אַ זאַך, אויף וועלכער מיר האָבן אַמווייניקסטן גערעכנט, און מיר זענען דאָ שוין אַ חודש צייט. מיר ווייסן נישט אַ דאַנק וועלכע באַמיאונגען מיר האָבן דאָ געקענט לאַנדן; מיר ווייסן נאָר, אַז די באַמיאונגען זענען געווען זייער שטאַרקע און זענען געקומען פון פאַרשיידענע זייטן. מיר דאַנקען אַלע די, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אונדזער רעטונג און גאַנץ ספּעציעל אונדזערע פריינד אין בוענאָס־איירעס, וווּ די דאָזיקע אָנשטרענגונגען זענען געווען באַזונדערס ענער־גיש. אויב דאָס איז נישט צופיל פאַרלאַנגט פון אייך, בעטן מיר אייך איבערגעבן אונדזער דאַנקבאַרקייט די דאָזיקע מענטשן, באַ־קאַנטע און אומבאַקאַנטע וועלכע האָבן מיטגעווירקט אַזוי ענער־גיש אין אונדזער רעטונג.

ווען איך בין פאַרבייגעפאָרן ריאָ, האָב איך געזען מיין קו־זינע פר"ל יאַנינאַ פראָפּער, ווען איך האָב איבערגעגעבן די ווייניק־דערפרייענדיקע ידיעה וועגן מיין מוטער, וואָס איך האָב פון אייך באַקומען. איך האָב זי געבעטן זיך פאַרשטענדיקן מיט אייער ברודער, בכדי צו קאָנטראָלירן די ידיעות ביי דער ערשטער קוועלע און זיי פאַרגלייכן מיט די ידיעות, וואָס זי אַליין האָט געהאַט וועגן מיין מוטער. אַזוי ווי מיין קוזינע האָט מיר קיינמאָל נישט געשריבן וועגן דעם און אויך נישט ה' אַלטער, ווען איך האָב געבעטן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער זאַך, בין איך אַלץ מער און מער באַאומרואיקט און איך ווייס נישט ווי אַזוי אויסצוטייטשן דאָס דאָזיקע שווייגן. איך וועל אייך דעריבער זיין זייער דאַנקבאַר אויב איר וועט זיך פאַרבינדן מיט אייער ברודער אין ריאָ און אפשר אויך מיט מיין קוזינע און מיר עווענטועל שרייבן מער פרטים. גלויבט מיר, חשובער פריינד, אַז די דאָזיקע אומזיכערקייט איז פאַר מיר אַ סך ערגער ווי די אומזיכערקייט פון מיין אייגענעם גורל, וואָס מאַטערט מיך אַזוי שטאַרק. איך לייען

די לעצטע טעג אין די צייטונגען אַזעלכע שוידערלעכע נייעס וועגן וואַרשע, אַז עס איז מיר באמת שווער צו גלויבן, אַז מיין משפּחה האָט דורך אַ נס געקענט אויסמיידן דעם שווערן גורל, וואָס עס האָט געטראָפן מיט אַ סך אַנדערע. ה' אַלטער האָט מיר בלויז גע־מאָלדן וועגן דעם טויט פון לעאָן בערענסאָן, וואָס עס האָט מיך אַזוי טיף גערירט.

וואָס שייך מיר אַליין, זענען מיינע אויסזיכטן זייער נישט קלאָר. מען האָט אונדז געגעבן גרויסע האָפענונגען צו קענען באַ־קומען צפון־אַמעריקאַנער וויזעס. נאָך אונדזער אָנקומען אַהער האָט אונדז באַזוכט דער פאָרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן מי־גראַציע־דינסט מר. פּאַטריק מאַלין, וועלכער האָט זיך אינטערע־סירט מיט אַלע אונדזערע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט דאָ פאַר־בראַכט מער טעג, בכדי אויפצונעמען דאַטן וועגן יעדן איינעם פון אונדז. אין די „אַפּליקאַציעס", וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, האָב איך אויספירלעך גערעדט וועגן מיין מוטער און וועגן איר סאָ־ציאַלער און פּאָליטישער טעטיקייט. איך האָב אויך דערמאָנט דעם אַנטי־היטלער־קאָנגרעס, אין וועלכן זי האָט צוזאַמען מיט אייך אָנטייל גענומען און איך האָב מיר דערלויבט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון ראַביי וויִיז, ווייל ער האָט פּרעזידירט דעם דער־מאָנטן קאָנגרעס און וואָלט געקאָנט באַשטעטיקן דעם אָנטייל פון מיין מוטער. איך האָב אים אַפילו געשריבן אַ בריוו, אָבער צום באַדויערן קיין ענטפער נישט באַקומען.

איך מיין, אַז איר וועט בעסער ווי איך — ווען ער קען נישט — קענען דערמאָנען דעם ד"ר וויִיז מיין מוטערס טעטיקייט און איך וועל אייך אומענדלעך דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט צו אים וועגן דעם שרייבן.

היינט, ווען צפון־אַמעריקע איז אין מלחמה און ווען מען באַציט זיך, באַרעכטיקטערהייט, מיט אומצוטרוי צו אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָלט אַ רעקאָמענדאַציע פון ראַביי וויִיז געווען פאַר מיר

פון אומגעהויערער באַדייטונג, בכדי צו באַקומען די צפון־אַמעריקאַנער וויזע.

איך וויל באַמערקן, אַז די האָפענונג צו באַקומען אַ וויזע איז נישט קיין פאַנטאַזיע, ווייל אונדזער ענין ווערט באַטראַכט ווי אַן אויסנאַמספאַל און מען האָט געשאַפן פאַר אונדזער קאַטעגאָריע מענטשן אַ ספּעציעלן רעפּעראַט אין אַמעריקאַנער מלוכה - דעפּאַרטאַמענט. עס האַנדלט זיך דעריבער אין מיין פאַל צו פאַרלייכטערן דער צפון־אַמעריקאַנער מאַכט די פּראָצעדור און נישט וועגן זוכן אַ ספּעציעלע פּראָטעקציע. נאָכמער, אייניקע פּערזאָנען פון אונדזער גרופּע האָבן שוין באַקומען די וויזעס און זענען שוין אַפילו געפאָרן אַהין. די זאַך איז דעריבער גאַנץ וואַרשיינלעך און עס האַנדלט זיך בלויז אין צוואַיילן די פאָרמאַליטעטן. אין דער צווישנצייט אָבער איז דער פאַקט פון האָבן משפחה אין די דורך נאַצים אָקופּירטע לענדער געוואָרן אַ נעגאַטיווער מאָמענט דערפאַר, אָבער אין דעם פאַל פון מיין מוטער וואָלט עס געקענט דווקא זיין אַ פּאָזיטיווער מאָמענט, ווען דער ענין זאָל פאָרגעשטעלט ווערן אין אַ געהעריקער באַלייכטונג. צוליב דעם דערלויב איך מיך זיך ווענדן צו אייך און אייך בעטן געבן די נויטיקע אויפקלערונג. דאָס וועט מיר יעדנפאַלס העלפן, ווייל אויב אַפילו אונדזערע באַמיאונגען זאָלן איצט נישט האָבן קיין דערפאָלג, האָט מען אונדז פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן קענען פאָרן קיין סאַן־דאָמינגאָ. די דאָרטיקע רעגירונג האָט אָבער געשטעלט אַ באַדינג, אַז די פּליטים מוזן זיין בלויז יידן, במילא זיכער אַנטי־נאַצים. פאַר פּערזאָנען פון משהם גלויבן איז די זאַך אַלזאָ גאַנץ פּשוט. אָבער אין מיין פאַל, ווייל איך בין געשמדט, מוז מען האָבן אַן אַנדער רעקאָמענדאַציע. איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, אַזאַ רעקאָמענדאַציע געקענט באַקומען פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן, אָבער איך מיין, אַז די רעקאָמענדאַציע פון יידן קען זיין צוועקמעסיקער און דעריבער האָב איך מיר דערלויבט אייך צו בעטן מאַכן די נייטיקע באַמיאונגען אין דער הינזיכט.

איך מיין, אז נאָך דעם אַלעמען, וואָס מיינע עלטערן האָבן געטאָן לטובת הכלל, פאַרלאַנג איך נישט פון אייך צופיל און באַמי אייך נישט דערמיט צו שטאַרק.

און נאָך אַן ענין: איך האָב מיינע באַמיאונגען אויך אין אַנ־דערע ריכטונגען נישט אָפּגעשטעלט. נאָך פון דער שיף האָב איך טעלעגראַפירט צו מיין קוזין ד״ר שפּריי אין מעקסיקע און אים געבעטן מיר עווענטועל צו שאַפן אַ וויזע אַהין. איך האָב אָבער קיין תשובה נישט באַקומען. מר. וואַלין האָט מיך דאָך פאַרזי־כערט, אַז פאַר מיר ווערט עפּעס געטאָן בנוגע דער מעקסיקאַנער וויזע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָב איך אָנגעשריבן צום ה׳ שפּריי אַ צווייטן לענגערן בריוו, אָבער ווידער קיין תשובה נישט באַקומען. איך ווייס דעריבער נישט צי מיין קרוב האָט באַקומען מיינע בריוו. דערלויב איך מיר אייך צו בעטן זיך פאַרשטענדיקן מיט פרוי שוואַרצשטיין און בעטן ביי איר נאָכאַמאָל שפּריים גענויעם אַדרעס, אָדער זי זאָל אַליין שרייבן דירעקט צום ה׳ שפּריי בכדי אַזוי ארום צו שפּאָרן צייט. איך וויל אין די איצט אַזוי אומזיכערע צייטן נישט דורכלאָזן קיין שום געלעגנהייט. יעדע וויזע ־ מעגלעכקייט איז פאַר מיר וויכטיק, אַפילו ווען דאָס זאָל זיין בלויז פּראָוויזאָריש. אויך מיין אויפהאַלט דאָ איז נישט קיין זיכערער און איך בין דאָ ווייניקער פריי ווי איך וואָלט עס גע־קענט דערוואַרטן.

דעריבער איז אַלץ, וואָס מען טוט פאַר מיר, זייער וויכטיק און איך בין דערפאַר זייער דאַנקבאַר.

פאַרשטייט זיך, אַלע הוצאות, מיט וועלכע דאָס איז פאַר־בונדן, וועל איך מיט דאַנקבאַרקייט אומקערן.

ליבער הער, איך בעט אייך מיר מוחל זיין פאַר דעם לאַנגן בריוו. איך וויל אייך ביי דער געלעגנהייט ווינטשן אַ גוט ניי־יאָר, אויך פאַר אַלע אונדזערע פריינד אַלדאָס בעסטע.

מיט גרויס דרך־ארץ

קאַזימיר אייגער״.

איך האָב, צום באַדויערן, ווייניק וואָס געקענט העלפן דעם יונגן איי־גער אין זיין בקשה און אַ רייע יאָרן האָב איך וועגן אים גאָרנישט גע־הערט.

גאַנץ אומגעריכט אָבער, זייענדיק אין יאָר 1949 אין באָגאָטאַ, די הויפּטשטאָט פון קאָלומביע, האָב איך זיך צופעליק דערוווסט, אַז צווישן די פּוילישע מלחמה־פּליטים, וואָס האָבן דאָרט געפונען אַ היים, גע־פינט זיך אויך קאַזימיר אייגער. ער איז אַ לערער אין דער פראַנצוויזישער גימנאַזיע פון דעם דאָרטיקן יעזואיטן־קלויסטער. געטריבן דורך אַ קו־ריאָזיטעט, האָב איך געפּרוווט זיך פאַרבינדן מיט אייגערן לויטן אָנגע־וויזענעם אַדרעס פון דער גימנאַזיע אין קלויסטער. עס איז מיר אָבער נישט געלונגען. קיינמאָל האָב איך אים נישט געקענט געפינען און אויף מיין בקשה, אַז מען זאָל אים איבערגעבן מיין נאָמען און האָטעל־אַדרעס, בכדי ער זאָל מיך אָפּזוכן, איז קיין ענטפער נישט געקומען.

צי איז עס געווען אַ צופאַל אָדער אַ כוונה, ווייס איך נישט.

אפשר האָט ער זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער נייער קלויסטער־סביבה, אַז ער האָט מער נישט געוואָלט זוכן קיין קאָנטאַקט מיט די יע־ניקע, וואָס קענען אים דערמאָנען וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און וועגן זיין יחוס?...

וועגן קיין וויזע האָט ער זיך מער נישט געדאַרפט באַמיען, אַז זיין פאַררופן זיך אויפן יחוס זאָל אים זיין נייטיק. דער יחוס פון ר׳ עקיבא אייגער און פון זיינע עלטערן איז אים אין דער קלויסטער־סביבה פון באָגאָטאַ מער נישט נייטיק געווען.

אַזוי איז פאַרטריקנט געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג פון ר׳ עקיבא איי־גערס יחוס־בוים.

דעווידזאָן

1

העכער הונדערט דרייסיק יאָר האָט אין דעם וואַרשעווער יידישן לעבן געשפּילט אַ פּירנדיקע ראָל די משפּחה דאַווידזאָן. אַ דאַנק דער זאָרג־פולקייט פון די לעצטע נאָכפאָלגער פון דעם דאָזיקן גרויסן דור עסקנים האָט די משפּחה זוכה געווען צו אַ געניער פאָלקסטימלעכער באַשריי־בונג פון אירע פאַרדינסטפולע מיטגלידער. דאָס איז געשען דורך דער אויספירלעכער מאָנאָגראַפיע, וואָס דער היסטאָריקער עזריאל נתן פרענק האָט אָנגעהויבן צו שרייבן און וואָס נאָך זיין טויט האָט עס פאַרענדיקט איינער פון די עלטסטע און ערשטע וואַרשעווער יידישע זשורנאַליסטן ישראל חיים זאַגאָראָדסקי. דערשינען איז די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע אין יאָר 1924 אין פאַרלאַג פון דעם באַקאַנטן וואַרשעווער מוכר־ספרים און עסקן מ. י. פרייד.*)

אין דער קליינער הקדמה צום ביכל שרייבט ע. נ. פרענק:

„דעם פאַמיליען־נאָמען דאַווידזאָן געפינען מיר זייער אָפט אין פאַרשידענע רעגירונגס־אַרכיוואַל־אַקטן, אין שאלות און תשובות. און כמעט אין אַלע היסטאָרישע ווערק און גרעסערע אַרטיקלען אי־בער יידן אין פּוילן בכלל און וואַרשע בפרט אין 19טן יאָרהונדערט און אויך אין סתם היסטאָרישע ווערק איבער פּוילן אין דער תקופה, ווען דאָס פּוילישע יידנטום האָט אממיינסטן געליטן פון פאַרשידענע רדיפות און גזירות, אין דער תקופה פון פּאַסקעווי־טשעס צייטן (1823־1856).

דער דאָזיקער פאַמיליען־נאָמען איז אויך אונטערגעשריבן אונ־טער הסכמות אויף אַ גרויסער צאָל רבנישע ספרים און העברעאישע

*) מאָנאָגראַפיע־ביבליאָטעק. מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. די פאַמיליע דאַווידזאָן. מיט בילדער און פאַקסימיליען. באַאַרבעט דורך ע. נ. פרענק און י. ח. זאַגאָראָדסקי. פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע, 1924.

אויפקלערונגס־ביכער (ספרי השכלה), ווי אויך אונטער טויזנטער כרוזים, וועלכע עס האָבן אין פאַרשידענע צייטן אַרויסגעגעבן וואַר־שעווער רבנים, וואַרשעווער קהל, שפּעטער „דאָזאָר בוזשניטשני“ און נאָך שפּעטער די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער געמיינדע.

מיר געפינען אויך דעם נאָמען דאווידזאָן טויזנטער מאָל אין די העברעאישע און יידישע צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין פאַריקן יאָרהונדערט און דערשיינען נאָך היינט.

און אַנדערש קאָן טאַקע נישט זיין. די פאַמיליע דאווידזאָן איז געווען די גאַנצע לעצטע הונדערט יאָר אממיינסטן טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין וואַרשע, וואָס האָט זייער פיל געווירקט אויפן גאַנצן לעבן פון יידן אין פוילן בכלל. מיט־גלידער פון דער דאָזיקער פאַמיליע האָבן זיך משתדל געווען פאַר יידן, געשריבן בקשות צו דער רעגירונג וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון יידן, און די רעגירונג האָט זיך צו זיי געווענדט מיט פאַרלאַנ־גען אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען וועגן פאַרשידענע פראַגן פון יידישן לעבן, ווי אויך איר העלפן איינצופירן געוויסע אויסבעסע־רונגען אין יידישע ענינים. פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען אַזוי אָפט אין אַרכיוואַלע אַקטן.

צו די מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַמיליע, וואָס זענען געווען באַרימט מיט זייער לומדות און חריפות, האָבן פיל רבנים זיך געווענדט מיט שאלות, וואָס זיי איז שווער געווען אַליין צו פּסקענען און מחברים, רבנים, דרשנים און משכילים האָבן ביי זיי געבעטן הסכמות אויף זייערע ספרים, וויסנדיק, אַז אויב אויף די ספרים געפינט זיך אַ הסכמה מיט דער אונטערשריפט „דא־ווידזאָן“, וועלן זיי גיכער פאַרקויפט ווערן און דעריבער געפינען מיר טאַקע דעם דאָזיקן נאָמען אין שאלות און תשובות און אַזוי פיל מאָל אונטערגעשריבן אויף הסכמות פון פאַרשידנאַרטיקע ספרים.

זייענדיק גרויסע עסקנים און באַרימט צווישן יידן אין פוילן גופא און אין וואַרשע בפרט, האָבן זיי אין זייערע צייטן

אונטערגעשריבן אַלע כרוזים, וואָס רבנים און פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה האָבן אַרויסגעגעבן צו יידן.

די געשיכטע פון דער דאַזיקער פאַמיליע איז אַלזאָ אַ גרויסער טייל פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן פון כמעט אָנפאַנגס 19טן יאָרהונדערט־אָן בכלל און פון דער וואַרשעווער יידישער קהלה בפרט.

ווער עס וועט וועלן שרייבן די געשיכטע פון יידן אין פוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט אין דעם פאָריקן יאָרהונדערט און אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון איצטיקן יאָרהונדערט וועט מוזן אָפּגעבן אַ גרויסן, זייער בכבודיקן פּלאַץ דער פאַמיליע דאַווידזאָן".

אַז די דאָזיקע מיינונג, וואָס ע. נ. פרענק האָט אַרויסגעזאָגט מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, איז אַ ריכטיקע, — דאָס זעען מיר שוין היינט. עס איז באמת נישט מעגלעך צו שרייבן וועגן פוילישן יידנטום בכלל און בפרט וועגן וואַרשעווער יידנטום, און נישט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם לעבן, טעטיקייט און אויפטועו פון דער דאָזיקער משפחה, וואָס האָט אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום געשפּילט ממש אַ היסטאָרישע ראָל. דאָס געשעט טאַקע ביי אַלע היסטאָריקער אין זייערע ווערק וועגן דער פאַרגאַנגענער תקופה און דאָס טוען מיר אויך איצט, ווען מיר שילדערן די געשיכטע פון באַרימטע יידישע משפחות, זייער אויפקום און זייער אונטערגאנג.

2

דער אור־פּאָטער פון דעם דאַווידזאָן־שטאַם, ר׳ חיים, איז געווען אַן אָרעמער יתום פון שטעטל פּינטשעוו, וואָס נישט די מחברים פון דער פאַרעפנטלעכטער מאָנאָגראַפיע, נישט די שפּעטערדיקע משפּחה־מיטגלי־דער, וואָס האָבן זיך מיט זייער יחוס אינטערעסירט, האָבן געקענט דער־גיין וועלכע עס איז נענטערע פּרטים וועגן זייער אַמאָליקן אָפּשטאַם.

דאָס איינציקע וואָס ע. נ. פרענק גיט אָן אין זיין אַרבעט איז, אַז דער פאָטער פון דעם שפּעטערדיקן וואַרשעווער רב, ר׳ דוד טעבעלי, וועלכער איז זייער יונג געשטאָרבן, איז ביים לעבן געווען אַ ייִד אַ למדן און האָט געמוזט זיין אַ גרויסער יחסן, אויב מיט דער משפּחה האָט זיך משדך געווען איינער פון די רייכסטע קראָקאָווער יידן פון זיין צייט, ר׳ הירשעלע צענצעמינער. דער לעצטער האָט זיך נאָך אין די זיבעציקער יאָר פון אכצנטן יאָרהונדערט באַזעצט אין וואַרשע, הגם אָפיציעל האָבן יידן נאָך דאַן נישט געטאָרט דאָרט וווינען שטענדיק. ר׳ הירשעלע האָט געהאַט אַ טאָכטער רחלע, וועלכע ער האָט חתונה גע־מאַכט מיט חיים דאַווידזאָנען, ווען ער איז געוואָרן בר־מצוה. אַזוי־ארום האָט ער זיך דערצויגן אונטער זיין שווערס אויפזיכט און אין זיין ווױ־נונג. חיים דאַווידזאָן איז געווען אַן עילוי און שוין פון די ייִנגסטע יאָרן געוואָרן באַרימט אין דער לומדישער וועלט. ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער זיך עוסק געווען בלויז אין לערנען און מיט די געשעפטן האָט זיך פאַרנומען פריער זיין שווער און נאָך דעם שווערס טויט — זיין פרוי.

אָט ווי דער מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע וועגן דער דאַווידזאָן־משפּחה שילדערט אים:

„...ער האָט זיך אין די געשעפטן געמישט נאָר ווען עס איז נויטיק געווען און כמעט שטענדיק געזעסן און געלערנט, אָדער זיך פאַרנומען מיט וויכטיקע ענינים פון כלל־ישראל.

אין זיין לערנען האָט ער זיך מתרחק געווען פון די איבער־געשפּיצטע פּלפּולים, וואָס זענען אין יענע צייטן געווען זייער פאַר־שפּרייט צווישן לומדים...

...האַלטנדיק זיך פעסט אָן אַלע יידישע דינים, איז ער גע־ווען אַ גרויסער מתנגד אויף רביים און חסידים, וועלכע האָבן לויט זיין מיינונג פאַרשוועכט דעם כבוד התורה און עובר געווען נישט אויף איין דין. פונדעסטוועגן האָט ער עפנטלעך נישט געקעמפט קעגן זיי, וואָרום סוף־כל־סוף זענען חסידים אים ליבער געווען פון די מופקרים, וואָס האָבן אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון יידישקייט. ער האָט נאָר, ווי ווייט מעגלעך, זיך קעגנגעשטעלט דעם פאַרשפּרייטן חסידות צווישן אָרטאָדאָקסישע יידן...

...ר' חיים איז געווען אַן אמתער בורח מן הכבוד און וויפיל ער האָט געקענט האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן צו זיין אַ מיטגליד פון דער קהלה־לייטונג, הגם ער האָט פיל געאַרבעט פאַר ענינים פון דער קהלה...

...די רעגירונג האָט זייער גוט געוווּסט, אַז ר' חיים איז זייער געאַכטעט ביי יידן אין גאַנצן לאַנד און ווען זי האָט זיך געוואָלט באַראַטן מיט יידן וועגן יידישע ענינים און ווירקן אויפן כלל יידן, האָט זי זיך אַלעמאָל באַנוצט, צווישן אַנדערע, מיט ר' חיימען, וועלכן זי האָט באַשטימט אַלס איינעם פון די „דעלעגאַטן פון יידישן פאָלק" אין לאַנד..."

אַזוי־אַרום איז ר' חיים דאַווידזאָן אין משך פון צענדליקער יאָרן געווען אַ פּאַקטישער מנהיג הדור הגם ער האָט קיין שום אָפיציעלע אַמטן ווייטער נישט געוואָלט אָננעמען. עס איז אָבער נישט געווען קיין שום וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַקציע אין משך פון דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אַז ר' חיים דאַווידזאָן זאָל דאָרט נישט נעמען קיין אַקטיוון אָנטייל. אין דער געשיכטע פון דעם פּוילישן יידנטום פון יענער צייט ווערט זיין נאָמען כסדר דערמאָנט אַלס איינער פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן ביים לייזן אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען

סיי אין דעם אינערלעכן יידישן לעבן סיי כלפי חוץ. בפרט טאַקע אין רעליגיעזע פראַגן און אין פראַגן פון יידישער דערציאונג. ער האָט מיט־געהאָלפן צו מאָדערניזירן דאָס יידישע שול־וועזן, האָט פאַרטראָטן דעם שטאַנדפונקט, אַז יידישע קינדער דאַרפן אויך לערנען די לאַנדס־שפּראַך און אַלגעמיינע לימודים, ווי געאָגראַפיע אדג.

די דאָזיקע טעטיקייט זיינע שילדערט ד״ר שאַצקי *) אַזוי:

„ווארשע האָט אויך געהאַט קרייזן מתנגדישע לומדים־מחברים, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אין דער שטוב פון הרב הכולל דאַ־ווידזאָן. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, זייער אַ טאָלעראַנ־טער מתנגד וואָס האָט לכתחילה אפילו געפונען אַ זכות פאַר דער ראַבינער ־ שול. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אַז די שול גייט נישט אין די דרכים וואָס ער האָט געהאָפט, האָט ער זיין הסכמה צוריקגעצויגן. אַ דאַנק אים האָבן די פאַרפּוילישטע יידישע פרויען און יוגנט באַקומען דעם ערשטן סידור אין דער פּוילישער שפּראַך, וואָס אַ וואַרשעווער משכיל צבי הירש ליבקינד האָט אי־בערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין 1846 און וואָס איז געווען סוב־סידירט פון משה מאָנטעפיאָרע. דאַווידזאָן האָט געגעבן אַ הסכמה צו דעם דאָזיקן סידור תפילות ישראל, וואָס דאָס איז מצד אָן אָרטאָדאָקסישן יידן געווען אָן איינשטעלעניש.

דאַווידזאָן איז געווען אַ גרויסער גביר און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט לומדישע חיבורים. אין וואַרשע האָט מען געוווסט, אַז ווען אַ משכילישער מחבר קומט זאַמלען פּרענומע־ראַנטן, דאַרף ער זיך קודם־כל זען מיט טעוועלע טעפּליץ, און אַ פרומער מחבר — מיט ר׳ חיים דאַווידזאָן. זיין שטוב אויף שילעץ און שפּעטער אויף נאַלעווקי 32 איז באמת געווען אַ בית־וועד לחכמים פון אַלע ריכטונגען. דער גערער רבי ר׳ איטשע מאיר אַלטער פלעגט אויך ביי אים פאַרברענגען און מען האָט זיך מפלפל

*) דר. יעקב שאַצקי: געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, באַנד 2, ייוואָ, ניו־יאָרק, 1948.

געווען וועגן דיני דינים פון הלכה און געפינקלט מיט שאַרפזיניקע דברי תורה. אין יענער מסיבה האָט מען געקאַנט זען שלמה געל־בלום, דעם מחבר פון ספר המליםֿ, דעם זון פון דעם גרויסן למדן יהודה לייב בן קאַפּל געלבלום און שוואָגער פון יעקב געזונדהייט, שפּעטער דער לעצטער וואַרשעווער רב הכולל. די משפּחה געלבלום איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער קאַצ־קער און שפּעטער גערער גזע. דאָרט איז געווען אַן איינגייער ר׳ פּנחס זאב בן אברהם נאַשעלסקער (געשטאָרבן אין 1871), אַ מחבר פון אַ רייע למדישע ספרים. ער איז געווען פּאָוואָנזקער רב, שפּעטער אין וואַרשע און צום סוף אין נאַשעלסק. אַ דאַנק דאַוויד־זאָנען איז אַ וואַרשעווער גביר פון די אָרטאָדאָקסישע קרייזן אברהם יצחק ריכטיק געוואָרן אַ מעצענאַט און געהאָלפן אַרויסגעבן די דאָזיקע ספרים״...

ר׳ חיים דאַווידזאָן איז אויך געווען אַקטיוו אין דער הילפס־אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, ווּהין עס זענען עולה געווען שוין יענע יאָרן הונדער־טער פּוילישע יידן און וועמען מען האָט סיסטעמאַטיש געשיקט הילף. אַ געוויסע צייט איז ער געשטאַנען בראש פון דער זאַמל־אַקציע פאַרן דאָזיקן צוועק.

עס איז אוממעגלעך צו דערציילן וועגן אַלע טעטיקייטן און וועגן אַלע אויפטוען פון דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן תלמיד־חכם און עסקן, ווייל מען וואָלט געדאַרפט פּשוט איבערחזרן אַלץ, וואָס איז שוין וועגן דעם געשריבן געוואָרן. און געשריבן האָט מען זייער אַ סך. וואָס עס איז יאָ אינטערעסאַנט און וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פּער־זענלעכקייט פון ר׳ חיים דאַווידזאָן איז איבערצוגעבן אייניקע פּרטים פון דער פריער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע, ווו עס ווערט געשילדערט די גאָרנישט טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, ווי אַזוי ר׳ חיים איז אין יאָר 1839 געוואָרן דער צווייטער רב הכולל פון דער וואַרשעווער קהלה. דער ענין ווערט געשילדערט אַזוי:

„ר׳ חיים דאַווידזאָן האָט זיך ביז דער טיפסטער עלטער אויס־געצייכנט מיט דער פרישקייט פון זיין גייסט, מיט זיין זעלטענעם

זכרון און שאַרפקייט פון אַלע זיינע חושים. ווען ער איז געווײלט געוואָרן אַלס רב פון וואַרשע, איז ער שוין אַלט געווען אַכציק יאָר און עס איז גאָרנישטאַ דער צווייטער פאַל אין דער געשיכטע, אַז אַ מענטש פון אַכציק יאָר זאָל געווײלט ווערן צו אַזאַ הויכער און צוגלייך שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלע, צו זיין דער אָנפירער פון אַ גרויסער קהלה, האָבן אונטער זיך 13 דיינים מורי הוראה, באַזאָרגן אַלע גייסטיקע און רעליגיעזע באַדערפעענישן פון דער וויכטיקער געמיינדע, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר קעגן דער צאַרישער מאַכט, וועלכע איז דעמאָלט געווען באַזונדערס שטרענג צו פוילן און צו יידן (נאָך דעם גרויסן אויפשטאַנד אין יאָר 1831) און דערצו פירן אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע רבנים אין יענער צייט, שרייבן תשובות אויף די פיל שאלות אדג. אַלע האָבן טאַקע געקוקט מיט דער גרעסטער אַכטונג אויף דעם דאָזיקן זעלטענעם רב און זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת הכבוד. סיי די משכילים און די פריידענקער פון איין זייט, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן שטרעבן צו באַקומען השפּעה אויף דער קהלה, סיי חסידים פון דער צווייטער זייט, וואָס זייער השפּעה איז אויך דעמאָלט געוואָרן אַלץ גרעסער הן אין וואַרשע הן אין פוילן בכלל, האָבן געמוזט בייגן דעם קאָפּ פאַר דעם גרויסן זקן, כאָטש ער איז געווען ביידנס קעגנער...

ווען עס איז אַריבער דער ערשטער טרויער־חודש נאָך דער פּטירה פון הגאון ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ *), האָבן זיך פאַרזאַמלט די דאָזיקע און די שענסטע בעלי־בתים און גבירים פון וואַרשע און באַשלאָסן צו וויילן אַ קאָמיטעט פון 30 וויכטיקסטע מענטשן, וועלכע זאָלן וויילן אַ נייעם רב. דער דאָזיקער האָט וועגן דעם אַרויס־געגעבן אַ ספּעציעלן אויפרוף. שפּעטער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קאָמיטעט זאָל באַשטיין נאָר פון 15 מיטגלידער. די וואַלן

*) ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ, ערשטער רב הכולל פון וואַרשע. געבוירן געוואָרן אין פּויזן אין יאָר 1762, געווען פריער רב אין נאַשעלסק, מחבר פון וויכטיקע רבנישע ווערק.



ר' חיים דאַווידזאָן

דאַס בילד איז געמאָלן שוין נאָכן טויט פֿונעם וואַרשעווער הויפּט־רב דורכן פּויליש־יידישן מאָלער ש. ש ט ע ר ל י נ ג, דער זיידע פֿון דעם באַרימטן וואַרשעווער אַדוואָקאַט קאַזימיעזש שטערלינג.

פון דאָזיקן קאָמיטעט האָבן געדויערט אייניקע וואָכן. יעדן טאָג זע־נען ארויסגערופן געוואָרן בעלי־בתים פון אן אנדער צירקול (די גרעסטע צאָל ווײַלער האָט באַקומען ר׳ חיים דאווידזאָן).

די דאָזיקע קאָמיסיע האָט זיך פאַרזאַמלט צו וויילן א רב. ר׳ חיים האָט ארויסגעשטעלט די קאנדידאטור פון ר׳ דוד ביכאָווסקי (לוריע). די איבעריקע מיטגלידער האָבן אָבער געוווסט דעם ווילן פון דער גאַנצער קהלה, אַז דער איינציקער פּאַסיקער קאנדידאט איז ר׳ חיים גופא. זיי האָבן אלזאָ מיט אן אויסרייד געבעטן ר׳ חיימען ער זאָל ארויסגיין אין א צווייטן צימער און ד א ן ה א ב ן ז יי א יינ ש ט י מ י ק א י ם ג ע וו יי ל ט א ל ס ר ב. דערנאָך אים צוריק ארײַנגעבעטן און באַגעגנט מיטן אויסרוף: „מזל־טוב, רבי!“. א דערשטוינטער האָט דער עניו ר׳ חיים געקוקט אויף זיי. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז בהסכם כולם איז ער באַ־שטימט געוואָרן אַלס אויבער־רב, ווייל קיין בעסערן און פּאַסיקערן האָבן זיי נישט. ר׳ חיים האָט אָנפאַנגס נישט געוואָלט מסכים זיין און געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט ראוי צו דעם דאָזיקן גרויסן כבוד, אָבער דער קאָמיטעט האָט נישט אָפּגעלאָזט און מיט פיל הפצרות געווירקט, אַז ר׳ חיים איז מרוצה געוואָרן. אגב איז זיין מאַטעריעלער מצב געווען דעמאָלט נישט זייער גוט און די הויכע בכבודע שטעלע האָט דאָך אראָפּגענומען פון אים די דאגות פרנסה אויף דער עלטער.

נאָך דער בכבודער וואָל האָט ר׳ חיים ליקווידירט זיינע גע־שעפטן, זיך ארויסגעצויגן פון זיין וווינונג אויפן שילעץ און זיך איבערגעצויגן אין דער גרויסער דירה, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן וואַרשעווער רב אין הויז נומער 2256 (נאַלעווקי 32), ווו ער האָט איינגעאָרדנט פאַר זיך א בית־מדרש צום דאַוונען און לערנען. ר׳ חיים האָט צוגענומען א ספּעציעלן שרייבער אויף פּויליש, ווייל די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אים און דעם „דאָזאָר בוזשניטשני“, ווי אויך מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, מיט דעם גענעראַל־אָבער־פּאָליצמייסטער און בכלל מיט דער העכערער מאַכט, איז דאַן פאַר־

די מצבה אויפן קבר פון ר' חיים דאווידזאָן.

געקומען נאָר אין פּויליש. און די ענינים וועגן וועלכע ער האָט קאָרעספּאָנדירט זענען געווען זייער פיל און האָבן ארומגענומען דאָס גאנצע גייסטיקע לעבן פון דער קהלה.

...מיט דעם גרעסטן אָנזען ביי אַלע יידן אין פּוילן האָט ר׳ חיים געפירט זיין רבנות. זיין הויז איז געווען נישט בלויז דער מיטלפּונקט פונעם גייסטיקן יידישן לעבן, פון תורה און יידישע וויסנשאַפט, נאָר אויך פון צדקה און מעשים טובים. ר׳ חיימס האַנט איז געווען אָפן פאַר אָרעמע לייט און פאַר אַלע וווילטעטיקע חברות, אַזוי אַז זיין שטענדיקע פענסיע און די זייטיקע הכנסות׳ האָבן דערויף נישט געקלעקט. ער האָט איינגיכן אויסגעברענגט דאָס, וואָס אים איז געבליבן פון זיין פריערדיקן רייכטום. ער האָט געמוזט לעבן בצמצום, אָבער זייענדיק פון דער נאַטור אַ באַשיי־דענער, אַ מסתפּק במועט, איז ער שטענדיק געווען אַ צופרידענער. און אָפּגעבנדיק דעם גרעסטן טייל פון זיינע הכנסות אויף צדקה האָט ער פאַר אייגענער הצטרכות זיך באַנוגנט מיט דעם קליינעם רעשט...

...כמעט 15 יאָר איז ר׳ חיים געווען רב פון װאַרשע און הגליל. נישט געקוקט אויף דער טיפער עלטער איז ער געווען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן פריש און טעטיק. ערשט אין חודש אדר תרי״ד (1854) האָט ער אָנגעהויבן פילן אַז די כוחות פאַר־לאָזן אים און אַז ער דאַרף זיך שוין גרייטן אין זיין לעצטן, וויטן וועג. דאַן האָט ער גערופן צו זיך זיינע קינדער און אייניקלעך און זיי איבערגעגעבן זיין צוואה, אין וועלכער ער בעט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן אין זיינע דרכים און אַז מען זאָל אויף זיין מיטה אָדער ביים קבר נישט מספּיד זיין און אויף זיין מצבה נישט שרייבן קיין שום טיטלען און שבחים.

דעם 17טן אדר תרי״ד (1854) איז ר׳ חיים אָן שמערצן און אָן קראַנקייט נפטר געוואָרן אין עלטער פון 94 יאָר. די גאַנצע יידישע קהלה האָט געטרויערט נאָך אים...

3

אָבער נישט בלויז דער גרינדער פון דער דאַווידזאָן־דינאַסטיע, ר׳ חיים, האָט געלעבט און געשטאָרבן ווי אַ צדיק און האָט געלייגט אַ חותם אויפן לעבן און געשיכטע פון פוילישן יידנטום. עס זענען נאָך אים געקומען ווייטערדיקע דורות, וועמענס ראָל אין דעם יידיש־פוילישן לעבן איז אויך געווען פון גרויס באַדייט.

אייניקע זין פון ר׳ חיימען האָבן זיך געווידמעט דעם מסחר און הגם זיי זענען אויך געווען לומדים און יראי־שמים, האָבן זיי זיך מיט קיין ספּעציעלער ברייטער טעטיקייט אין יידישן לעבן נישט אויסגעצייכנט. דער עלטסטער זון, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אַלס גאון פון זיין צייט און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ביאַלע, איז געשטאָרבן זייער יונג, נישט איבערלאָזנדיק קיין קינדער.

דערפאַר אָבער האָט זיך מיט אַקטיווער טעטיקייט ביי דער זייט פון זיין גרויסן פאָטער אויסגעצייכנט דער צווייטער זון ר׳ נפתלי דאַווידזאָן, וועגן וועלכן מיר לייענען אין דער שוין דערמאָנטער פאַמיליען־מאָנאָ־גראַפיע, אַז:

„...ער איז געווען אן איידעם פון דעם וואַרשעווער גביר ר׳ לייביש חלפן (פון אים שטאַמט די באַוווּסטע פאַמיליע לעסער־לעווי פון וואַרשע) און האָט געפירט גרויסע געשעפטן, פלעגט פאָרן קיין לייפּציק אויפן יריד (דעמאָלט איז אַזאַ נסיעה געווען אַ גרויס געשעעניש), דערביי איז ער געווען אַ למדן מופלג, האָט קיין איינציקן טאָג נישט דורכגעלאָזט אָן לערנען אַ שיעור תנ״ך און תלמוד און זיך באַטייליקט אין אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע געווען דער וואַרשעווער קהלה און דעם כלל ישראל.

אַזוי געפינען מיר אים פיל מאָל אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט זיין פאָטער און אַנדערע חשובסטע בעלי־בתים אויף פאַרשידענע

ר׳ נפתלי דאַווידזאָן

געמאָלן בעת זיינעם אַ באַזוך אין לייפּציק.

דערקלערונגען צו דער מאכט און אויף כרוזים וועגן די וויכטיק־סטע רעליגיעזע און געזעלשאפטלעכע פראגן. ער האט זיך גע־רעכנט אלס איינער פון די אויטאריטעטן אין רעליגיעזע פראגן און פלעגט זיך אונטערשרייבן בדרך עניוות „הקטן" אדער „הק'", ווי אלע גרויסע רבנים.

... ווי זיין גרויסער פאטער איז אויך ר' נפתלי נישט געווען קיין פאנאטיקער, הגם ער איז געווען העכסט פרום. ער האט אי־בערגענומען פון זיין פאטער די מידה צו דערווייטערן זיך פון יעדער מחלוקת און דארום, זייענדיק א שטארקער מתנגד, האט ער זיך דאך נישט באטייליקט אין דער מלחמה קעגן די חסידים, וועלכע איז אויסגעבראכן אין מיטן פון פאריקן יארהונדערט מיט א באזונדערער פארביטערונג. פון דער צווייטער זייט האט ער זיך אויך נישט געוואלט באטייליקן אין דעם שטארקן קאמף וואס די ארטאדאקסן האבן געפירט קעגן דער ראבינער־שולע הגם אויך ער, פונקט ווי זיין פאטער ר' חיים, האט איינגעזען אז די ראבינער־שולע האט אנטוישט די אלע גוטע האפענונגען, וואס מען האט תחילת געלייגט אויף איר, און דאך האט ר' נפתלי געהאט די געלעגנהייט זיך איבערצייגן אז די וועלטלעכע קענטענישן זענען נויטיק פאר יידן, ווייל זיי עפענען פאר זיי די גרעסערע וועלט און מאכן זיי לייכטער די שווערע פרנסה. ער האט דעריבער אלע זיינע קינדער געגעבן א גרינטלעכע יידישע און דערביי אויך אן אלגעמיינע בילדונג...

...ר' נפתלי איז געווען די רעכטע האנט פון זיין פאטער און אין יעדער וויכטיקער פראגע פלעגט ער זיך מיט אים מתיעץ זיין. אויך ר' בעריש מייזליש, וועלכער איז געוויילט געווארן אלס רב הכולל פון ווארשע נאך ר' חיימס פטירה, האט קיין וויכטיקע זאך נישט געטאן נישט בארעטנדיק זיך פריער מיט ר' נפתלין. פילמאל האט מען אים געוואלט וויילן אלס איינעם פון די דאזא־רעס, אבער זייענדיק א בורח מן הכבוד האט ער די שטעלע נישט געוואלט אננעמען, כאטש פאקטיש איז קיין וויכטיקע זאך אין דער קהלה נישט געטאן געווארן אן זיין וויסן און אן זיין עצה.

די מצבה אויפן קבר פון ר׳ נפתלי דאַווידזאָן אויפן וואַרשעווער בית־עלמין.

ר׳ נפתלי איז נפטר געוואָרן 9 יאָר נאָך ר׳ חיימס טויט, דעם 18טן מר חשוון תרכ״ג (1862).״

אין דעם דריטן דור פון דער דאווידזאָן־משפחה איז ארייגעטראָטן אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער שטילשטאנד, כדי אויפצוברויזן אין פולער מאָס אין דעם פערטן דור און טיילווייז אין דעם פינפטן, דעם לעצטן גרויסן דאווידזאָן־דור.

די דריי זין פון ר׳ נפתלי דאַווידזאָן האָבן באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג און האָבן זיך אַלע געווידמעט דעם מסחר אין אַ גרויסן פאַרנעם. צוויי פון זיי — לייב און עקיבא זענען אַוועק קיין רוסלאנד און זענען פאַרשוואונדן אין דעם גרויסן קעסל פון דעם רוסישן סוחרישן לעבן. זייערע זין זענען שוין געווען אַסימי־לירט מיט אלגעמיינעם רוסישן לעבן און זענען טעטיק געווען אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָן שום שייכות מיטן יידישן לעבן. זיי זענען מיט דער צייט אינגאנצן פאַרשוואונדן.

אין וואַרשע איז פאַרבליבן דער עלטסטער זון פון ר׳ נפתלי, יוסף־צבי, וואָס האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון איינעם פון די רייכסטע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין וואַרשע אין יענער צייט, ר׳ דוד טעמקין. יוסף־צבי איז געווען פאַרטאָן אין גרויסע געשעפטן און האָט זיך, פונקט ווי זיין שווער, מיט כלל־ענינים ווייניק וואָס באַשעפטיקט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיי האָבן נישט געגעבן קיין באַדייטנדיקעביישטייערונגען אויף כלל־זאכן. יוסף־צבי דאַווידזאָן איז איבעריקנס זייער יונג געשטאָרבן און פון די פיר קינדער, וואָס ער האָט געהאט, איז דעם עלטסטן זון אַריה־יששכר, אָדער ווי מען האָט אים פאָפולער גערופן ר׳ לייביש דאַווידזאָן, באַשערט געוואָרן צו שפּילן איינע פון די וויכטיק־סטע ראָלן אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער יידנטום צום סוף פון פאָ־ריקן יאָרהונדערט און אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט.

ביי דער געלעגנהייט איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די יונגע אַלמנה נאָך יוסף צבי, די מוטער פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן, האָט מיט אַ צייט שפּעטער חתונה געהאַט מיטן קאָוונער רב, דעם גאון ר׳ יצחק־אלחנן ספּעק־טאָר, אויף וועמענס נאָמען עס הייסט די באַרימטע ישיבה אין ניו־יאָרק.

4

געבוירן אין ווארשע אין יאָר 1854, האָט ר׳ לייביש דאַווידזאָן שוין צו 16 יאָר זיך געמוזט פאַרנעמען מיט די גרויסע געשעפטן פון זיין פאָטער, ווען ער איז געפּערלעך קראַנק געוואָרן. צו 19 יאָר, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (1882), האָט ער זיך שוין אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

סיי אין דער מאָנאָגראַפיע פון פרענק־זאַגאָראָדסקי, סיי אויך אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן פון ד״ר ראובן פעלדשו (בן־שם) געפינען מיר גאַנץ אויספירלעכע באַשרייבונגען וועגן לעבן און וועגן דער פאַרבנרייכער טעטיקייט פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן. עס דערמאָנען וועגן דעם אין זייערע זכרונות פון יענער צייט אַברהם פּאָדלישעווסקי, מ. י. פרייז׳, פועה ראַקאָווסקי א. א.

ר׳ לייביש דאַווידזאָנס לעבנס־וועג איז אזוי אינטערעסאַנט, אַז עס פאַרדינט זיך דערויף אָפּצושטעלן אויספירלעכער און מיר וועלן דעריבער דאָ שילדערן די דאָזיקע פּרטים לויט די פריער דערמאָנטע קוועלן, וואָס זענען גענוג רייך אין פאַקטן און עפּיזאָדן און דינען ווי מאַטעריאַל נישט בלויז צו קענען אָפּשאַצן דעם ווערט און באַדייטונג פון דער משפחה דאַווידזאָן גופא נאָר אויך די גאַנצע פאַרגאַנגענע עפּאָכע, אין וועלכער די משפחה האָט געווירקט.

דער דראַנג צו וויסן און די פעאיקייטן צום לערנען זענען ביי די דאַווידזאָנס אַ פאַמיליען־ירושה, פונקט ווי דאָס איז ביי דעם גרעסטן טייל פון די פאַמיליען־מיטגלידער געווען דער דראַנג צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אין דער ביאָגראַפיע פון ר׳ לייבישן (ביי פרענק־זאַגאָראָדסקי) ווערט אָנגעגעבן, אַז שוין אַלס יונג קינד פלעגט לייביש אויפשטיין 5 אַזייגער פאַרטאָגס און גיין צופוס אַ מהלך וועג צו זיין רבין, ביי וועלכן ער האָט

געלערנט גמרא מיט אַלע מפרשים און זיך געשאַרפט דעם מוח אין פּלפּול. אויף אַזאַ אופן האָט ער שוין צו 14 יאָר געשמט אַלס בקי אין ש״ס און פּוסקים.

ווי אַלע פאַמיליען־מיטגלידער ביי די דאַווידזאָנס, האָט ער זייער־דיק זייער פרום זיך אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים, רוסיש, פּויליש און דייטש און האָט זיך אינטערעסירט מיט דער ליטעראַטור אין די דאָזיקע שפּראַכן. אונטער דער השפּעה פון דעם זשורנאַל „השחר״, וואָס זיין קוזין פּרץ סמאָלענסקי האָט דאַן אַרויסגעגעבן, האָט ער זיך פּאַראינטערעסירט און זיך דערנענטערט צו דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. צו 15 יאָר האָט ער שוין געשריבן אַ שיינעם, ליטעראַרישן העברעאיש.

די פליכט איבערצונעמען יונגערהייט דעם פאָטערס גרויסע געשעפטן האָט אים גאָרנישט געשטערט זיך ווייטער צו פּאַרפּולקאָמען אין יידיש און אַלגעמיינעם וויסן, וועלכן ער האָט געווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט. ער האָט אויסגעשריבן די בעסטע לערן־ביכער פון העכערער מאַטעמאַטיק, וועלט־געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע (ספּעציעל האָט ער זיך אינטערעסירט מיט ספּינאָזא און קאַנט) און זיך באַמיט צו געפינען די מקורים פון פילאָסאָפישע געדאַנקען אויך אין תלמוד. זיין ציל איז געווען צו באַווייזן, אַז שוין מיט צוויי טויזנט יאָר פריער האָבן די תנאים און אמוראים אָנגעצייכנט דעם געדאַנקען־גאַנג פאַר דער מאָדערנער פילאָסאָפיע.

נישט געקוקט אויף זיין שטרענגער פרומקייט האָט ער זיך אָנגעהויבן קליידן אייראָפּעאיש און זייענדיק ווי זיין זיידע און עלטער־זיידע אַ מתנגד, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו חסידות און אין דער ריכטונג איז אים אין משך פון זיין לעבן אויסגעקומען אויסצושטיין אַ כסדרדיקן קאַמף אין דעם וואַרשעווער יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

ר׳ לייביש דאַווידזאָן האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1876 מיט שרה־רחל פּינעס, די טאָכטער פון דער מיוחסדיקער משפּחה אין רוזשאַני, סלאָנימער קרייז.

ר׳ נח פינעס, דער שוואָגער פון לייביש דאַווידזאָנען, איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער טוך־פאַבריק אין רוזשאַני. דאָן האָט די משפחה געגרינדעט ענלעכע פאַבריקן אין קאָסאָווע און וואָלקאָוויסק, ווערנדיק אַזוי־ארום די פיאָנערן פון דער אַזוי גרויסער טוך־אינדוסטריע אין ביאַ־ליסטאָקער געגנט.

ר׳ לייביש דאַווידזאָן האָט אָנטייל גענומען אין די שבת־צו־נאַכטס־מסיבות אין הויז פון דעם באַקאַנטן וואַרשעווער עסקן ר׳ משה קאָן, זיין פרויס אַ פעטער, וווּ עס פלעגן קומען חיים זעליג סלאָנימסקי, זאב יעביץ, זאב אשכנזי (פאָטער פון שפּעטער באַרימטן פוילישן היסטאָריקער פּראָפ. שמעון אַשכנזי) א. א.

וועגן יענער צייט דערציילט י. ח. זאַגאָראָדסקי, וועלכער האָט אין משך פון זיין לאַנג־יעריקער זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין יידישער און העברעאישער פּרעסע אָפט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט ר׳ לייביש דאַ־ווידזאָנען, פאָלגנדיקעס:

„מען פלעגט דאָרט (ביי ר׳ משה קאָנען) פירן וויכוחים וועגן פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, מען האָט דיסקוטירט וועגן די ניי־דערשינענע ספרים און ביכער, מען האָט באַהאַנדלט און אַרומגע־רעדט די וויכטיקסטע יידישע פראַגן. עס פלעגן אויך פאָרקומען אינטימע פאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס.

אָט אין יענעם הויז פלעגט אויך ר׳ לייביש פאַרברענגען זיינע שבתים. אים האָט געצויגן צו דער געקליבענער געזעלשאַפט פון די וויכטיקסטע משכילים אין יענער צייט, פאַר וועלכע אויך ער האָט געהאַט וואָס צו אַרויסווייזן, אַרויסזאָגנדיק אָריגינעלע מיינונגען וועגן פאַרשידענע פראַגן און וועגן די נייע ווערק, וואָס ער האָט געלייענט...

...די כוואַליע פון פּאָגראָמען אין גאַנץ דרום־רוסלאַנד (אין יאָר 1882) האָט דערשיטערט דאָס גאַנצע וועלט־יידנטום. אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַן אַסיפה צו באַטראַכטן ווי צו העלפן די פּאָגראָמירטע יידן. אין דער דאָזיקער אַסיפה האָבן זיך באַטיי־ליקט: דער באַוווסטער גאון, דער ראַדעמער און שפּעטער ביאַליס־

טאָקער רב ר׳ שמואל מאָהילאָווער, י. מ. מאירסאָן, מנשה מאַי־ראָוויטש, שמואל פּנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר), דער שעפער פון „עספּעראַנטאָ״ ד״ר לודוויק זאַמענהאָף, ר׳ לייביש דאַווידזאָן און א. ש. פרידבערג. די אַסיפה האָט באַשלאָסן, אַז די איינציקע רע־טונג פאַר יידן איז צו האָבן אַן אייגן ווינקעלע אין זייער אַמאָ־ליקער היים — ארץ־ישראל. זינט דאַן ווערט לייביש דאַווידזאָן אַן איבערגעגעבענער חובב־ציון, איז איינער פון די ערשטע גרינ־דער פון דער געזעלשאַפט פאַר חיבת־ציון אין וואַרשע און שענקט זיין גאַנצע ענערגיע אויסצופירן דעם דאָזיקן געדאַנק״...

אַ סך יאָרן איידער ד״ר טעאָדאָר הערצל איז נאָך אויפגעקומען מיט זיין געדאַנק וועגן שאַפן דעם פּאָליטישן ציוניזם האָט ר׳ לייביש דאַ־ווידזאָן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג פון 13 חובבי־ציון, וואָס זע־נען זיך צונויפגעקומען אין קאַטאָוויץ אין סעפּטעמבער 1883 און באַ־שלאָסן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין אַלע איי־ראָפּעאישע לענדער צו שאַפן ענלעכע חיבת־ציון־פאַריינען און זיי פאַ־רייניקן אין איין גרויסער יידישער אָרגאַניזאַציע. ר׳ לייביש דאַווידזאָן האָט געהערט צום ענגן זעקס־פּערזאָניקן אויספיר־קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט רעאַליזירן די באַשלוסן פון דער ערשטער קאַטאָוויצער באַ־ראַטונג און רופן אַ גרויסע קאָנפערענץ, וואָס איז טאַקע פאָרגעקומען אין די טעג פון 6טן ביזן 11טן נאָוועמבער 1884 אין דער זעלביקער שטאָט קאַטאָוויץ און איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע אַלס „קאַטאָוויצער קאָנפערענץ״. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 32 דעלעגאַטן, צווישן וועלכע עס איז געווען דער מחבר פון „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע״ ד״ר לעאָן פּינסקער, דער גאון הרב שמואל מאָהילאָווער און אַנדערע באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט. פון וואַרשע זענען געקומען 5 דעלעגאַטן און לייביש דאַווידזאָן איז געווען איינער פון די אַממייננסטן אַקטיווסטע צווישן זיי. זיין נאָמען איז אונ־טערגעשריבן אונטער די וויכטיקסטע באַשלוסן פון דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ. מיט זיין כסדרדיקער מיטאַרבעט ווערן אויף דער קאָנפע־רענץ באַשטימט די יסודות פאַר אַ קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־

די אָנטיילנעמער פון דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ אין יאָר 1884. עס זיצן אין צענטער הרב שמואל מאָהילעווער
און ד"ר לעאָן פינסקער. אין דער צווייטער רייע שטייט דער צווייטער פון רעכטס ר' לייביש דאַווידזאָן (*).

ישראל און שוין אין יאָר 1889 פאָרט דאַווידזאָן צוזאַמען מיט הרב שמואל מאָהילאָווער און ד״ר לעאָן כאַזאַנאָוויטש קיין ארץ־ישראל און קויפן דאָרט אַ גרויסן שטח באָדן, אויף וועלכן עס ווערט מיט אַ צייט שפּעטער געגרינדעט דאָס היינט באַרימטע רחובות.

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, איז שוין לייביש דאַווידזאָן אייגער פון די אַקטיווסטע טוער אין אַלע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע יידישע קערפּערשאַפטן. אין דער ערשטער רייע איז ער טעטיק אין דער באַוועגונג פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אונטער דער השפּעה פון בן־יהודה. ער געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער געזעלשאַפט „שפה ברורה״, וואָס ווערט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין „חובבי שפת עבר״. אין דעם גרינדונגס־פּעריאָד פון דער געזעלשאַפט זענען יעדן שבת פאָרגעקומען רעפעראַטן און שמועסן אין דער שול פון גאָלדפלוסן אויף נאַלעווקעס 41 און צו די רעדנער דאָרט האָט געהערט אויך י. ל. פּרץ, וועלכער איז דאַן געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון „שפה ברורה״. היות די מאַכט האָט דאַן נישט דערלויבט קיין שום פאַרזאַמלונגען, פלעגט מען אונטערן מאַנטל פון תפילות און רעליגיעזע ענינים באַהאַנדלען אַלערליי געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים.

אַ ספּעציעלע דערמאָנונג פאַרדינט דאָ די באַציאונג צווישן ר׳ לייביש דאַווידזאָנען און זיין שטיף־פאָטער דעם גאון ר׳ יצחק אלחנן, וועלכער האָט — ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — חתונה געהאַט מיט זיין מוטער חנה. צווישן ביידען האָט זיך געשאַפן זייער אַ פאַמיליאַרע פאַרבינדונג און אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי פלעגט דער גאון ר׳ יצחק אלחנן טיטולירן זיין שטיף־זון: „בני אהובי״. ר׳ לייביש דאַווידזאָן האָט זיך באַמיט משפּיע צו זיין אויף דעם קאָוונער גאון, אַז ער זאָל צושטיין צו דער חיבת־ציון־באַוועגונג, וואָס איז פאַר די רעליגיעזע אַנטי־ציוניסטישע פאַנאַטיקער געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ.

ר׳ לייביש דאַווידזאָן איז אויך געווען דער ערשטער וואַרשעווער ייד, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער בני־ברית־באַוועגונג, בעת זיין ערשטן באַזוך אין קאַטאָוויץ אין יאָר 1883, ווייל אין אַמאָליקן רוס־

לאַנד זענען די בני־ברית־לאָזשעס נישט געווען דערלויבט. ערשט אין באַפרייטן פוילן, ווען אין וואַרשע איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן די לאָזשע בני־ברית (יאָר 1922) איז ר׳ לייביש דאַווידזאָן אויפגענומען געוואָרן אין דער לאָזשע אַלס מיטגליד נומער איינס.

אין דעם קאַמף פאַר רעכט פון יידן אין רוסלאַנד, אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און גזירות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, האָט לייביש דאַווידזאָן געשפילט ממש אַ היסטאָרישע ראָל אין משך פון קנאַפע 30 יאָר צייט.

פירנדיק זייער גרויסע געשעפטס־אונטערנעמונגען, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער און וואָס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן דורך זיין שידוך מיט דער טאָכטער פון דער פינעס־משפחה, האָט ער געהערט צו די גאָר גרויסע וואַרשעווער גבירים. עס איז אים אָפט אויסגעקומען צו פאָרן קיין פעטערבורג, וו ער האָט אָנגעקניפּט פער־זענלעכע באַציאונגען מיט די דעמאָלסטיקע פירער פון דער יידישער פּאָליטיק אין רוסלאַנד: באַראָן האָראַצי גינזבורג, אַדוואָקאַט ווינאַווער (וואָס האָט געשטאַמט פון וואַרשע), אַדוואָקאַט שלאָסבערג, ד״ר לעאָן בראַמסאָן א. א. געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען דער איינציקער פאַר־שטייער פון פוילישע יידן אין די קאָמיטעטן, וואָס זענען געשאַפן גע־וואָרן צו פאַרטיידיקן יידישע רעכט. נאָך דעם קישעניעווער פּאָגראָם איז ער צוזאמען מיטן באַראָן גינזבורג געגאַנגען צום טרויעריק־באַרימטן צאַרישן אינערן־מיניסטער פלעווע, וועלכן עס האָט זיינער צייט אויך געהאַט באַזוכט ד״ר טעאָדאָר הערצל.

אין דער פאַמיליען־מאָנאָגראַפיע וועגן די דאַווידזאָנס שרייבט י. ה. זאַגאָראָדסקי:

„ר׳ לייביש האָט דערנאָך דערציילט דעם אינהאַלט פון דעם געשפרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דער דעלעגאַציע און דעם מיניסטער פלעווע. ווען דער באַראָן האָט אין קורצע, אָבער רירנ־דיקע ווערטער, געשילדערט דעם טרויעריקן מצב פון יידן און געזאָגט פלעווען, אַז דער יידישער צושטאַנד איז אומדערטרעגלעך, האָט ער געענטפערט: „ווירקט אויף אייער יוגנט זי זאָל נישט

זיין רעוואָלוציאָנער, וועט איר באַקומען הנחות". דערויף האָט דער באַראָן געזאָגט: „מיר קענען נישט ווירקן אויף אונדזער יוגנט, ווייל איך קען אַ סטודענט נישט געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער, אַ „קאַנדידאַט פון רעכט", האָט נישט קיין רעכט אין רוסלאַנד." דאַן האָט דער באַראָן אָנגעוויזן, אַז דער עלטערער דור איז דאָך געווען לאָיאַל, זיך נישט אָפּגעגעבן מיט קיין רעוואָלוציע און דאָך האָט דאָס נישט געבראַנגט קיין שום הנחות פאַר ייִדן, נאָר פאַרקערט, מיטלאַלטערלעכע גזירות. אפשר וועט דער יונגער דור מיט אַנדערע וועגן אויסקעמפן מענטשלעכע רעכט פאַר זיך. דאַווידזאָן האָט דערצו נאָך צוגעגעבן: „מיר האָבן נישט קיין לשון צו ריידן מיט אונדזער יוגנט, ווייל זי איז דאָך געדרעכט מיט דער אומצופרידנקייט פון דעם, וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין קישעניעוו". פּלעווע האָט דערויף באַמערקט: „ייִדן איז היינט פיל בעסער ווי אַמאָל. אַלס באַווייז קען דינען דער פאַקט, וואָס אַמאָל פלעגן זיי גיין צו אַ מיניסטער דורך דער הינטער־טיר און היינט רעדט איר מיט מיר ווי גלייכע מענטשן..."

דער רעזולטאַט פון דער אוידיענץ איז דאַן געווען, אַז פּלעווע האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן דעם באַוווסטן צירקולאַר, וועלכער דערלויבט ייִדן זיך צו באַזעצן אין 103 שטעטלעך אָדער „פּאָסאַדן", וווּ פריער איז זיי געווען פאַרווערט צו וווינען"...

דאַווידזאָן איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם „פאַרבאַנד צו דערגרייכן די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון ייִדן אין רוסלאַנד", וואָס איז אין יאָר 1905 באַשאַפן געוואָרן אויפן ספּעציעלן צוזאַמענפאָר אין ווילנע. ער האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דומע־וואַלן אַלס מיטגליד פון דעם ייִדישן וואַל־קאָמיטעט אין וואַרשע.

נישט קיין ווייניקער אַקטיווע טעטיקייט, שוין דאַן אַלס מיטגליד פון דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג, האָט דאַווידזאָן אַנטוויקלט בעתן אַנטי־ייִדישן באָיקאָט פון די פּאָליאַקן אין דער צייט פון וואַלן צו דער פערטער דומע און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רוסן האָבן דורכגעפירט גירושים פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דערביי דאַרף אויך דערמאָנט װערן די פילאַנטראָפּישע טעטיקייט פון לייביש דאַװידזאָנען און פון זיין פרוי שרה־רחל: זיי האָבן מנדב געװען די גאַר אָנגעזעענע סומע פון 200.000 רובל, כדי אויסצובויען אַ מאָדערנעם פּאַװיליאָן פאַר אויגן־קראַנקע אין דעם קינדער־שפּיטאָל א. נ. פון „באומאַן און בערסאָן" אין װאַרשע אויף שליסקע גאַס; פרוי דאַװידזאָן איז געװען די הויפּט־אינספּיראַטאָרין און פּאַקטישע גרינדערין פון דער געזעלשאַפט „בריאות" צו העלפן לונגען־קראַנקע יידן; זיי פלעגן אויך אייגענעם חשבון פאַרזאָרגן אָרעמע כלה־מיידלעך מיט אויסשטייער, אָרעמע בעלי־מלאכות מיט אַרבעטס־מכשירים אדג. דאָס אַלץ באַשטעטיקט נאָר, אַז מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט עסקנים, װאָס האָבן געזאָרגט פאַר יידישע נויטליידנדיקע אין דעם איידלסטן זין פון װאָרט.

אַ ספּעציעל קאַפּיטל אין דער לעבנס־געשיכטע פון ר' לייביש דאַװידזאָן איז זיין טעטיקייט אין דער װאַרשעװער יידישער קהלה. פּאַקטיש האָט ער געהערט צו די געציילטע יחידים, װאָס האָבן דורכגע־בראָכן די אַסימילאַטאָרישע מויער אין דער גרעסטער אָרגאַניזירטער יידישער קהלה.

קנאַפּע פופציק יאָר צייט האָט זיך די װאַרשעװער יידישע קהלה געפונען אין די הענט פון דער אַסימילאַציע, מיט װעמען עס זענען, פון צייט צו צייט, געגאַנגען האַנט ביי האַנט די רייכע חסידים. אמת איז, אַז די אַסימילאַטאָרן האָבן די קהלה פאַרװאַנדלט אָרגאַניזאַציאָנעל אין אַ קערפּערשאַפט פון ערשט־ראַנגיקן פאַרנעם, װי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסער שטאָט מיט אַזאַ צאָלרייכער יידישער באַפעלקערונג. אָבער די באַפעלקערונג גופא האָט אין דעם קהלה־לעבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע דעה, װייל װאַל־רעכט האָבן געהאַט נאָר רייכע יידן און במילא האָבן די יידישע מאַסן, װאָס זענען געװען אָפּהענגיק פון דער קהלה אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, נישט געהאַט קיין שום דעה אויף איר לייטונג און אויף איר כאַראַקטער. אַזוי אַרום זענען די אַסימילאַטאָרן געװאָרן די בעלי־בתים פון דעם יידישן לעבן און עס אָנגעפירט לויט זייער איינזען און זייער װילן. עס איז געװאָרן אַ פּאָליטישע פעסטונג פון דער אַסי־



ר׳ לייביש דאַווידזאָן

געמאָלן דורכן באַקאַנטן וואַרשעווער מאָלער מ. עליאָוויטש

מילאַציע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פאַרפוילישן דאָס יידישע לעבן אין לאַנד און צו דעם צוועק קודם־כל פאַרפוילישט די קהלה גופא. הגם אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביזן פאַרוואַנדלען די יידישע קהלה אין פוילן אין אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס־פאַרשטייערשאַפט (יאָר 1923), איז זי געבליבן פאַרפוילישט, האָבן די נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס זענען דאָרט אַריין, צעשטערט די אבסאָלוטע הערשאַפט פון דער אַסי־מילאַציע און זייער אידיליע מיט די חסידים. לייביש דאַווידזאָן איז גע־ווען פון די ערשטע נאַציאָנאַלע יידן, וואָס האָבן דאָס דערגרייכט.

דער ערשטער פּרוּוו איינצופירן ציוניסטישע דאַזאָרעס אין דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1903. עס האָבן דאַן קאַנדידירט לייביש דאַווידזאָן און נחום סאָקאָלאָוו. מען האָט געמיינט, אַז די אַסימילאַטאָרן וועלן מסכים זיין כאָטש אויף סאָקאָלאָוון, וועלכער האָט באַהערשט פּערפעקט די פוילישע שפּראַך, פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי. אָבער די אַסימילאַטאָרן, צוזאַמען מיט זייערע חסידישע צוהעלפער, האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט די דאָזיקע באַמיאונגען אַריינצופירן יידישע נאַציאָנאַליסטן אין זייער פעסטונג.

ערשט אין יאָר 1906 איז לייביש דאַווידזאָן אַריין אין דער קהלה־פאַרוואַלטונג און איז שוין דאָרט געווען טעטיק העכער 15 יאָר.

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז שוין געלונגען די ציוניסטן דורכצו־פירן נאָך צוויי אָפיציעלע פאַרשטייער אין דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע אָפּאָזיציע אין דער אַסימילאַטאָריש־חסידישער סביבה. די ניי־געוויילטע זענען געווען יוסף ילעוויטע (דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן לעאָן לעוויטע) און ד״ר זלמן ביכאָווסקי, איינער פון די פּאָפּו־לערסטע ציוניסטישע עסקנים אין וואַרשע אין משך פון לאַנגע יאָרן. אָבער ד״ר ביכאָווסקיס וואַל האָט די צאַרישע רעגירונג נישט באַשטע־טיקט צוליב דער מסירה (מצד די אַסימילאַטאָריש־חסידישע קהלה־תקי־פים, פאַרשטייט זיך), אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנערער עלעמענט...

מיטן לויף פון יאָרן האָט מען די אַסימילאַטאָרן צוביסלעך פאַר־טריבן פון דער קהלה און עס זענען דאָרט אַריינגעקומען אַלץ מער און

מער נאַציאָנאַלע פאַרשטייער, ס'רוב פון וועלכע עס זענען, צום באַדוי־ערן, געווען שטאַרק קאָנסערוואַטיוו און האָבן זייער זעלטן אַרויסגעוויזן די נויטיקע פאַרשטענדעניש פאַר די לעבנס־פּראָבלעמען פון די יידישע פאָלקס־מאסן, פאַר זייערע עקאָנאָמישע נויטן און בפרט פאַר זייערע קולטור־באַדערפענישן. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל גע־שיכטע פון ווארשעווער יידנטום, וואָס איז ביז איצט נאָר טיילווייז באַ־לויכטן געוואָרן אין פאַרשידענע היסטאָרישע אַרבעטן.

הגם ער איז קיינמאָל אָפיציעל צום דאָזיקן אַמט נישט געוויילט געוואָרן, האָט ער זייער אָפט פאַרנומען דעם פאָרזיץ פון דער וואַרשע־ווער קהלה און די ברייטע מאַסע האָט אים געקענט נישט בלויז ווי איינעם פון די פּאָפּולערסטע וואַרשעווער דאָזאָרעס, נאָר טאַקע אויך ווי אַ ראש־הקהל.

עס איז נישט נויטיק און נישט מעגלעך דאָ אויסרעכענען אַלע טעטיקייטן און אויפטוען פון לייביש דאַווידזאָנען אין משך פון זיינע לאַנגע יאָרן געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דאָס האָבן שוין געטאָן די ביאָגראַפן זיינע פרענק־זאַגאָראָדסקי, ד״ר ראובן פעלדשו (בן־שם) א. א.

גענוג בלויז צוצוגעבן, אַז עס איז באמת נישט געווען קיין איין וויכטיקע יידישע אַקציע אין אַמאַליקן רוסלאַנד, שפּעטער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן און אַפילו אין די ערשטע יאָרן פון אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, אַז ר' לייביש דאַווידזאָן זאָל דערין נישט האָבן אַ **חלק.**

דאָס איז גאַנץ בולט געקומען צום אויסדרוק אין דעם טרויער, וואָס זיין טויט האָט אַרויסגערופן אין וואַרשע און בכלל אין פּוילן, ווען ר' לייביש דאַווידזאָן איז אין יאָר 1923 געשטאָרבן אין עלטער פון 69 יאָר, נאָך אַן ערך 50 יאָר דינסט לטובת הכלל.

אין זיין צוואה האָט ער צעטיילט זיין פאַרמעגן נישט בלויז צווישן די אייגענע קינדער, ווי דאָס טוען ס'רוב גבירים היינטיקע צייטן, נאָר אַ גרויסן חלק פון דעם פאַרמעגן האָט ער באַשטימט פאַר כלל־ענינים. זיין גרויסע ווערטפולע ביבליאָטעק, אַן אמתדיקער אוצר פון אַלטע יידישע ספרים, וואָס זענען העכער הונדערט יאָר געזאמלט געוואָרן דורך פיר

דורות פון דער דאַווידזאָן־משפחה, אָנהויבנדיק פון ר׳ חיים דאַווידזאָן, האָט לייביש דאַווידזאָן פאַרשריבן דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, וווהין דער גרויסער ביכער־אוצר פון פיל טויזנטער בענד מיט אַ סך יקר־המציאותן איז שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן.

דער פינפטער דור פון דער משפחה זענען די קינדער פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן.

זעקס זענען זיי געווען — דריי זין און דריי טעכטער. פון זיי אַלע לעבט ביים היינטיקן טאָג אין דער הויפּטשטאָט פון בראַזיל די לעצטע פון דעם דאָזיקן דור, פרוי העלענא, די אלמנה נאָכן פאַרשטאָרבענעם וואַרשעווער באַנקיר מיכאל שערעשאָווסקי, וועגן וועמען עס ווערט דער־ציילט אין דעם דאָזיקן בוך אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל *).

אַלע קינדער האָבן באַקומען אַ נאַציאָנאַל־יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. די זין האָבן אויך דורכגעמאַכט אַקאַדעמישע בילדונג, שטו־דירנדיק אויף די וואַרשעווער הויך־שולן, און האָבן דערנאָך דערגאַנצט זייער פאַך־אויסבילדונג אויף אויסלענדישע הויך־שולן. די צוויי עלטערע זין זענען געווען מעדיקער און דער יינגסטער האָט שטודירט אַלס אינ־זשיניער. אַלע האָבן, אויסער אייראָפּעאישע שפּראַכן, אויך געקענט יידיש און העברעאיש.

וועגן דעם יינגסטן זון פון דער דאַווידזאָן־משפחה, אינזש. מיכאל דאַווידזאָן, איז נישטאָ קיין סך וואָס צו דערציילן. ער האָט זיך מיט כלל־ענינים נישט פאַרנומען. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין געשעפטן, וואָס זענען ביי אים נישט אַוועק ווי אמבעסטן און צוליב וועלכע נישט נאָר ער אַליין איז שטענדיק געווען פאַרדרייט, נאָר ער האָט נאָך אַריינגעצויגן אין דעם פּלאָנטער פון די געשעפטן אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה. זיין אייגענער חלק פון דער ירושה האָט זיך שנעל צערונען. דער סוף איז געווען, אַז זיינע געשעפטן האָבן קיין נחת קיינעם נישט פאַרשאַפט. וועגן מאַטעריעלע נוצן האָט מען שוין בכלל נישט גערעדט. עס טרעפט אַזעלכעס זייער אָפט צווישן רייכע משפחות...

*) זע דאָס קאַפּיטל וועגן דער משפחה שערעשאָווסקי.

די לויה פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן



ביים אַריינטראָגן דעם אָרון אין נאָזשיקס שול, אין וואַרשע, טוואַרדע 6.

איבעריקנס, איז מיטן לויף פון דער צייט דאָס גאַנצע גרויסע דאווידזאָן־פּאַרמעגן אינגאנצן אויסגערונען געוואָרן אויך ביי די איבע־ריקע צוויי זין, אָבער דאָס שוין נישט צוליב געשעפּטלעכע סיבות, נאָר פּשוט צוליב די אומשטענדן פון דער צייט.

די צוויי זין פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן, וואָס האָבן געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דעם יידישן נאַציאָנאלן לעבן, זענען געוועזן די צוויי מעדיקער, נח און יוסף, וועגן וועמען איך וויל דאָ דערציילן אויס־פירלעכער, ווייל מיט זיי האָט זיך פּאַקטיש אָפּגעשלאָסן די געשיכטע פון דער דאָזיקער רומפולער פּויליש־יידישער משפּחה.

5

קורץ איז געווען דאָס לעבן פון ד״ר נח דאַווידזאָן, דעם עלטסטן זון פון ר׳ לייביש. קורץ, פול מיט ליידן, פול אנטוישונגען, אָבער ווי שטורמיש, ווי פאַרבנרייך, ראָמאַנטיש אַפילו, הגם ער איז בטבע געווען אַזוי רואיק, אַזוי בעל־הבתיש, וואָלט איך געזאָגט. קוים אַריבער די שוועל פון זיין לעבנס־יובל און איז געשטאָרבן אַ צעבראָכענער דורכן גורל פון לעבן. עס טרעפט זייער אָפט, אַז מענטשן ווערן אַנטוישט דורך דער שלעכטער באַציאונג פון זייערע קרובים, חברים, פריינד. דאָס קען מען אין דעם פאַל פון נח דאַווידזאָן נישט זאָגן. לגבי אים איז בלויז דער לעבנס־גורל געווען אומבררחמנותדיק, אָבער זיינע קרובים, זיינע חברים און פאַרערער האָבן זיך באַמיט אים צו העלפן אין יעדער הינזיכט, כדי זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ זאָל געזיכערט ווערן און זיין מאָראַלישע פּאָזיציע זאָל אויפגעהאַלטן ווערן. צום באַדויערן איז דאָס אַלץ נישט בכוח געווען צו ענדערן די לאַגע.

נח דאַווידזאָן איז געווען אַ ציוניסטישער עסקן. מען קען אַפילו זאָגן אַ פּיאָנער פון אָרגאַניזירטן פּוילישן ציוניזם און גלייכצייטיק אַ קעמפּער פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור. ער איז נישט געווען קיין יידישיסט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט; ער האָט אָבער ליב געהאַט יידיש און יידישע קולטור, יידישע ליטעראַטור און יידיש פאָלקס־לעבן און איז אין דער הינזיכט געווען אַ פאַרקעמפער אין די רייען פון דער דעמאָלסטיקער ציוניסטישער יוגנט גופא, וואָס איז געווען קולטורעל מער אַסימילירט, פאַרפּויליִשט. ער איז אין זיין נאַציאָנאַל־קולטורעלער טעטיקייט געווען נישט בלויז אַ טרייער פאַרזעצער פון דער גרויסער פאַמיליען־טראַדיציע, נאָר ער האָט זיך אַ רוק־געטאָן נאָך אַ טריט פאָרויס, נענטער צום פאָלקסטימלעכן יידישן לעבן. די יידישע יוגנט פון דעם דור, וואָס איז אויפגעקומען ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט און אָנהויב פון הייניטיקן יאָרהונדערט, האָט זיך אויסגעלעבט און גע־

פירט אַ טעטיקייט נישט אין איין שפּראַך און נישט אַפילו אין צוויי שפּראַכן. אַלס ציוניסטן האָבן זיי אָנערקענט די נויטווענדיקייט אויפצו־לעבן די העברעאישע שפּראַך, הגם גאָר ווייניק פון דער יידישער אינ־טעליגענץ האָט די שפּראַך געקענט. עס איז געווען מער אַ טעאָרעטישע, פּלאַטאָנישע באַציאונג צו דער שפּראַך ווי אַ רייך־פּראַקטישע. דער אויפקום פון דער יידישער ליטעראַטור, יידישער פאָלקס־קולטור, יידיש טעאַטער האָט גורם געווען אויף דער יידישער גאַס די נויטווענדיקייט צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער דאָזיקער שפּראַך — אויב מען האָט געוואָלט צוקומען צום יידישן פאָלקס־מענטש. דאָס האָבן פאַרשטאַנען יחידים אין די ציוניסטישע יוגנט־קרייזן און זיי האָבן געזוכט אַריינצו־דרינגען אויך אין די קרייזן פון די יידיש־רעדנדיקע מאַסן. אויסער דעם האָט מען דאָך אויך געלעבט, געאַרבעט און אויסגעלעבט זיך אין רוסיש, וואָס איז דאַן געווען די אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך, און אין פּויליש, וואָס איז געווען די לאַנדס־שפּראַך, אָן וועלכער מען האָט קיין שום טע־טיקייט אין די פּוילישע געביטן נישט געקענט פירן. די יידישע יוגנט האָט זיך געערן באַנוצט מיט פּויליש נישט בלויז אין קאָנטאַקט מיט די פּוילישע קרייזן, נאָר אויך אין די יידישע קרייזן גופא.

שוין ווי אַ גימנאַזיסט אין דער רוסישער גימנאַזיע אין וואַרשע, שפּעטער ווי אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, האָט נח דאַ־ווידזאָן אַרויסגעוויזן אַן אומגעווייגלעכע אַקטיוויטעט אין די ערשטע נאַציאָנאַל־יידישע און ציוניסטישע קרייזן. ער איז געווען דער מיטגרינ־דער פון די ערשטע ציוניסטישע סטודענטן־פאַריינען און איז געווען דער מיטשעפער פון די ערשטע ציוניסטישע אויסגאַבן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אין דער פּוילישער שפּראַך און וואָס זייער באַדיי־טונג איז געווען זייער גרויס, כדי זיך קעגנצושטעלן די שטאַרקע השפּעות פון דער אַסימילאַציע. ער האָט דאָס געטאָן צוזאַמען מיט זיינע צייט־חברים פון די וואַרשעווער הויך־שולן און פון די ערשטע ציוניס־טישע יוגנט־קרייזן יצחק גרינבוים, אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, משה קער־נער און יאַן קירשראָט. זיי האָבן דאַן אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „גלאָס זשידאָווסקי" (יאָר 1902), ווו זיי האָבן מיט נייע געדאַנקען און נייע

אידייען געשטורעמט די אַסימילאַטאָרישע פעסטונג. עס איז געווען אַ שווערער פיאָנערן־וועג און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ סך גלויבן און עקשנות, כדי צו קענען אָנגיין מיטן קאַמף סיי אויף די אינערלעכע יידי־שע פראָנטן, סיי אויך אויף די אויסערלעכע פראָנטן. די פוילישע גאַס איז געווען פול מיט יידן־האַס און האָט די יידישע יוגנט געטריבן אין די רייען פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען נישט בלויז יידישע, נאָר ס׳רוב נישט־יידישע.

אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פון יענער צייט גיט איבער יצחק גרינבוים אין זיינע קורצע זכרונות וועגן דעם קדוש פון וואַרשעווער געטאָ ד״ר הענריק גאָלדשמיט, וואָס איז באַקאַנט אונטער זיין ליטעראַ־רישן פסעוודאָנים יאַנוש קאָרטשאַק. גרינבוים שרייבט דאָרט צוו. אנד. *):

...„די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען צופעליק אין איינער פון די קליינע „צוקערניעס״, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען קעגנ־איבער דער אוניווערזיטעט. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף שעהן. מיר האָבן גערעדט וועגן כלערליי זאַכן און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך מכוח יידישע ענינים אויף דער אוניווערזיטעט און אין דער וועלט. גאָלדשמיטס רייד זענען געווען דורכגעדרונגען מיט גיפטיקן שפאָט. איך האָב מער געשוויגן ווי גערעדט. איך האָב מיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן, וועל־כער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַלטן דערפאַרענעם מאַן, וואָס ווייסט, אַז עס איז נישט כדאי צו פייניקן די נשמה מיט אַלע זאַכן, וועלכע מען איז געוווינט אָנצורופן אידעאַלן; אַז אַלצדינג איז פוסטע מעשיות. איך האָב געוווסט אַז דאָס איז אַ

*) יצחק גרינבוים: זכרונות וועגן יאַנוש קאָרטשאַק. אויטאָריזירטע איבערזע־צונג פון העברעאיש דורך חיים בראַקאַזש. איינלייטונגס־וואָרט צום בוך „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך״. באַנד 63 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״, בוענאָס־איירעס, 1950.

שלייער, אין וועלכע יונגעלייט פון פארמעגלעכע אסימילאטאָ־רישע משפחות פלעגן זיך איינהילן, כדי צו פאַרדעקן זייער נאַ־קעטקייט, די פוסטקייט אין זייערע נשמות, דאָס גרינגשעצן זייער נאָענטסטע סביבה און דאָס נישט קענען אויסגעפינען פאַר זיך אַ גייסטיק פאָטערלאַנד, כדי זיך צו דערנענטערן צו די ברייטע מאַסן פון זייער פאָלק, צו וועלכע עס האָט זיי באַהאַלטענערהייט געצויגן. דאָס איז געווען דער סקאַרבאָווער נוסח ביי די בעסערע צווישן די מיטגלידער פון די רייכע אַסימילאַטאָרישע משפּחות, וואָס האָבן אליין נישט געזען די צעפּוילטקייט אין זייער לעבן, פון וועלכן די שיינקייט איז נאָך אויסערלעך נישט געווען פאַר־טונקלט. אויף מיר און מיינע חברים, וואָס זענען געווען אריינגע־טאָן אין דער וועלט פון התלהבות, וואָס האָבן זיך באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק געקוויקט מיט דעם גייסטיקן יידישן פאַ־טערלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, האָט דער דאָזיקער נוסח געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק: ער האָט אָפּגעשטויסן און צוגעצויגן. מיר האָבן אין אים געשפּירט עפּעס אַ מין דערהויבנקייט פון מענטשן, וואָס קוקן אַראָפּ פון דער הייך פון זייערע ביטערע דערפאַרונגען אויף אונד־זערע אָנשטרעַנגונגען, שוין פון פאַרויס וויסנדיק, וואָס פון זיי וועט אַרויסקומען. גלייכצייטיק אָבער האָבן מיר אויך געוווסט, אַז מיר שטייען אין קאַמף, אַז מיר שמידן אונדזער צוקונפט — די צוקונפט פון אונדזער פאָלק. האָבן מיר טיילמאָל רחמנות גע־קריגן אויף די דאָזיקע גיפטיקע אָפּלאַכער, די געפּאַנגענע פון זייער פוסטער וועלט"...

צענדליקער יאָרן זענען אַריבער ביז יאַנוש קאָרטשאַק — און מיט אים מיליאָנען יידן — האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין דער יידישער נאַציאָ־נאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג. פאַר אַ סך, פאַר דעם גרעסטן טייל פון זיי, איז אָבער דער גלויבן געקומען צו שפּעט. זיי האָבן זייער לעבן פאַר־שפּילט אין די נאַצישע קאַלך־אויוונס.

נח דאַווידזאָן האָט געהערט צו די גלויביקע פון די ערשטע יאָרן

פון זיין רייפן לעבן. קאָנסעקוועגט אין דעם דאָזיקן גלויבן, איז ער גע־גאַנגען ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון זיין קורץ, אָבער אַזוי אינטערעסאַנט לעבן. מיט וואָרט און טאַט. ער האָט אנטוויקלט אַ פּובליציסטישע טעטי־קייט אין אַלע זשורנאַלן און צייטונגען, וווּ ער האָט געקענט קומען צום אויסדרוק מיט זיינע אידעען און מיט זיינע געדאַנקען. אין רוסישע אויסגאַבן, אין פּוילישע און אין די ערשטע יידישע. ער האָט שוין גע־שריבן אַרטיקלען און באַרירט ציוניסטישע און אַלגעמיין־יידישע פּראָ־בלעמען ווי נאָר דער פּעטערבורגער „פריינד" האָט זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע. ער האָט שפּעטער אָפט געשריבן אין „היינט" און אין „מאָמענט". זיין נאָמען און זיין טעטיקייט אויפן שרייבערישן געביט זענען אָפּגעצייכנט אין זלמן רייזינס „לעקסיקאָן פון דער יידישער לי־טעראַטור און פּרעסע".

ער געהערט אויך צו די אַקטיווע קעמפער פאַר אַ יידישער נאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק אין גלות. אויף דער באַראַטונג פון די ציוניסטן פון רוסלאַנד, וואָס איז אין יאָר 1906 פאָרגעקומען אין העלסינגפאָרס און פון וועלכער ער ווערט געוויילט אַלס איינער פון די וויצע־פאָרזיצערס, נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שאַפונג פון דעם פּראָגראַם פאַר אַ ציוניסטישער קעגנוואַרטס־פּאָליטיק, וואָס איז אין דער ציוניסטישער געשיכטע מיטן נאָמען „העלסינגפאָרסער פּראָגראַם". ער באַטייליקט זיך אויך אין אַ רייע ציוניסטישע קאָנגרעסן און געהערט צום פּרעזידיום פון אייניקע פון זיי.

ווען די ציוניסטן נעמען אונטער דעם קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון דער וואַרשעווער יידישער קהלה, שאַפן פון איר אַ נאַציאָנאַל־יידישע קערפּערשאַפט, געפינט זיך נח דאַווידזאָן, וועמענס פאָטער עס האָט שוין דאַן געהערט צו דער קהלה־פאַרוואַלטונג, אין דער ערשטער רייע פון די קעמפער.

מ. י. פרייד דערציילט אין זיינע זכרונות *) וועגן די פאַרזאַמלונ־

---

* מ. י. פרייד: ימים ושנים. זכרונות וציורים מתקופה של חמשים שנה. תרגום מאידית: אברהם זמיר. חלק שני. הוצאות „דביר", תל־אביב, תרצ"ט.

געז, וואָס נחום סאָקאָלאָוו פלעגט צוזאַמענרופן אונטערן מאַנטל פון „רעדאַקציע־פאַרוואַלטונג פון הצפירה", כדי צו קענען פריי באַהאַנדלען די קהלה־ענינים און נישט געשטערט צו ווערן דורך דער פּאָליציי. עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַן ערך 50—60 חשובסטע נאַציאָנאַלע עסקנים און יידישע שרייבער, צווישן זיי פלעגן זיין: י. ל. פרץ, ה. ד. נאָמבערג, ד"ר עליאשעוו (בעל־מחשבות), ד"ר גרשון לעווין און דער יונגער יוסף העפטמאַן (היינטיקער פאַרזיצער פון ישראלדיקן זשורנאַליסטן־פאַר־באַנד). פון די ציוניסטישע אַקטיוויסטן פלעגן זיין, אויסער דעם גרייז־גרויען ד"ר יאַשינאָווסקי, אויך די יונגע: לעאָן לעוויטע, יצחק גרינבוים, יעקב קירשראָט, ד"ר ז. ביכאָווסקי, ד"ר ש. מינץ, ד"ר נח דאַווידזאָן, ד"ר משורר, ש. זיידענמאַן (שפּעטערדיקער באַקאַנטער אַדוואָקאַט און סיים־דעפּוטאַט), זעליק ווייצמאַן און מ. י. פרייד גופא. עס פלעגן פון צייט צו צייט אויך זיך באַטייליקן אין די פאַרזאַמלונגען דער פרעדי־קער פון טלאָמאַצקער טעמפּל ד"ר ש. א. פּאָזנאַנסקי, דער שפּעטער פון עספּעראַנטאָ און פריערדיקער חובב־ציון ד"ר לודוויק זאַמענהאָף און — ווי פרייד גיט אָן אין זיינע זכרונות — אויך ד"ר נוסבוים, דער אַקטי־ווער אַסימילאַטאָרישער טוער, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער געשמדט...

אָבער די „יונגע" באַנוגענען זיך נישט בלויז מיט דיסקוטירן די פראַגן וועגן באַהערשן די קהילה אין הסכם מיט דער לאָזונג, וואָס ד"ר הערצל האָט מיט יאָרן פריער געוואָרפן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. זיי זעען, אַז אין די הערשנדיקע אומשטענדן און ביי דער דע־מאָלטיקער וואַל־אָרדינאַציע זענען די אויסזיכטן אַריינצוקומען אין דער אַסימילאַטאָריש־חסידישער פעסטונג כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. אָרגאַ־ניזירן זיי דעמאָנסטראַציעס פאַר דער קהילה און אין דער קהילה גופא און דער יונגער נח דאַווידזאָן איז ווידער צווישן די ערשטע אין דער דאָזיקער אַקציע. ביז איינמאָל, ווען די אַסימילאַטאָרישע אָנפירער פון דער קהילה ווילן זיי נישט אויסהערן, ווילן נישט אויפנעמען זייערס קיין דעלעגאַציע, גייען זיי מיט שטורעם און רייסן זיך אַריין אויף אַ זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און פאָדערן אויף די קהילה־מושלים אויס־

צוהערן זייערע פּאָסטולאַטן: צולאָזן נאַציאָנאַלע, ציוניסטישע עסקנים צו דער לייטונג פון דער קהילה. נח דאַווידזאָן איז דאַן דער הויפּט־רעדנער. דער קאַמף איז אַ לאַנגער און פאַרביסענער, ער ווערט אָבער סוף־כּל־סוף טיילווייז געוווּנען.

ווי געזאָגט, איז נח דאַווידזאָן, נישט געקוקט אויף זיין רייכן און יחוסדיקן אָפּשטאַם, נישט געקוקט אויף זיין אַקאַדעמישער בילדונג, אַ יידישער פאָלקס־מענטש און ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש־שעפערישן לעבן. ער איז אַן אייגנגייער ביי סאָקאָלאָוו נישט בלויז בעת יענע באַראַטונגען וועגן דער קהילה, נאָר אויך אין זיין פּריוואַטער שטוב בעת די דאַן באַרימטע דאָנערשטיק־שמועסן. אָבער דאָרט האָט מען גערעדט בלויז פּויליש און מען האָט גערעדט ס'רוב וועגן אַלגעמיינע ענינים. נח דאַווידזאָן איז אויך אַן אייגנגייער ביי פּרצן, מיט וועלכן עס בינדט אים אַ פריינדשאַפט און וועמענס פאַרערער ער איז געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. בעת אונדזערע שפּעטערדיקע באַגעגענישן, שוין יאָרן נאָך פּרצעס טויט, פלעגט מיר דאַווידזאָן דערציילן פאַרשיידענע עפּיזאָדן וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פּרצן, דינעזאָנען און אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס זענען געווען אייגנגייער אויף צעגלאַנאַ 1. איבערהויפּט ווען מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען אויפן וואַרשעווער בית־עולם און אָבסערווירן ווי מען שטעלט אויף דעם אוהל־פּרץ אויפן קבר פון פּרץ־אַנסקי־דינעזאָן. דער שעפער פון דעם פּרץ־דענקמאָל אַברהם אָסטזשעגאַ און איך פלעגן אים דאַן צורעדן, אַז ער זאָל אָנשרייבן די דאָזיקע עפּיזאָדן, ער זאָל זיי מיר דיקטירן און איך וועל עס פאַרנאָטירן און אָפּדרוקן ביי אַ געלעגנהייט. אָבער נח דאַווידזאָן האָט אין זיין גוטמוטיקייט געענטפערט, אַז ער האָט דאָך וועגן אַ סך זאַכן צו שרייבן און צו דערציילן. ער וועט עס אפשר אַמאָל טאָן; איצט איז נאָך נישט געקומען די צייט; איצט האָט ער נישט קיין געמיט דערצו... ער האָט נישט געקענט פאָרויסזען, אַז ער וועט אַזוי שנעל אַליין דאַרפן אַוועק פון דער וועלט און נישט באַווייזן דאָס אַלץ צו שרייבן און דאָס אַלץ צו דערציילן... אָבער דאָס איז שוין געווען שפּעטער, אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער

אין לעבן. איך האָלט דאָך נאָך ביי די יאָרן פון זיין שטורעם־ און דראַנג־פעריאָד, ביי די יאָרן פון יוגנטלעכער אַקטיוויטעט.

אַט דערציילט אונדז ד״ר א. מוקדוני אין זיינע זכרונות וועגן דעם קאַמף קעגן שונד אין יידישן טעאַטער און די באַמיאונגען צו שאַפן אַ יידיש־ליטעראַריש טעאַטער *) און ווי נח דאַווידזאָן, צוזאַמען מיט אַ רייע אַנדערע פאָלקסטימלעכע ציוניסטישע טוער, נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל. אַט וואָס מיר לייענען ביים ד״ר מוקדוני צווו. אַנד.:

...„מיר האָבן זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. צו אונדזער איבערראַשונג האָט אונדזער פּלאַן געפונען דעם וואַרעמסטן אויפנעם סיי אין די בעל־הבתישע סיי אין די ליטעראַרישע קרייזן. „דאָס פינטעלע ייד״, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער, האָט אַפּנים אַלעמען דערשראָקן.

באַלד האָט איינגעשטימט צו ווערן דער גרינדער פון דער געזעלשאַפט דער ציוניסטישער עסקן און אָנגעזעענער וואַרשעווער בעל־הבית אברהם פּאָדלישעווסקי, משה פעלדשטיין (דירעקטאָר פון דער קאָלאָניאַל־באַנק), ד״ר נח דאַווידזאָן, איינער פון די פיינסטע יידיש־פּוילישע אינטעליגענטן און דערצו נאָך דער זון פון דעם דאָזאָר לייביש דאַווידזאָן, און ד״ר גרשון לעווין, אַן איבערגעגעבענער טוער אין „הזמיר״, אַ פּאָפּולערער ארצט און אויך אַ פּאָפּולערער שריפטשטעלער.

פון די ליטעראַטן האָבן זיך באַלד אָפּגערופן און איינגעשטימט אַריינצוגיין אין דער קינסטלערישער פאַרוואַלטונג, פאַרשטייט זיך, י. ל. פרץ, דערנאָך שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, י. דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, ש. ראָזענפעלד, א. ווייטער און איך (ד״ר מוקדוני).

...באַלד נאָך דער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין הויז פון ד״ר נח דאַווידזאָן, אויף וועלכער עס זענען געקומען די

*) ד״ר א. מוקדוני: י. ל. פרץ און דאָס יידישע טעאַטער. איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949.

אויבנדערמאָנטע ליטעראַטן. אויף דער זיצונג איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן דער „קינסטלערישער ראַט". אַ קליינער דאָקומענט איז אונ־טערגעשריבן געוואָרן דורך אַלע אָנוועזנדיקע. דער דאָקומענט, גע־שריבן מיט א. ווייטערס האַנט, באַשטייט בלויז פון פאָלגנדיקע שורות — און היינו:

„די אַלע אונטערגעשריבענע בילדן דעם קינסטלערישן ראַט פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אָנפירן מיטן טעאַטער, וואָס די טעאַטער־געזעלשאַפט וועט אָרגאַניזירן. דער קינסטלערי־שער ראַט טיילט אויס פון זיך אַ קאָמיטעט פון דריי מענטשן, וועלכן מען גיט איבער די אָנפירונג מיטן טעאַטער. דעריבער ווערט פאַרשטאַנען, אַז קיין איינער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט פאַרנעמט נישט קיין באַצאָלטן אַמט אין דער טעאַטער־פירונג. דער קאָמי־טעט באַשטימט דעם רעפּערטואַר, אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן און שטעלט אָן אַ רעזשיסער, וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן די גאַנצע פּראַקטישע קינסטלערישע לייטונג.

אונטערגעשריבן:

י. ל. פּרץ, שלום אַש, א. רייזען, ה. ד. נאָמבערג, י. דינע־זאָן, ש. ראָזענפעלד, א. ווייטער, ד"ר א. מוקדוני, ד"ר גרשון לעווין, ד"ר נח דאַווידזאָן און מרדכי ספּעקטאָר".

דער אָנגעגעבענער עפּיזאָד און דער צוזאַמענשטעל פון די נעמען, וואָס האָבן זיך דאַן אינטערעסירט מיטן גורל פון יידישן טעאַטער, באַ־ווייזט קלאָר דעם מהות און דעם אינטערעס פון ד"ר נח דאַווידזאָן צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור.

דערביי איז ער פּראָפעסיאָנעל טעטיק ווי אַן אָנגעזעענער אויגן־דאָקטער, און ער האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר אָנגעפירט, אָן שום באַלוינונג, מיט דער אָפּטיילונג פאַר אויגן־קראַנקע, וואָס זיינע עלטערן האָבן געשאַפן ביים יידישן קינדער־שפּיטאָל אין וואַרשע. ער איז טריי געבליבן אויפן דאָזיקן אַמט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זיין אייגענע מאַטעריעלע לאַגע איז שוין נישט געווען קיין צופרידנשטעלנ־דיקע.

6

אַזוי זענען אַריבער יאָרן און יאָרן אין ציוניסטישער, לאָקאַל־געזעל־שאַפטלעכער, פּאָליטישער און קולטורעלער, ווי אויך מעדיציניש־פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט.

פאַר אַן אַקטיוון יידישן אינטעליגענט מיט אַזעלכע מאָראַלישע פּרינ־ציפּן און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, ווי עס האָט זיי געהאַט ד״ר נח דאַ־ווידזאָן, האָט קיינמאָל נישט געפעלט קיין אַרבעטס־געביט.

ביז עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. נח דאַווידזאָן איז דאַן אַלט געווען 37 יאָר און איז גלייך, פּונקט ווי אַלע מעדיקער, גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי אַלס מיליטערישער דאָקטער, פריער אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, שפּעטער איז ער דערהויבן געוואָרן ביז צום ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק. ער האָט פאַרענדיקט זיין מיליטער־דינסט אין ראַנג פון אַ גענעראַל, וואָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל אין דער צאַרישער אַרמיי. ער האָט באַגלייט די רוסישע אַרמיי בעת אירע מאַרשן און צוריקמאַרשן, בעת אירע נצחונות און מפּלות, אויף די פאַרשידענע פראָנטן. געווען אין גאַליציע, דאַן אויפן אַזיאַטישן פראָנט. אומעטום געווען אַקטיוו אין זיינע פליכטן ביים אָרגאַניזירן לאַזאַרעטן און מען האָט זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער אַכטונג מצד דער העכערער מיליטערישער מאַכט. עס איז גאַנץ איבעריק צוצוגעבן, אַז אומעטום, אין יעדן נייעם פּלאַץ, ווו ער איז נאָר אָנגעקומען, האָט ער זיך גלייך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע יידישע קהילות און עסקנים און אויסגענוצט זיינע באַציאונגען מיט דער לאָקאַלער מאַכט, כדי זיי צו העלפן און — ווען נויטיק געווען — צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן.

טאַקע אין די שטורמישע מלחמה־יאָרן קומט פאָר אַן איבערברוך אין דעם לעבן פון ד״ר נח דאַווידזאָן. געפינענדיק זיך אַ לענגערע צייט אויף קאַווקאַז, אין דער שטאָט קיסלאָוואָדסק, איז ער אַזוי שטאַרק טע־טיק אין דעם אָרטיקן יידישן לעבן, אַז ער ווערט אויסגעוויילט אַלס פאַר־

זיצער פון דער יידישער קהילה. עס איז באמת צו באַדויערן, וואָס מענטשן מיט אַזעלכע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען שרייבן נישט קיין זכרונות, בכדי עס זאָל בלייבן אין דער באַשרייבונג דאָקומענטירט פאַר די קינפ־טיקע דורות נישט בלויז זייער אייגן לעבן, נאָר טאַקע אויך די היסטאָרישע עפּאָכע, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און די סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געווירקט. דאַווידזאָן פלעגט וועגן דעם בעת פאַרשידענע געלעגנ־הייטן, אין געמיטלעכע שמועסן דערציילן, אָבער דאָס זענען געווען בלויז איינצלנע עפּיזאָדן, וואָס קענען נאָך נישט געבן קיין פולקום בילד פון דער פאַרגאַנגענער צייט און פון די געשעעענישן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט אָפּגעשפּילט. דאָס איז פון דער אַנדער זייט ווידער גורם, אַז עס ווערן פון די עפּיזאָדן געשאַפן לעגענדעס, וואָס שפּיגלען ווייט נישט אָפּ די ווירקלעכקייט. אָט אַזוי, למשל, זענען טאַקע דערציילט געוואָרן לעגענדעס אָן אַ סוף וועגן די ראָמאַנטישע באַציאונגען צווישן דעם וואַר־שעווער יידישן מעדיקער און דער טאָכטער פון דעם באַרימטן רוסישן קריגס־העלד און אַרמיי־קאָמאַנדיר גענעראַל רוזסקי. טאַטיאַנאַ רוזסקי איז געווען טעטיק אַלס קראַנקן־שוועסטער אין דעם מיליטערישן שפּיטאָל, וווּ ד״ר נח דאַווידזאָן איז געווען איינער פון די הויפּט־מעדיקער טאַקע אין דער קאַווקאַזער שטאָט קיסלאָוואָדסק. לויט איין ווערסיע זאָל ד״ר נח דאַווידזאָן האָבן ערנסט קראַנק געוואָרן און ביי זיין בעט זאָל זיך אָפּט האָבן געפונען די טאָכטער פון דעם גענעראַל, וואָס האָט אַלס קראַנקן־שוועסטער זיך מיט אים ספּעציעל פאַראינטערעסירט. דערביי פלעגן זיי אָפּט ‫(‬פירן געשפּרעכן אויף פיל פאַרשידענע טעמעס און זיי האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט. די פריינדשאַפט איז שפּעטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ ליבעס־געפיל. אַן אַנדער ווערסיע איז שוין ווייניקער ראָמאַנ־טיש: זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין איין מיליטערישן שפּיטאָל, זיך פאַראינטערעסירט איינער מיטן אַנדערן, באַפריינדעט און פאַרליבט. בינו־לבינו איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער פאָטער, דער באַרימטער צאַרישער גענעראַל, איז שוין פריער געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד, טאַטיאַנאַ האָט זיך אָפיציעל מגייר געווען טאַקע אין קיסלאָוואָדסק, זיי האָבן חתונה געהאַט כדת וכדין און זענען ביי דער ערשטער געלעגנ־

הייט געקומען קיין וואַרשע שוין מיט אַ קליין קינד, וואָס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן.

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע האָט זיך ד״ר דאַווידזאָן גלייך אַריינ־געוואָרפן אין דער באַנייטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער ווערט גע־ווײלט אַלס פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, באַזוכט ארץ־ישראל און פּאַרעפנטלעכט זיינע רייזע־איינדריקן אין דער וואַרשעווער יידיש־פּוילישער פּרעסע און זיין נאָמען דער־שיינט ווידער צווישן די אַקטיווסטע עסקנים פון פּוילישן יידנטום בכלל און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג בפרט.

זיין וווינונג אויף די יעראָזאָלימער אַלעען איז געווען ממש אַ מו־זעאום פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן. געווען דאָרט ירושה־זאַכן פון זיי־נע אבות, קונסט־אַנטיקן, אַ רייכע ביבליאָטעק אדג״ל. זיין זאַמלונג האָט געהערט צו די רייכסטע, וואָס אַ פּריוואַטער מענטש האָט געהאַט אין וואַרשע. וויפל צייט מען זאָל נישט האָבן פאַרבראַכט ביי ד״ר נח דאַוויד־זאָן אין שטוב איז געווען ווייניק אויף צו באַקענען זיך גרינטלעך מיט זיין גרויסער קאָלעקציע. דערביי האָט ער, ווי יעדער טרייער זאַמלער, אָפּ־געהיט יעדע זאַך און ליב געהאַט צו געבן גענויע דערקלערונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג, צייט־אַלטער און באַדייטונג פון יעדער זאַך באַזונדער. און גערעדט האָט ער וועגן דעם מיט אַ סך וואַרעמקייט, מיט אומגעווײנלעכער פּיעטעט. ער האָט בלי־ספק געהערט צו די שיין־גייסטער פון דעם וואַר־שעווער יידנטום.

נישט געזוכט קיינמאָל קיין כבודים, ווייט פון אַ וועלכער עס איז תקיפות, פלעגט ער אָפט גיין זיין אייגענעם וועג; זייער אָפט פלעגט ער זיין איינזאַם אין זיין וועג. האָט אָבער נישט אָנערקענט קיין קאָמפּראָמיסן. דאָס איז געווען איינע פון זיינע הויפּט־מעלות, דאָס איז אויך געווען איי־נער פון זיינע חסרונות.

אין דעם זייער פאַרביטערטן קאַמף, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג פון געוו. קאָנגרעס־פּוילן, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי באַזונדערע און זיך שאַרף־באַקעמפנדיקע ריכטונגען „על המשמר״ (מיט גרינבוימען,

האַרטגלאַסן, אבֿרהם גאָלדבערגן בראָש) און „עת לבנות״ (מיט ד״ר גאָט־ליבן, לעאָן לעוויטען, און יוסף העפּטמאַנען בראָש), איז ד״ר נח דאַווידזאָן צוגעשטאַנען צו דער צווייטער ריכטונג, הגם לאַנג איז ער דאָרט אויך נישט געווען טעטיק. ער האָט געזוכט אַן אייגענעם וועג אין ציוניזם, אַ וועג וואָס ער האָט נישט שטענדיק געקענט געפינען.

דערביי האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ אַ סדרה פון פּערזענ־לעכע אומגליקן, וואָס האָבן שרעקלעך געווירקט אויף זיין געמיט און האָבן אים ממש צעבראָכן.

אין דעם איבערפלוס פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן האָט ער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט זיין מעדיצינישע קאַריערע. די מלחמה־געשעע־נישן, שפּעטער עקאָנאָמישע קריזיסן אין פּוילן גופא, די רעוואָלוציעס אד״גל, האָבן אונטערגעגראָבן זיין עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. קיינער האָט וועגן דעם אָבער נישט געוווּסט, קיינעם איז אַזעלכעס נישט איינגעפאַלן און זיין פּערזענלעכער שטאָלץ, די שטענדיקע מאַטעריעלע אומאָפּהענגי־קייט, צו וועלכער ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען געוווינט, האָט אים נישט געלאָזט אַרויסווייזן כאָטש אַ סימן פון זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע. אפשר האָט עס יאָ געוווּסט זיין רייכער שוואָגער, דער באַנקיר מיכאל שע־רעשאָווסקי, אפשר האָט ער אים שטילערהייט געהאָלפן און אפשר האָט עס אפילו זיין אייגענע שוועסטער און זיין שוואָגער נישט געוווּסט.

דערביי איז געשען נאָך אַ זאַך: די שרעקלעכסטע אין זיין לעבן. עס איז אים געשטאָרבן די איינציקע טאָכטער, אַ קינד פון 7 יאָר... דאָס איי־ניקל פון וואַרשעווער דאָזאָר ר׳ לייביש דאַווידזאָן און פון רוסישן אַר־מיי־קאָמאַנדיר גענעראַל רוזסקי. אַזוי איז אויך געווען דער העברעאישער אויפשריפט אויף דער קליינער מצבה, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָפּגעהאַקטן בוים און וואָס האָט זיך געפונען אויפן וואַרשעווער בית־עלמין, ווו זי איז געקומען צו קבורה אין דעם פאַמיליען־קבר. דאָרט האָבן שוין גערוט די ביינער פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן און זיין פרוי שרה־רחל פּינעס.

דאָס האָט שוין אינגאַנצן דערשלאָגן דאָס געמיט פון ד״ר נח דאַ־ווידזאָנען, וועלכער נישט זייענדיק נאָך קיין 50 יאָר אַלט, האָט שוין דאַן

אויסגעזען ממש ווי אַ זקן. עס איז אים שווער געווען צו טרייסטן...

דער טויט פון דעם איינציקן קינד האָט אויך געווירקט אין אַ שטאַר־קער מאָס אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון זיין פאַמיליען־לעבן. די רוסישע פרוי האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט איינלעבן אין דער וואַרשעווער יידיש־פוילישער סביבה. עס זענען איר פרעמד געווען די שפּראַכן, מיט וועלכע מען האָט גערעדט, סיי פויליש סיי יידיש, עס זענען איר פרעמד געווען די מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט איר מאַן, צווישן וועלכע ער האָט זיך אויסגעלעבט. קיין ספּעציעלע רוסישע סביבה איז אין וואַרשע נישט געווען, הגם עס האָט דאָרט געוווינט (און דאָרט שפּעטער געשטאָרבן) דער באַרימטער שרייבער מיכאַאיל אַרציבאַשעוו, דער באַקאַנטער זשור־נאַליסט פילאָסאָפאָוו, גענעראַל סעמיאָנאָוו און אַנדערע רוסישע זמי־גראַנטן. אָבער מיט דער סביבה האָט זיך ווידער ד״ר נח דאַווידזאָן נישט געקענט צוזאַמענלעבן.

ווי לאַנג, בכן, דאָס קינד זייערס האָט געלעבט איז עס נאָך געגאַנגען. נאָכן טויט פונעם קינד איז דאָס ביסל שלום־בית אויך צעשטערט געוואָרן און עס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די ליידן פון דעם אַזוי איידעלן, אַזוי פיינפילנדיקן נח דאַווידזאָן.

בפרט נאָך, אַז די מאַטעריעלע לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

7

גראַד אין יענער אַזוי שווערער צייט פאַר ד״ר דאַווידזאָן האָט מען פאַרענדיקט דאָס בויען אין פראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, דאָס גרויסע הויז פאַר יידישע סטודענטן, וואָס די געזעלשאַפט „אוקסיליום אַקאַדעמיקום יודאיקום״ האָט געשאַפן. ד״ר נח דאַווידזאָן איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין די רייען פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין משך פון צענדליקער יאָרן, נאָך פון די יאָרן ווען ער איז אַליין געווען אַ סטודענט. ער איז דאַן געווען איינער פון די גרינדער און פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „ספרות״ און ער האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געהאָלפן גרינדן די ציוניסטישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „זעלאָציאַ״, וואָס האָט אים באַשטימט אַלס איר ערן־פיליסטער. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט צו העלפן יידישע סטודענטן, איז ד״ר נח דאַווידזאָן איינער פון די ערשטע, וואָס שטעלט זיך צו דער אַרבעט פאַר דעם דאָזיקן אַזוי וויכטיקן צוועק.

די עסקנים, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גורל פון דער יידישער סטודענטשאַפט, האָבן געזוכט אַ פּאַסיקע פּערזאָן, וואָס זאָל האָבן אויטאָריטעט צווישן די סטודענטן און וואָס זאָל ראוי זיין אָנצופירן מיט זייער היים, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אַ דאַנק דער הילף, וועלכע מען האָט באַקומען פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

היות ד״ר נח דאַווידזאָן האָט זיך גראַד געפונען אין אַ גענוג קריטישער מאַטעריעלער לאַגע און זיין געמיט־צושטאַנד איז אויך געווען אַ שווערער, איז מען געפאַלן אויפן געדאַנק פאָרצולייגן אים דעם אַמט פון דירעקטאָר פון דעם נייעם און פּרעכטיקן אַקאַדעמישן הויז. לייכט איז עס גישט אָנגעקומען איבערצוצייגן דעם ד״ר דאַווידזאָן, אַז ער זאָל אָננעמען אַ געצאָלטן געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן, — אים, וואָס איז געווינט געווען צו אַרבעטן לטובת הכלל לא על מנת לקבל פרס. אָבער, ווייזט

אויס, נויט ברעכט אייזן. בפרט נאָך, וואָס מען האָט זיך איינגערעדט, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי עס איז ד״ר נח דאַווידזאָן וועט געלינגען אַוועקצושטעלן דאָס ערשטע אין פּוילן יידישע אַקאַדעמישע הויז פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם אויף דער געהעריקער הויך און די יידישע סטודענטן, די איינוווינער פון דעם הויז, וועלן זיך צו אים באַציען מיט דרך־ארץ.

ד״ר נח דאַווידזאָן אַלס ערן־מיטגליד פון דער ציוניסטישער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „זשלאַציא״.

ד״ר דאַווידזאָן האָט פאַרנומען די וווינונג אין דעם בנין פון דעם אַקאַדעמישן הויז און צוגעטראָטן צו זיין טעטיקייט. די האָפענונגען, וואָס זענען אויף אים געלייגט געוואָרן, אַז מיט זיין אויטאָריטעט וועט ער אַ סך אויפטאָן, האָבן זיך, צום באַדויערן, נישט אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט.

מען האָט אַ טעות געמאַכט אין דעם גאַנצן ענין. אַלע האָבן געמאַכט דעם טעות. עס האָבן געמאַכט דעם טעות די עסקנים, וואָס האָבן צוגערעדט דאַווידזאָנען איבערצונעמען דעם אַמט; עס האָבן געמאַכט אַ טעות די סטודענטן פון הויז און ס'האָט געמאַכט דעם טעות ד״ר דאַווידזאָן גופא. ביי יעדן איינעם פון די צדדים האָט דער טעות געהאַט אַן אַנדער אויסדרוק, אַנדערע מאָטיוון אָבער דער פועל־יוצא איז געווען דער זעלביקער. עס האָט פראָסט פשוט נישט געטויגט.

ביים עפענען דאָס אַקאַדעמישע הויז האָט מען, פאַרשטייט זיך, פעסטגעשטעלט געוויסע פאָרשריפטן, לויט וועלכע די סטודענטן־איינוווינער האָבן זיך געדאַרפט ריכטן, און ד״ר דאַווידזאָן האָט געדאַרפט אָפּהיטן זיי זאָלן ווערן אויסגעפירט.

אָבער די יוגנט איז דאָך בטבע גענייגט צו רעוואָלט, האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען די באַשטימטע פאָרשריפטן און דאָס האָט געגעבן אַ גע־

לעגנהייט פֿאַר די ערשטע קאָנפֿליקטן צווישן זיי און דעם דירעקטאָר פֿון דער היים. נאָך די ערשטע קאָנפֿליקטן זענען געקומען ווייטערדיקע און עס איז געוואָרן איין לאַנגע קייט פֿון קאָנפֿליקטן צווישן די איינוווינער פֿון דעם הויז און דער לייטונג.

די סיבות זענען געווען גאַנץ פֿאַרשידנאַרטיקע. מען קען אַפֿילו נישט משפּטן וועלכע זענען געווען מער וויכטיקע און וועלכע זענען געווען ווייניקער וויכטיקע. די קאָנפֿליקטן — און אויך סקאַנדאַלן — זענען שטענדיק געווען די זעלביקע און האָבן אָפֿטמאָל אָנגענומען אַ גאַנץ ערנסטן כאַראַקטער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּהיטן אַ דיסציפּלין, וועלכע די שטורמישע יוגנט וויל נישט אַזוי לייכט אָננעמען. עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּרינציפּיעלע ענינים, פּונקט ווי אין מאַטעריעלע. ס׳איז שטענדיק געווען אַ מאָטיוו פֿאַר קעגנזייטיקער אומצופֿרידנקייט.

דאָס יידישע אַקאַדעמישע הויז אין פּראַגע איז געווען איינגעאָרדנט פֿאַר מענער. מען האָט שפּעטער געדענקט אויסבויען אַ ספּעציעלע היים אויך פֿאַר מיידלעך־סטודענטינס. אין דעם פּראַגער הויז האָבן קיין מיידלעך, פֿאַרשטייט זיך, נישט געטאָרט אַריינקומען אין די פּריוואַטע צימערן פֿון די סטודענטן־לאָקאַטאָרן. די מיידלעך האָבן זיך נאָר געמעגט געפֿינען אין די אַלגעמיינע זאַלן בעת רעפֿעראַטן, לעקציעס, פֿאַרזאַמלונגען, קאָנצערטן און פֿאַרוויילונגען. דער טייל פֿון בנין מיט די וווין־צימערן איז געווען אָפּגעשלאָסן. נו, האָט זיך די יוגנט נישט געוואָלט אונטערוואַרפֿן אַזאַ מין פֿאַרבאָט און עס זענען פֿאָרגעקומען קאָנפֿליקטן.

די יידישע אַקאַדעמישע יוגנט איז באַשטאַנען פֿון עלעמענטן פֿון פֿאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. האָט מען געפֿירט צווישן זיך שטורמישע דעבאַטן אויף פּאָליטישע טעמעס, וואָס האָט פֿאַראורזאַכט סקאַנדאַלן און אַפֿילו געשלעגן. די לייטונג פֿון אַקאַדעמישן הויז האָט דאָס געוואָלט אויסמיידן. פֿאַר פֿאַרזאַמלונגען האָט מען געדאַרפֿט האָבן ספּעציעלע דערלויבענישן, ווייל אויך די פּאָליציי האָט אַזעלכעס געפֿאָדערט. אָבער די יוגנט וויל זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט רעכענען. זיי זענען ביי זיך אין שטוב און ווילן טאָן וואָס זיי געפֿעלט. נו, האָט מען זיך געמוזט אָנשטויסן אויפֿן ווידערשטאַנד פֿון דער לייטונג פֿון הויז, ד״ה פֿון דעם דירעקטאָר ד״ר נח

דאַווידזאָן, וועלכער איז אין דעם פאַל שוין באַצייכנט געוואָרן דורך זיי אַלס „אַ פּאָליציאַנט״.

די סטודענטן האָבן פאַר זייער אויפהאַלט אין אַקאַדעמישן הויז גע־דאַרפט צאָלן יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן אין הסכם מיטן פּרייז, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט האָט פעסטגעשטעלט נאָך אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג. זענען אָבער געווען „רעוואָלוציאָנערן״, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויספירן די גענומענע אויף זיך צאָלונגס־פאַרפליכ־טונגען און האָבן געהאַלטן, אַז קהל איז גענוג רייך און קען זיי אויסהאַלטן מיט וווינונגען און עסן, ווייל זיי, די סטודענטן, זענען זיך מקריב פאַרן כלל. סיי־ווי וועט מען נישט וואַגן זיי אַרויסצוּוואַרפן פון דעם הויז... די לייטונג פון דעם הויז האָט אָבער געמוזט אָנגעמען מיטלען און נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל טאָלערירט ווערן אַ הפקרות אין די פאַלן, ווען די סטודענטן האָבן געקענט און געמוזט צאָלן דעם מינימאַלן אָפּצאָל. נו, איז דער דירעקטאָר ד״ר נח דאַווידזאָן שוין פאַרשריגן געוואָרן אויך אַלס „עקזעקוטאָר״, אַלס „קאָמאָרניק״...

דאָס זענען נאָר אייניקע עפּיזאָדן, אייניקע אַלגעמיינע פאַקטן, וואָס באַווייזן די אַטמאָספער, אין וועלכער דער אַמאָל זעלבשטענדיקער עסקן, דער אַמאָליקער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער סטודענטשאַפט, האָט געמוזט לעבן און אַרבעטן. זיין האַרץ האָט עס אָבער נישט געקענט אויס־האַלטן, זיין געמיט האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט צער און טרויער. אַלע קלעפּ, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין קאָפּ, האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט־צושטאַנד. ער האָט כסדר אָנגעהויבן קרענקען. ביי די 50 יאָר איז ער שוין כמעט ווי נישט פעאיק געווען צו דער אַרבעט.

יאָ, זיינע פופציק יאָר... זיין געמיט־צושטאַנד פון איין זייט און געזונט־צושטאַנד פון דער צווייטער זייט איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט אים שוין גאָרנישט געקענט העלפן. אַלע באַמיאונגען אין דער היגזיכט זענען געווען צוועקלאָז. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן געלט, דאָס וואָלט נישט געפעלט פאַרן שוואָגער פון באַנקיר שערעשאָווסקי, פאַרן זון פון דאָזאָר דאַווידזאָן. זיין קראַנקייט האָט אָנגענומען געפערלעכע פאַר־מען.

האָט מען צום פופציק־יעריקן געבורטס־טאָג זיינעם אים איינגע־אָרדנט אַ יובילײ־פייערונג טאַקע אין דעם איינשטיין־זאַל פון דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז. געווען אַ שיינער, עלעגאַנטער באַנקעט, געווען וואַ־רעמע רעדעס, מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד און מען האָט אפילו גענומען די איניציאַטיוו צו באַפרייען אים פון דער דירעקציע פון דעם אַקאַדעמישן הויז און שאַפן אַן אַנדער, מער רואיקע און מער צוגעפּאַסטע אַרבעט, וואָס זאָל אים אויך קענען געבן אַ זיכערע עקזיסטענץ.

אָבער די אַלע פּלענער און גוטע ווונטשן זענען שוין געקומען צו שפּעט.

עטלעכע חדשים נאָך זיין יובילײ־פייערונג, קוים באַוויזן אַריבער־צוגיין די שוועל פון זיין פופציקסטן לעבנס־יאָר, איז ד״ר נח דאַווידזאָן געשטאָרבן. מען האָט אים, פאַרשטייט זיך, איינגעאָרדנט אַ פּאַראַדנע לוויה. דער אָרון איז באַדעקט געוואָרן מיט דער ווייס־בלויער פאָן און ריזיקע מאַסן האָבן אים באַגלייט אין זיין אייביקער רו, וואָס ער האָט געפונען אין דעם פאַמיליען־קבר, נעבן זיינע עלטערן און זיין טעכטערל.

די אלמנה האָט נאָך אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין וואַרשע, זי האָט זיך אָבער דאָרטן קיין אָרט נישט געקענט געפינען, זי האָט זיך נישט געקענט איינאָרדענען און איז אַוועקגעפאָרן קיין רומעניע. דאָרט האָט זי צוריק אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און חתונה גע־האַט מיט אירן אַן אַמאָליקן יוגנט־פריינד, וועמענס ליבעס־אָנבאָטן זי האָט מיט יאָרן פריער געהאַט אָפּגעוואָרפן, כדי חתונה צו האָבן מיטן וואַרשעווער יידישן דאָקטער. מען קען נישט זאָגן, אַז זי זאָל האָבן גע־האַט אַ לייכט לעבן.

זאָל ביי דער געלעגנהייט שוין אויך דערמאָנט ווערן, אַז מיט יאָרן שפּעטער האָט דעם אַמט פון דירעקטאָר פון דעם וואַרשעווער יידישן אַקאַדעמישן הויז איבערגענומען אַ צווייטער באַרימטער ציוניסטישער עסקן — דער היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער.

8

די שילדערונג וועגן דער אַזוי אינטערעסאַנטער, אָבער טראַגישער, געשטאַלט פון ד״ר נח דאַווידזאָן וואָלט נישט געווען קיין פולע, ווען איך זאָל דאָ נישט דערציילן וועגן אונדזערע פּילמאַליקע שעהן־לאַנגע שפּאַצירן איבערן וואַרשעווער בית־עלמין. עס וועט אפשר קלינגען מאָדנע, נאָר דווקא די דאָזיקע געמיינזאַמע שפּאַצירן האָבן געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע באַגעגענישן אין משך פון אונדזער באַקאַנטשאַפט.

אויסער אייניקע צופעליקע מיטגייער, וואָס פלעגן זיך צו אונדז פאַרייניקן, זענען מיר געווען פיר, וואָס האָבן זיך אויסגעקליבן אַזאַ מין ספּאָרט, אַרומצושפּאַנען צווישן די קברים און שטודירן מצבות: ד״ר נח דאַווידזאָן, דער סקולפּטאָר אברהם אָסטזשעגא, דער מאָלער מ. עליאַוויטש און איך. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז מיר פלעגן זיך אַריינכאַפּן אויפן עוואַנגעלישן און פּראַוואָסלאַווענעם צמענטאַרן און נישט זעלטן אויך אויפן קאַטוילישן צמענטאַר פון פּאָוואָנזקי, וואָס אַלע האָבן זיך גרופּירט אין איין נאָענטער שכנות.

וואָס האָבן מיר דאָרט געזוכט? יעדער איינער עפּעס אַנדערש און אין דער דאָזיקער אַנדערשקייט האָבן מיר געמאַכט די געמיינזאַמע אויספלוגן צו די טויטע.

דער ערשטער בית־עלמין פאַר וואַרשעווער יידן איז געשאַפן געוואָרן אין פּראַגע אין יאָר 1780 דורך דעם גרויסן עסקן און גביר פון יענער צייט, ר׳ שמואל זביטקאָווער, וועמענס געביין עס רוט טאַקע דאָרטן אונטער אַ פּרעכטיקער סטילפולער און מאַסיווער מצבה. אויפן פּראַגער בית־עלמין רוט אויך דאָס געביין פון דעם באַקאַנטן פּויליש־יידישן געלערנטן פון דעם אַנהויב פון פאַריקן יאָרהונדערט, דעם מאַטעמאַטיקער אברהם יעקב שטערן. אָבער מיט דער צייט איז דער דאָזיקער בית־עלמין געוואָרן דאָס אָרט פאַר דער אייביקער רו פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט און איז טאַקע שטענדיק געווען זייער פאַרנאַכ־

לעסיקט. ווען דער וואַרשעווער יידישער ישוב האָט זיך נאָר אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן, איז שוין אין יאָר 1800 געשאַפן געוואָרן אַן איי־גענער בית־עלמין. די מצבות אויף די קברים זענען די עדות פון דעם וווקס און אַנטוויקלונג פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין דער פאַר־מלחמהדיקער אייראָפּע.

געהאַנדלט האָט עס זיך דערין, וואָס איך האָב געפּלאַנט, צוזאַמען מיטן עלטערן רעדאַקציע־קאָלעגע פון „מאָמענט", דעם וווּנדערבאַרן עסייאיסט ב. קאַרליניוס, צו מאַכן אַן אַרבעט וועגן די אויפשריפטן אויף די מצבות אויפן בית־עלמין. ריכטיקער געזאָגט, מיר האָבן געוואָלט מאַכן אַ מין געשיכטע פון וואַרשעווער יידן לויט די מצבות־אויפשריפטן. דער אָנהויב פאַר דעם האָט געדאַרפט זיין דאָס אָפּשרייבן אַ גרעסערע צאָל מצבה־אויפשריפטן. דאָס איז אויך אַ שטיקל קולטור־געשיכטע פון וואַרשעווער יידנטום און עס איז אויך פאַרבונדן מיטן שפּראַכן־קאַמף ביי יידן. דער דאָזיקער קאַמף האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע עוואָ־לוציע אין משך פון העכער הונדערט יאָר יידיש לעבן אין וואַרשע.

די ערשטע אויפשריפטן אויף די מצבות אויפן וואַרשעווער בית־עלמין זענען געווען אין העברעאיש. ווען די אַסימילאַטאָרן האָבן באַקו־מען די אויבער־מאַכט אין וואַרשעווער קהילה־לעבן האָבן זיי געוואָלט איינפירן פּוילישע אויפשריפטן אויף די מצבות, נאָר די רעליגיעזע קרייזן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער רעפאָרם. מען האָט זיך גע־מוזט ווענדן צו דער מאַכט נאָך אַן אינטערווענץ און, ווי עס דערציילט ד"ר יעקב שאַצקי אין זיין געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, האָט די מאַכט געפּסקנט, אַז די משפחה פון יעדן נפטר זאָל אַליין באַשטימען אין וועל־כער שפּראַך די אויפשריפט זאָל געמאַכט ווערן. אויף אַזאַ אופן האָבן די פרומע יידן זיך געהאַלטן ביים העברעאישן טעקסט און די אַסימילאַ־טאָרן ביים פּוילישן. וור־נישט־ווו הייבן אַן זיך באַווייזן אויפשריפטן איןביידע שפּראַכן. מיט דער צייט דערשיינען אויך אויפשריפטן אין רוסיש און אין דייטש, הגם אין אַ גאַנץ מינימאַלער צאָל. מיטן אויפקום פון דער יידישער פאָלקס־קולטור דערשיינען שוין אויך אויפשריפטן אין דער יידישער שפּראַך. אַ סך פון אונדז געדענקען נאָך די פאַרביסענע פּאָלע־

מיק אין דעם פּרץ־קאָמיטעט וועגן דעם טעקסט פון דעם אויפשריפט אויפן אוהל־פּרץ. אַ טייל מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט מיט יצחק גרינבוימען בראש האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז עס זאָל אויסער דעם יידישן טעקסט זיין אויך אויף העברעאיש: „נולד...״ „נפטר...״ אַנדערע מיטגלי־דער פון דעם קאָמיטעט מיט וולאַדימיר מעדעמען און יוסף לעשטשינסקין בראש האָבן קעגן דעם פאַרביסן געקעמפט. די פּאָלעמיק האָט אָנגעהאַלטן חדשים און חדשים. דער יידישיסט ה. ד. נאָמבערג האָט דווקא מסכים גע־ווען, אַז דער טראַדיציאָנעלער „נולד — נפטר״ טאָר אויף דער מצבה פון פּרץ־אַנסקי־דינעזאָן נישט פעלן.

אין די לעצטע יאָרן האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אויף יעדער מצבה, וואָס האָט אַ פּוילישן אויפשריפט, מוז זיין אויך אין העברעאיש דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם. אַ סך אַסי־מילאַטאָרן פלעגן די העברעאישע אותיות אַזוי באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון דעם מצבה־שטיין, אַז מען האָט עס קוים געקענט זען. ס׳רוב האָט מען די העברעאישע אותיות פּשוט פאַרשטעלט מיט בלומען...

דער מאָלער עליאָוויטש האָט זיך אינטערעסירט מיט די אָריגינעלע רעליעפן אויף די מצבות. ער פלעגט קאָפּירן פיל פון זיי און האָט גע־זאָלט אילוסטרירן די אַרבעט, וואָס מיר האָבן מיט קאַרלינער געזאָלט מאַכן.

אברהם אָסטזשעגאַ, דער שעפער פון דעם אוהל־פּרץ, האָט סתם גע־וואַנדערט איבער די בית־עלמינס און געזוכט אינספּיראַציע פאַר נייע גע־דאַנקען פאַר זיינע פּרעכטיקע מצבה־שאַפונגען, וואָס ער האָט איינגעפירט אויפן וואַרשעווער יידישן בית־עלמין. און אויב מיר פלעגן באַזוכן אויך אַנדערע צמענטאַרן, איז עס טאַקע געווען צוליב אָסטזשעגאָן. ער האָט שוין דאָרט געהאַט אַ רייע אינטערעסאַנטע מאָנומענטן אויף קברים פון באַקאַנטע קריסטלעכע פּערזענלעכקייטן, ווייל אויך צווישן נישט־יידן האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען מיט זיינע אָריגינעלע און קינסטלע־רישע מצבות און מאָנומענטן. די קינסטלערישע טעטיקייט פון אברהם אָסטזשעגאַ, וועלכער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, וואַרט אויף אַ באַזונדערער און גאַנץ אויספירלעכער מאָנאָגראַפיע.

וואָס־זשע האָט געטאָן אין אונדזער געזעלשאַפט ד״ר נח דאַווידזאָן; זיין פונקציע איז געווען די וויכטיקסטע. אַ ליבהאָבער פון אַלטערטימ־לעכקייטן, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע וועגן וואַרשעווער יידישע פּערזענלעכקייטן. אויב ער האָט טייל נישט געקענט פּערזענלעך, ווען דאָס זענען געווען מענטשן פון פאַר זיין צייט, האָט ער זיי גוט געקענט פון די דערציילונגען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין פריסטער קינדהייט־אָן אין זיין פאָטערס היים. איז ער געווען אַ באַ־גלייטער און אַ וועג־ווייזער פאַר יעדן איינעם פון אונדז. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו געשיכטע און די געשיכ־טע פון וואַרשע האָט ער געקענט מיט אַזוי פיל פּרטים, מיט אַזוי פיל עפּי־זאָדן, אַז עס איז באמת געווען אַ נחת־רוח מיט אים צו פאַרברענגען און זיך צוהערן צו זיינע דערציילונגען. אַ רייע עפּיזאָדן, וואָס ער האָט דערציילט וועגן וואַרשעווער יידישע משפחות, האָב איך געהאַט פאַרעפנטלעכט אין די פּרייטיק־נומערן פון „וואַרשעווער

דאָס לעצטע בילד פון ד״ר נח דאַווידזאָן.

ראַדיאָ״, די נאָכמיטאָג־אויסגאַבע פון „מאָמענט״. צום באַדויערן קען איך היינט די דאָזיקע צייטונגס־נומערן אין ערגעץ נישט געפינען. זיי וואָלטן מיר זיכער אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין איבערדערציילן היינט די געשיכטע פון וואַרשעווער יידישע משפחות. זיי וואָלטן אויך גע־דינט אַלס הילפס־מאַטעריאַל פאַר די היסטאָריקער פון יענער צייט און יענע מענטשן.

נח דאַווידזאָן פלעגט אונדז אָפט באַשטעלן אויפן בית־עלמין און אָנ־רעגן ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק און וועלכע האָט אים פּערזענלעך שטאַרק אינטערעסירט. און באמת אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס זיין געמיט־צושטאַנד האָט אים נישט דערלויבט אַליין צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן עס.

ווען זיין קינד איז געשטאָרבן זענען זיינע באַזוכן אויפן בית־עלמין שוין נישט געווען קיין צופעליקע, קיין באַשטעלטע. ווען נאָר מען איז אַהין געקומען האָט מען אים דאָרט געטראָפן. גלייך ווי ער וואָלט זיך שוין נישט געוואָלט שיידן מיטן בית־עלמין, גלייך ווי ער וואָלט שוין באַ־שטימט, אַז זיין לעבן געהערט צו י ע נ ע ר וועלט און נישט מער צו ד ע ר וועלט...

ביז דער גורל האָט אים אין דער בליענדסטער עלטער, אָבער אַ פּאָר־מאַטערטן פון לעבן, אויף אייביק באַהאָפטן מיט י ע נ ע ר וועלט.

9

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער צווייטער זון פון ר׳ לייביש דאַווידזאָן, דער יינגערער מיט 3 יאָר פון נחן, ד״ר יוסף דאַווידזאָן. אַ מע־דיקער פון באַרוף, וואָס האָט דורכגעמאַכט זיינע מעדיצינישע סטודיען אויף אוניווערסיטעטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, איז ער אויך געווען אַקטיוו אין ציוניסטישן און אַלגעמיין־יידישן לעבן פון זיין פריסטער יוגנט־אָן.

אָבער דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלע־כער וועג פון ד״ר יוסף דאַווידזאָנען איז געווען אַביסל אַנדערש ווי פון זיין על־טערן ברודער. זייער אָפט פלעגן זיי אַרבעטן צוזאַמען און עס פלעגט אויך טרעפן, אַז זייערע וועגן פלעגן זיך צע־גיין. ד״ר יוסף דאַווידזאָן האָט אויך געהאַט גרעסערע פּאָליטישע אַמביציעס ווי זיין ברודער. ער פלעגט נישט נאָר וועלן איבערצייגן די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג, נאָר ער פלעגט אויך פּרוּוון זיי אָנוואַרפן זיין מיינונג, וואָס נישט שטענדיק איז עס אים געלונגען דורכצוזעצן.

ד״ר יוסף דאַווידזאָן איז געווען אַנדערש פון זיין ברודער אין אַ סך הינזיכטן. אפילו אין זיין באַציאונג צו מענטשן. במילא איז אויך די באַ־ציאונג פון מענטשן געווען אָפּטמאָל אַנדערש צו אים. דאָס פּאַרמינערט אָבער נישט זיינע פאַרדינסטן אין דער געשיכטע פון פוילישע יידן.

אין איין זאַך איז ער געווען זייער קאָנסעקווענט: אין זיין קאַמף

קעגן אַסימילאַציע און אין קאַמף פאַר די רעכט פון יידן. אַלץ איינס צי ער האָט עס געטאָן צוזאַמען מיט גרינבוימען און לויט גרינבוימס פּאָליטישער שיטה, אָדער ער האָט עס געטאָן אָן גרינבוימען און אפילו קעגן גרינבוימס פּאָליטישער שיטה. דאָס זענען געווען נישט מער ווי פּרטים פון זיין טעטיקייט, וואָס האָבן אין דעם געגעבענעם מאָמענט געקענט שפּילן אַ גרעסערע אָדער קלענערע ראָל. אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו האָט עס אַ קנאַפּע באַדייטונג.

ד״ר יוסף דאַווידזאָן געהערט צו די פּיאָנערן פון יידישן צייטונגס־וועזן אין דער פּוילישער שפּראַך. אין אַנדערע לענדער וואָלט עס געהייסן אַ טריט פאָרויס צו דער אַסימילאַציע, יעדנפאַלס צו דער שפּראַכן־אַסימילאַציע, צו קולטור־אַסימילאַציע; אין פּוילן איז עס אָבער געווען אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק סיי אין דעם אויסערלעכן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, סיי אויפן אינערלעכן פראָנט אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

דאָס האָט געטאָן ד״ר יוסף דאַווידזאָן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַרויסגעבנדיק צוזאַמען מיטן איידעם פון נחום סאָקאָלאָוו, איינעם פון די גרינדער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, די טאָג־צייטונג „פּזשעגלאָנד צאָדזיענני״, וואָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין אריכת ימים. דאָס האָט ער אויך געטאָן שוין נאָך דער מלחמה אין באַפרייטן פּוילן, אַרויסגעבנדיק די ערשטע נאַציאָנאַל־יידישע צייטונג אין פּויליש „נאַש קורירער״. די דאָזיקע צייטונג איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג פון די מיטאַרבעטער מיטן נאָמען „נאַש פּזשעגלאָנד״, וועלכע האָט געשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין פּוילן. עס איז נישט געווען בלויז אַ צייטונג פאַר די יידן, וואָס האָבן נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט לייענען קיין יידישע צייטונגען, נאָר עס האָבן זי אויך אָפּטמאָל געלייענט פּאָליאַקן, און זי האָט געהאַט גרויס חשיבות אין די פּוילישע פּאָליטישע קרייזן.

ווי געזאָגט, איז ד״ר יוסף דאַווידזאָן געווען אַ ציוניסט פון זיין פריסטער יוגנט אָן. געווען אָבער אַ צייט, ווען ער האָט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל

געהאַט דערוויטערט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, הגם אַ ציוניסט האָט ער זיכער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין. אָרגאַניזאַציאָנעל איז ער יענע יאָרן גאָר געשטאַנען נאָענט צו די פּאָלקיסטן, כאָטש קיין פּאָל־קיסט איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן. ער איז אָבער צוגעשטאַנען צו נח פּרילוצקין אין זיין קאַמף קעגן דעם בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס יצחק גרינבוים איז געווען דער פאַקטישער שעפער דערפון. יוסף דאַ־ווידזאָנס כוח איז דאַן באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ טעג־לעכע יידישע צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך, דעם „נאַש קוריער", און דאָס האָט געצווונגען די ציוניסטישע עסקנים אויך צו שאַפן אַן איי־גענע טריבונע אין דער פּוילישער שפּראַך, צו פאַרטיידיקן די פּרינציפּן פון דעם בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די צייטונג האָט געהייסן, דאַכט זיך, „נאָווי צאַדזיענניע" און איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ד"ר ווילהעלם בערקעלהאַמער פון קראָקע אַלס שעף־רעדאַקטאָר און ד"ר יצחק שיפּער אַלס מיטרעדאַקטאָר.

ד"ר יוסף דאַווידזאָן איז אין אַ געוויסן פּעריאָד געווען ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט. און מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין צוריקגעקערט צו דער אַקטיווער ציוניסטישער טעטיקייט און געשטיצט גרינבוימס פּאָליטיק, איז ער אין יאָר 1930 געווײלט געוואָרן אַלס סענאַ־טאָר פון דער ליסטע פון בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער סע־נאַט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון די דאָזיקע וואַלן, האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווייל פּילסודסקי האָט אים שנעל צעטריבן. דערמיט האָט זיך אויך געענדיקט די קורצע פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט פון ד"ר יוסף דאַווידזאָן אין פּוילן. ער איז אָבער געבליבן ווייטער אַקטיוו אין די רייען פון דער „על המשמר"־גרופּע, דעם ראַדיקאַלן גרינבוימיסטישן פליגל פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. ער איז געקליבן געוואָרן אויף פאַר־שידענע פּאַרטיי־אַמטן און איז געווען אַ פאַרטרעטער צום ציוניסטישן אַק־ציאָנס־קאָמיטעט.

אין יאָר 1932 איז ד"ר יוסף דאַווידזאָן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָרט אָנגענומען דעם אַמט פון אָנפירער פון דער געזונטהייטס־אָפּ־טיילונג ביי דער יידישער אַגענץ. ער האָט אויך ווייטער מיטגעווירקט אויף אַ באַשיידענעם אופן אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ד״ר יוסף דאַווידזאָן האָט אין ארץ־ישראל דורכגעלעבט די גאַנצע צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אין יאָר 1948, אויף דער שוועל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון 68 יאָר.

אין דעם בלוטיקן מלחמה־פייער האָט ד״ר יוסף דאַווידזאָן פאַרלוירן זיין איינציקע טאָכטער האַלינאַ, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם יונגן ציוניסטישן עסקן ד״ר בערנאַרד יאַז און זייערס אַ קינד, אומגעקומען אין פינסקער געטאָ, וווהין זיי זענען אַנטלאָפן פון וואַרשע.

אין ישראל לעבט דער איינציקער זון פון יוסף דאַווידזאָן, ד״ר אַלעקסאַנדער דאַווידזאָן, מיט זיין פרוי און צוויי קינדער.

זיי זענען די לעצטע פון דעם גרויסן דאַווידזאָן־דור, די לעצטע נאָכפאָלגער פון דעם וואַרשעווער רב הכולל ר׳ חיים דאַווידזאָן, די ערשטע אין דעם נייעם דור אין מדינת ישראל.

טעפּליץ

ו

דער ערשטער און צווייטער נאָוועמבער זענען פֿאַר דער קריסטלעכער וועלט צוויי גאָטספּאַרכטיקע טעג. דער ערשטער טאָג איז געווידמעט אַלע הייליקע פֿון דער קאַטוילישער קירך און דער צווייטער טאָג איז געווידמעט די טויטע. אין די דאָזיקע צוויי טעג זענען קריסטן עולה־רגל צו זייערע צמענטאַרס אויף קבר־אבות. אָבער נישט בלויז אויף די קריסטלעכע צמענטאַרס איז די באַוועגונג אין יענע צוויי טעג אומגעהויער גרויס צוליב די ריזיקע מחנות מענטשן, — מענער, פֿרויען און קינדער, פֿון אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין די אַמאָליקע יאָרן פֿלעגט מען אין די דאָזיקע צוויי טעג זען אויך אַ שטאַרקע באַוועגונג פֿון באַזוכער אויפֿן וואַרשעווער יידישן בית־עלמין. עלעגאַנט געקליידעטע מענער און פֿרויען, זייער אָפֿט באַגלייט דורך קליינע קינדער, פֿלעגן זיך דאָרט באַווייזן מיט בוקעטן בלומען אין די הענט. פֿאַרבייגייענדיק דעם איינגאַנגס־טויער, פֿלעגן זיי אייליק פֿאַרשווינדן אין די טיפֿעניש פֿון דעם גרויסן, שטאַרקבאַפֿעלקערטן מיט קברים, בית־עלמין־פֿעלד. די גרעסטע צאָל פֿון די מאָדנע באַזוכער איז אַוועק אין יענעם אַלטן טייל פֿון בית־עולם, ווו עס האָבן זיך געפֿונען די קברים פֿון די אַלטע וואַרשעווער פּאַטריציער־משפּחות. די פֿאַמיליען־קברים זענען געווען אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן, דאָ און דאָרט באַצירט מיט אַלטע קינסטלערישע רעליעפֿן, פֿול מיט אַלטע ביימער און באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז, וואָס האָט אַרומגענומען די אַלטע מאַסיווע מצבות פֿון אייזן, מאַרמאָר און גראַניט. אַ סך פֿון די מצבות זענען ספּעציעל געבראַכט געוואָרן פֿון אויסלאַנד און זענען אויסגעפֿירט געוואָרן דורך די באַרימטסטע קינסטלער פֿון זייער צייט. אין יעדן אַרומגעצוימטן קברים־שטח האָט זיך אויך געפֿונען פֿאַר די באַזוכער אַ ספּעציעלע באַנק צום זיצן, אָבער דער פֿאַרלאָזענער אויסזען האָט עדות געזאָגט, אַז שוין לאַנג איז קיינער אויף די בענק נישט געזעסן. יעדע גרופּע פֿון די דאָזיקע קברים האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער

שטאַרק־פּאַרלאָזענער גאָרטן. נישט אַלע רעזערווירטע פּלעצער אין די פאַמיליען־קברים זענען געווען פאַרנומען. געווען דאָרט גענוג פרייער פּלאַץ פאַר נייע קברים. אָבער דער פּלאַץ איז שוין מער נישט געווען נויטיק, ווייל די נאָכפאָלגער פון די באַגראָבענע דאָרט משפּחות האָבן נישט געהערט מער צו דער יידישער קהלה און צו דער אייביקער רו זייע־רער האָט מען זיי שוין געפירט אויף די קריסטלעכע צמענטאַרס. ס׳רוב נאָכפאָלגער פון יענע רייכע יידישע משפּחות זענען געווען משומדים אָדער שוין געבוירענע קריסטן, ווי קינדער פון משומדים.

פלעגן מיר זיך דווקא אין די טעג אַראָפּכאַפּן אויף אַ שפּאַציר אויפן וואַרשעווער בית־עולם און אָבסערווירן די משונהדיקע באַזוכער. געווען צווישן זיי כל־מיני מענטשן. געווען אַזעלכע, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקענט און מיר האָבן במילא פאַר זיי געהאַט גאָר אַ קנאַפּן אינטערעס. געווען אַזעלכע, וואָס מיר האָבן געקענט פון זען און וואָלטן קיינמאָל זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיי האָבן אַ שייכות מיט יידן. געווען אפילו אַזעל־כע, וואָס מיר האָבן גוט געוווסט, אַז זיי לייקענען קאַטעגאָריש יעדן שייכות מיט יידישער אָפּשטאַמונג, און דער דאָזיקער באַזוך אויפן יידישן בית־עולם האָט זיי דעמאַסקירט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זייערע נע־מען און זייער טעטיקייט זענען געווען גוט באַקאַנט אין דער עפנטלעכ־קייט, אַפילו ווען מען האָט זיי פּערזענלעך נישט געקענט. און געווען מענטשן, וואָס מיר האָבן גוט געקענט פון אונדזער פּראָפעסיאָנעלער, זשורנאַליסטישער אַרבעט און וואָס מיר האָבן גוט געוווסט, אַז דאָס דער־מאָנען זיי זייער יידישע אָפּשטאַמונג איז פאַר זיי נישט געווען פון די אָנגענעמע זאַכן. אפשר טאַקע איז דאָס געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פאַרוואָס מיר פלעגן ספּעציעל באַזוכן דעם בית־עולם דווקא אין די צוויי טעג, וואָס זענען אַזוי הייליק פאַר קריסטן.

צווישן די מענטשן, וואָס פלעגן זיך אין יענע טעג דורכשלייכן דורכן איינגאַנג צום בית־עולם, איז געווען אַ נידעריקער, פעסט־געבויטער מאַן, וואָס די, וועלכע האָבן אים נישט געקענט, האָבן געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּוילישער פּריץ. די שוואַרצע, אויף אַראָפּ־פאַרקעמטע וואָנסן, וואָס האָבן באַפּוצט זיין קיילעכדיק פּנים, האָבן נאָכמער פאַרשטאַרקט דעם

דאָזיקן איינדרוק. געקומען איז ער מיט צוויי קליינע קינדער, זיינע איי־ניקלעך, וועלכע האָבן געטראָגן אין די הענט בלומען־קרענץ. ער האָט די קינדער ממש געשלעפּט פאַר די הענטלעך, אַז מען זאָל אויסמיידן די פאַרזאַמלטע מענטשן ביים אַריינגאַנג. ווען ער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל דערזען האָט ער זיך דערפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, אַפילו זיך פאַררויטלט און ביים באַגריסן זיך מיט מיר האָט ער, פאַרשטעלנדיק מיר זיינע צוויי קליינע אייניקלעך, קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— היינט זענען „זאַדושקי" *), זאָלן די קינדער באַזוכן די קברים פון זייערע פאָרגעגנגער און לעגן אַ פּאָר בלימלעך... מיר באַזוכן אַזוי אַלע צמענטאַרס, ווו עס רוען אונדזערע נאָענטע קרובים...

געווען איז עס טעאָדאָר טעפּליץ, איינער פון די פירנדיקע פּוילישע סאָציאַליסטן אין וואַרשע, אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג (לאַווניק פון מאַגיסטראַט), אַנגעזעענער סאָציאָלאָג און טע־אָרעטיקער פון דער פּוילישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. ער פלעגט סיסטעמאַטיש פאַרעפנטלעכן פּובליציסטישע אַרטיקלען אין דעם אָרגאַן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) „ראָבאָטניק". ס'רוב וועגן עקאָנאָמישע ענינים, אין וועלכע ער איז געווען אַ גרויסער מומחה. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ רייע ביכער און בראָשורן וועגן די זעלביקע פּראָבלעמען. ער איז געשטאַנען בראש פון קאָאָפּעראַטיווע בוי־אונטערנעמונגען און איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אַלס פאַרשטייער פון דער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי, צו וועמענס ווערטעראַנען ער האָט געהערט.

געקומען איז ער מיט זיינע אייניקלעך אויף קבר־אבות צו זיינע עלטערן און זיידעס, וואָס האָבן גערוט אין דעם גרויסן קברים־גאָרטן פון דער אַלטער רייכער וואַרשעווער משפחה. דאָרט האָט גערוט אונטער דעם שווערן מאַרמאָרנעם שטיין איינער פון די אבות פון דער טעפּליץ־דינאַסטיע, ר' טעוועלע (טעאָדאָר) טעפּליץ, וואָס נאָך אים האָט געהייסן

*) „זאַדושקי" — די פּוילישע באַצייכענונג פון דעם טאָג פון דערמאָנען די נשמות פון פאַרשטאָרבענע.

דער שפּעטערדיקער פּוילישער סאָציאַליסטישער טוער. אין יענעם פאַמי־ליען־קבר האָט אויך געפונען איר אייביקע רו די אשה־צנועה, די באָבע חיה טעפּליץ, וואָס אויף איר קבר האָט מען אין יאָר 1847 אויפגע־שטעלט אַ מצבה אין מאָכמעדאַנישן סטיל, וועלכע מען האָט געבראַכט פון איטאַליע. אין יענער צייט איז עס געווען שטאַרק אין דער מאָדע ביי יידישע גבירים.

ר׳ טעוועלע טעפּליץ . . . עפּעס אַ קליינקייט, וואָס דער דאָזיקער נאָמען האָט באַדייט אין וואַרשע אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנ־גענעם יאָרהונדערט.

נישט אַזוי ווייט צוליב זיין שיינעם אָפּשטאַם, ווי צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אליין געהאַלטן פאַר אַ גרויסן יחסן. ער האָט געהערט צו דעם קרייז וואַרשעווער יידן, וואָס האָבן זיך באַטראַכט אַלס די שטאָט־טאַטעס, אַלס די פאַרזאָרגערס פון דער וואַרשעווער יידישער באַפעלקע־רונג, די בעלי־בתים פון וואַרשעווער קהל, ווייל זיי זענען געווען קרובי־מלכות.

מיט אַן ערך 120 יאָר צוריק, ווען פאַר יידן אין וואַרשע האָבן נאָך פאַרפליכטעט אַ גאַנצע רייע באַגרענעצונגען, ווען פאַרן אַריינקומען קיין וואַרשע האָט מען נאָך געדאַרפט צאָלן אַ ספּעציעלן קאָפּ־שטייער, ווען אפילו די, וואָס האָבן שוין געמעגט שטענדיק וווינען אין וואַרשע, האָבן געהאַט באַגרענעצטע געגנטן דערצו, אָט אין יענע צייטן איז כלל־טוערי נישט שטענדיק געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם אייגענעם גוטן ווילן, נאָר עס איז פּשוט געווען אַ פליכט, כדי צו קענען דעראָבערן די פולע בירגער־רעכט. עס איז געווען ווייניק צו זיין רייך און מאַכן גוטע געשעפטן, צו וועלכע הויכע מלוכה־באַאמטע זענען אָפּטמאָל געווען שטילע שותפים. די גבירים האָבן יעדנפאַלס זיך באַמיט צופרידנצושטעלן די דאָזיקע הויכע באַאמטע, כדי אליין צו זיין פריי אין זייער דראַנג צו אַנטוויקלען זייערע געשעפטן און פאַרגרעסערן נאָכמער זייערע פאַרמעגנס. עס איז געווען די צייט פון געוואַלטיקן וווקס פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע און די, וואָס האָבן געקענט אויסנוצן די לאַגע, האָבן דאַן געמאַכט ריזיקע פאַרמעגנס. מען האָט געדאַרפט בלויז וויסן, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען

און מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן. דאָס איז אויך געווען די עפּאָכע ווען אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט זענען אויפגעקומען די גבירישע יידישע משפּחות. ביי אַ סך פון זיי האָט דאָס יידישקייט אָנגעהויבן שנעל פאַרשווינדן און זייערע פאַרמעגנס זענען נאָך מער געוואקסן. גע־ ענדיקט האָט עס זיך מיט דער שמד־באַוועגונג ביי די רייכע יידן, בפרט ביי זייערע קינדער. די טאַטעס, די אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבן זיך שנעל אַסימילירט, האָבן בלויז צוגעגרייט דעם באָדן דערפאַר.

די שעפער פון די גרויסע יידישע פאַרמעגנס האָבן געמוזט שווער האָרעווען נישט אַזוי ווייט, כדי צו דערגרייכן דאָס פאַרמעגן גופא, ווי כדי זיך דערוויייל צו דערשלאָגן צו פולע בירגער־רעכט. כדי דאָס צו דער־ גרייכן האָט מען אין יענער צייט געמוזט אויך באַווייזן דער מאַכט, אַז מען טוט עפּעס פאַר דער וווילטעטיקייט, אַז מען זאָרגט פאַר אָרעמע מענטשן, אַז מען איז טעטיק געזעלשאַפטלעך אין פילאַנטראָפּישע אינ־ סטיטוציעס, אַז מען דינט דעם כלל.

קען מען נישט לייקענען, אַז עס זענען געווען אַ סך יידישע עסקנים, וואָס האָבן געטאָן זייער אַרבעט בצרכי ציבור באמונה. אַז עס איז געווען ביי זיי אָן אינערלעכער דראַנג צו העלפן דעם כלל. עס זענען אָבער גע־ ווען פיל צווישן זיי, וואָס האָבן עס געטאָן, כדי צו קענען באַווייזן דער מאַכט, אַז זיי לעבן נישט נאָר פאַר זיך, נאָר העלפן אויך אַנדערע און זענען דעריבער נוצלעכע בירגער פאַרן לאַנד. די דאָזיקע „שיינע יידן״ האָבן אָפטמאָל מער אויסגענוצט די געזעלשאַפטלעכקייט אַלס דעקמאַנטל פאַר זייער אייגננוצן, פאַר זייערע אַמביציעס און מאַטעריעלע אינטע־ רעסן איידער צו העלפן דעם כלל. זיי האָבן פאַקטיש געשפּילט זייער אָן אַקטיווע ראָלע אין יידישן לעבן און די היסטאָריקער פון יענער צייט דערמאָנען אָפט זייערע נעמען, שילדערנדיק דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַ־ טיווע פון זייער טעטיקייט.

ר׳ טעוועלע טעפליץ איז אַ בולטערביישפּיל פון דעם מין תקיפישע עסקנים פון זיין צייט. נישט בלויז אין שאַצקיס אויספירלעכער געשיכטע פון יידן אין וואַרשע און אין זיין בוך וועגן דער יידישער בילדונגס־ פּאָליטיק אין פּוילן, נאָר אויך אין קלענערע, מער אַלגעמיינע ווערק וועגן

יידן אין פוילן טרעפט מען זייער אָפט דעם נאָמען פון טעוועלע (טעאָדאָר) טעפּליץ. מען טרעפט אים ביי שיפּערן, הירשהאָרנען, נוסבוימען, פּרענקן, פּלינקערן, לעווינסאָנען, וויינריבן, מאָהלערן א. א. אין יידישע, העברעאישע און פּויליש־געשריבענע געשיכטע־ווערק. ר׳ טעוועלע איז געווען אַ צענטראַלע געשטאַלט אין וואַרשעווער יידישן לעבן. אַ ייד אַ משכיל, אַ יודע־ספר׳, איז דער וווקס פון זיין גרויסן פאַרמעגן געווען פאַרבונדן מיט יידישע רעליגיעזע הצטרכותן און מיט דעם יידישן מאַסן־מענטש. מען קען אַפילו זאָגן: מיט דער יידישער נויט.

די געשיכטע פון יידישע פּריוואַטע פאַרמעגנס איז אָפטמאָל אַ רעזולטאַט פון קוריאָזע געשעפטן. פאַראַן רייכע יידן, וואָס זייערע פאַרמעגנס זענען אַ פּועל־יוצא פון זייער ספּעקולאַטיוון אונטערנעמונגס־גייסט, פון צייט־קאָניונקטורן, פון פאַרבינדונגען מיט מאַכט אד״ג. דאָס זענען פאַקטיש פּריוואַטע ענינים, מיט וועלכע דער כלל האָט נישט קיין שייכות, פאַר וועלכע דער כלל איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך און פון וועלכע דער כלל געניסט בלויז דורכדעם, וואָס די מענטשן שטיצן, בויען אָדער העלפן בויען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן; אַרבעטן לטובת דעם כלל. אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט דעם פאַרמעגן, וואָס עס האָט געשאַפן ר׳ טעוועלע טעפּליץ. זיין פּרנסה איז געווען די פאַכטעריי פון כשר פליישׂ אין דער גאַנצער געגנט, וואָס עס האָט אויך אַרומגענומען די הויפּט־שטאָט וואַרשע. דאָס איז געווען אַ מאָנאָפּאָל אויף גאָר אַ וויכטיקן געביט פון יידישן לעבן. גאָר אַ מינימאַלן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער צייט האָט דער דאָזיקער ענין שוין געקענט נישט אינטערעסירן. די אַבסאָלוטע מערהייט פון יידן האָט דאַן געמוזט צאָלן אַ שטייער פאַר כשר פלייש, אַ דאַנק וועלכן ר׳ טעוועלע האָט טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן. ער איז נישט געווען דער איינציקער אין דער דאָזיקער פּרנסה. ער האָט געהאַט דערצו אַ שותף, אַ צווייטן גרויסן גביר פון וואַרשע, יעקב עפּשטיין, וואָס איז אויך געווען אַ פאַכטער פון כשר פלייש און וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן טעפּליצעס מחותן. עפּשטיינס זון האָט חתונה געהאַט מיט טעפּליצעס טאָכטער.

יעקב עפּשטיין איז געווען אַ גרויסער תקיף און האָט געפירט נישט נאָר זיינע פּריוואַטע געשעפטן, נאָר אויך די געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט אויפן חשבון פון יידישע מאַסן. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע האָט מען אים גערופן יאַנקעלע ליכטציער. געשטאַמט האָט ער פון שטעטל זשאַרקי און דאָרט זענען זיינע עלטערן אויך געווען ליכט־ציער. אָבער אין קליינעם שטעטל האָבן זיי דערפון געהאַט קוים פּרנסה *). ערשט ווען יאַנקל איז געקומען קיין וואַרשע און ווייטער פאַרגעזעצט די מלאכה, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן גוטע געשעפטן און זיין פּאָזיציע איז שנעל געוואַקסן.

טעוועלע טעפּליץ האָט אָבער געהערט צו דעם אינטעליגענטן קרייז וואַרשעווער יידן — וואָס מען האָט נישט געקענט זאָגן וועגן זיין שפּע־טערדיקן מחותן. דאָס איז געווען אַ פּרימיטיווער ייד, אַ בעל־גוף. קומענ־דיק קיין וואַרשע, האָט ער זיך באַפרייט פון זיין באָרד און פּיאות, אויסגעטאָן זיינע יידישע קליידער און געוואָרן, ווי מען האָט דאַן גערופן, אַ „דייטש". מיטן וווקס פון זיין רייכטום איז אויך געוואַקסן זיין השפּעה סיי אין דער יידישער געזעלשאַפט און סיי ביי דער מאַכט. ער האָט אָנ־געהויבן פאַרנעמען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין יידישן לעבן אין וואַרשע.

ביידע מחותנים האָבן זיך איינגעטיילט מיט די כּיבודים. טעפּליץ איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער וויכטיקסטער אָפּטיילונג אין דעם וואַר־שעווער קהל, וואָס מען האָט גערופן דאַן „דאָזור בוזשניטשני" און זיין מחותן עפּשטיין איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג. דערפאַר אָבער איז עפּשטיין געוואָרן דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער הקדש, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אין דעם באַרימטן יידישן שפּיטאָל, און זיין מחותן טעפּליץ איז דאָרט געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

קעגן ביידע פאַכטער פון כּשר פלייש האָט די באַוואוּסטע יידישע באַפעלקערונג געפירט אַ העפטיקן קאַמף און געשיקט אָנקלאַגעס צום צאַ־רישן נאַמיעסטניק אין פּוילישן קיניגרייך פּאַסקעוויטש. ווי עס שטעלט

---

*) ע. ע. פרענק: „משומדים אין פוילן". צווייטער באַנד: וואַרשעווער משומדים. וואַרשע, 1924.

פעסט ד"ר יעקב שאַצקי אין זיין געשיכטע פון יידן אין וואַרשע (באַנד צוויי, זייט 38), איז טעפּליץ נאָך אַ העפטיקן קאַמף קעגן אים, אין יאָר 1834, לויטן באַשלוס פון אַ ספּעציעלער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, גע־צוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון דער פלייש־פּאַכטעריי:

„צוליב דעם, וואָס ער איז מיט זיינע מעשים געווען די סיבה פון אונטערדריקונג פון אָרעמען קלאַס".

טעפּליץ איז שוין דאַן געווען גענוג רייך און האָט זיך שוין געקענט נעמען צו אַנדערע געשעפטן, וואָס האָבן זיין פאַרמעגן נאָכמער פאַר־גרעסערט.

האָט טאַקע די טעפּליץ־משפחה, אַנהויבנדיק פון ר' טעוועלען און זיין ברודער אליעזר־לעאָפּאָלד טעפּליץ, שפּעטער זייערע קינדער, גע־הערט צו די פּיאָנערן פון אַ גאַנצער רייע אינדוסטריעס און פונעם באַנק־וועזן אין פּוילן. אַזוי, למשל, פיגורירן די טעפּליצעס צווישן די גרינדער פון דער צוקער־אינדוסטרי אין פּוילן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויק־לען אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע אינדוסטריעס אין דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע און אַ גרויסער קוואַל פון אַרבעט און נאַציאָנאַלן רייכטום אין דעם באַפרייטן פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

מיט דער צייט פאַרשווינדן זייערע נעמען פון יידישן עפנטלעכן לעבן, פון יידישע אינסטיטוציעס און פון יידישקייט בכלל. זיי פיגורירן אָבער ווייטער אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן נישט בלויז פון פּוילן גופא, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

יאָ, די נעמען פון פאַרשידענע מיטגלידער פון דער טעפּליץ־משפּחה ווערן דערמאָנט ווי יידן אָדער „אָפּשטאַמיקע פון דער יידישער ראַסע", אָבער דאָס געשעט שוין נאָר אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, ווען מען דאַרף אָנגרייפן די טעטיקייט פון ווענען עס איז פון די טעפּליצעס. זייערע נעמען ווערן אויך אַ צילברעט פאַר די פּוילישע אַנטיסעמיטישע אָנגריפן, ווען זיי קענען דינען אַלס מיטל פאַר דער אַנטיסעמיטישער

העצע בכלל. דאַרף מען שלאָגן יידן דורך פאַרוואַרפן זיי קאַפּיטאַליס־טישע חטאים, דערמאָנט מען אָפּט אַ טעפּליץ. דאַרף מען ווידער אָנ־גרייפן יידן ווי אונטערצינדער פון דער וועלט, ווי רעוואָלוציאָנערן, סאָ־ציאַליסטן און קאָמוניסטן, וואָס קומען אַרויס פון דער יידישער בורזשו־אַזיע, — דאַרף מען גאָר קיין בעסערן ביישפּיל נישט ווי די טעפּליצעס. דער עצם פאַקט, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג קיין שייכות נישט מיט יידישקייט, אינטערעסירט נישט די אַנטיסעמיטישע העצער. די קברים פון זייערע זיידעס אויפן וואַרשעווער יידישן בית־עולם זענען פאַר די אַנטיסעמיטן דער בולטסטער אַרגומענט.

2

ר׳ טעוועלע טעפּליץ איז נישט געווען קיין דורכשניטלעכער „ייד״, סתם איינער פון די פיל צופעליקע עסקנים אין וואַרשע. ער איז געווען אַ צענטראַלע געשטאַלט אין דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דעם פּוילישן יידנטום אין משך פון צענדליקער יאָרן. ער האָט געהאַט עליות און ירידות אין זיין טעטיקייט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער גבירישער תקיפות, וועלכע האַלט, צום באַדויערן, אָן אין דעם יידישן לעבן זינט דורות, און מען טרעפט עס אַפילו ביים היינטיקן טאָג אין די אַמעריקאַנער לענדער. אָבער עס וואָלט געווען פאַלש לגבי דעם היסטאָרישן אמת און אומגערעכט לגבי טעוועלע — טעאָדאָר טעפּליץ צו זאָגן, אַז נאָר דורך תקיפות האָט ער דערגרייכט צו אַזאַ פירנדיקער פּאָזיציע אין דעם דעמאָלסטיקן יידישן לעבן. ער האָט עס דערגרייכט אויך אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ, וואָס איז — פּונקט ווי דאָס געשעט אָפּטמאָל היינט אין די אַמעריקאַנער לענדער — דאַן נישט געווען קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין וואַרשע. זעלטן ווען מען געפינט צווישן די אויפגעקומענע גבירים מענטשן מיט אַ ברייטערן וועלט־באַנעם, מיט אַ גרינטלעכער אינטעליגענץ. אויך דאָס איז אַווירקלעכקייט, וואָס ציט זיך אין יידישן לעבן זינט דורות.

געקומען איז עס צום אויסדרוק אין די דרייסיקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דעמאָלסטיקן יידישן לעבן איז געשטאַנען די פראַגע פון דער שול־רעפאָרם פאַר יידישע קינדער. דאָס האָט די מאַכט געפאָדערט דורכצופירן, באַשטימענדיק דערצו אַ ספּעציעלע קאָמיסע פון אָנגעזעענע וואַרשעווער יידן. טעוועלע טעפּליץ איז געווען איינער פון די אַקטיוועסטע מיטגלידער פון דער דאָזיקער שול־קאָמיסיע.

ד״ר יעקב שאַצקי שילדערט אויספירלעך דעם קאַמף וואָס איז פאַר־

געקומען ארום דער דאָזיקער רעפאָרם־פראגע *). אַרומרעדנדיק דעם „קאָמפּראָמיס־פּראָיעקט צווישן מעסיקער „וועלטלעכקייט" און קאָנסער־וואַטיווער יידישקייט", שרייבט ער:

„דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט תיכף געוווּנען די הסכמה פון טעוועלע טעפּליץ, א היימן משכיל אָבער זייער א טאַקטישן אין ענינים פון יידישער אינעווייניקסטער פּאָליטיק. אין א באַריכות־דיקן מעמאָראַנדום צו דער שול־מאַכט האָט טעפּליץ אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון אן אַלגעמיינער שול פאַר א יידיש קינד, וואָס בדרך־כלל געפינט זיך עס „א גאַנצן טאָג אָן השגחה מחמת דעם וואָס די עלטערן זענען פאַרטאָן אין מיסחר". ער האַלט אָבער, אז מען טאָר נישט דערלאָזן צו דעם וואָס די מתנגדים ווילן, אז מען זאָל כלומרשט לשם רעליגיע ארויסטרייבן די יידישע לימודים פון די עלעמענטארע שולן. אויב די מתנגדים זאָלן זיך פּאַרעק־שנען, וועט מען מוזן בייטן דעם צוזאַמענשטעל פון „שול־קוראַ־טאָריע". טעפּליץ האַלט, אז אין א „שול־קוראַטאָריע" דאַרפן זיצן קודם־כל מענטשן, וואָס זענען ווען עס איז געגאַנגען אין א שול און פאַרשטייען די וויכטיקייט פון אַלגעמיינער בילדונג. ער לייגט פאָר צוויי מינים שולן: איינע פאַר קינדער פון 6 ביז 8, וואָס זאָל דינען די צוועקן פון „קעגנזייטיקן לערנען", ווי ער דריקט זיך אויס; די צווייטע זאָל זיין א צווייקלאַסיקע מיט א ברייטן פּראָגראַם, וואָס זאָל צוגרייטן א תלמיד צו א „האַנדל־באַרוף". ווער פון די תלמידים ס'וועט וועלן גיין ווייטער אין לערנען, וועט עס קענען טאָן דורך אָנקומען אין אן אַלגעמיינער שול.

טעפּליץ איז געווען אונטער דער השפּעה פון די פּויזענער משכילישע פּראָיעקטן בכלל, און בפרט פון דעם ערשטן פּיאָנער פון דער השכלה אין פּויזן, דעם איידעם פון א שעפּסער חסיד,

*) ד"ר יעקב שאַצקי: יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 ביז 1866, ביבליאָטעק פון ייוואָ. ניו־יאָרק, 1943.

דוד קאַראָ (1782 — 1839). מיט קאַראָן איז טעפּליץ געווען אין קאָנטאַקט, און אים האָט ער געהאַלטן פאַר דעם פּוסק־אחרון אין ענינים פון שול־פּאָליטיק לגבי יידן".

זיין רחבותדיקע דירה איז געווען אַ מין געזעלשאַפטלעכער סאַלאָן, וואָס איז אגב געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין יענער צייט, ווו באַרימטע יידישע און נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען, דאָרט פלעגט מען דיסקוטירן כלל־פּראָבלעמען פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן און באַהאַנדלען אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן.

ר' טעוועלע טעפּליץ האָט אויך געשטיצט דאָס אַרויסגעבן משכילישע ליטעראַטור און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז ווערט צו דערמאָנען זייער אַ קוריאָזע געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן צו יענער צייט און וואָס באַווייזט צו וואָס גבירישע תקיפות קען דערגיין.

אויפן סמך פון ב. וויינריבס אַרבעט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ייוואָ־בלעטער (באַנד 8, ווילנע 1935), דערציילט ד"ר שאַצקי אין דעם צווייטן באַנד פון זיין „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", ביים באַהאַנדלען די יידישע קולטור־טעטיקייט אין וואַרשע אין די יאָרן פון 1832 ביז 1855, פאָלגנדיקעס:

„אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש די געשיכטע מיט טעוועלע טעפּליץ, אַ רעפּרעזענטאַטיוון גביר־משכיל, וואָס האָט אין די יאָרן 1836 — 1838 געהאָלפן פינאַנסירן אַ נייע אויסגאַבע פון מענדעלסאָנס ביאור אין 5 בענד. ער האָט געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון דער רעגירונג, זי זאָל אים העלפן און הייסן קהילות איבערן לאַנד קויפן עקזעמפּלאַרן פון דעם חומש פאַר די בתי־מדרשים. אין זיין בקשה האָט ער געשריבן, אַז זיין כוונה איז „אָפּצוגעווינען די יידן פון דער פאַרדאָרבענער שפּראַך, ד"ה פון יידישן זשאַרגאָן". ווי נאָר יידן וועלן זיך אויסלערנען דייטש, וועלן זיי גערן אַריבערגיין צו פּויליש. דערפאַר האָט ער זיך אונטערגענומען אַזאַ גרויסע אויסגאַבע וואָס האָט אָפּגעקאָסט

50.000 גילדן. טעפּליץ האָט געוואָלט ווערן אַ מעצענאַט אויפן חשבון פון פאָלק וואָס האָט נישט געוואָלט הערן פון מענדעלסאָנס איבערזעצונג. אַזאַ באַציאונג צום דעסער משכיל איז געווען אין טעפּליצעס אויגן „פאַנאַטיזם"; דעריבער האָט ער געוואָלט, אַז די רעגירונג זאָל ממש צווינגען די קהילות זיך פרענומערירן אויף זיין אויסגאַבע. דאָס איז אָבער נישט געלונגען, ווייל פאַסקעוויטש וואָס איז גערן געווען צו שטיצן אַן אָרעמען משכילישן מחבר האָט געהאַלטן, אַז טעפּליץ איז נתעשר געוואָרן טאַקע פון די פאָלקסמאַסן, ווי אַ פאַכטער פון זאַלץ און כשר־פלייש־שטייער, און האָט זיך אין די עסקים שטאַרק פאַרפּלאָנטערט — מעג ער דעם פאָלק צוריקגעבן דאָס וואָס ער האָט ביי אים גענומען".

אַזוי קומט עס אָפּטמאָל פאָר אין יידישן לעבן, אַז פרעמדע מאַכטהאָבער מוזן ווערן די פאַרטיידיקער פון יידישע אינטערעסן קעגן דער תקיפות פון גבירישע פאַרזאָרגער און געבן זיי אַ לעקציע פון אָנשטענדיקייט. אָבער כבוד האָבן די דאָזיקע תקיפים שטענדיק געוואָלט האָבן פאַר זיך. ווען די אויסגאַבע פון מענדעלסאָנס דייטשער חומש־איבערזעצונג איז דורך טעווועלע טעפּליץ אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט אַן אַנדער משכיל פון יענער צייט, משה טאַנענבוים, פאַרעפנטלעכט אַ „שיר־תודה", אַ גאַנצע פּאָעמע אין וועלכער עס ווערט געלויבט דער אויפטו פון דעם „שר אדיר, גביר עם טעבלי טעפּליץ נ"י".

דער נאָכפאָלגער פון טעווועלע טעפּליץ איז געווען דער אַקטיווער אַסימילאַטאָרישער טוער, דער באַנקיר הענריק טעפּליץ, וועלכער האָט שוין געהאַט שטודירט אין דעם מאַרימאָנטער אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפט, האָט שוין פאַרמאָגט אייגענע גיטער און איז געווען איינער פון די פיאָנערן פון דער צוקער־אינדוסטרי אין פוילן. ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין יענע יאָרן. אַן אַנדער מיטגליד פון דער זעלביקער משפחה האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געווען די גרונט־באַזע פאַר דער שפּעטערדיקער

גרינדונג פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע. פון די דאָזיקע רייען זענען אַרויס די שפּעטער באַרימטע קאָמוניסטישע פירער ראָזאַ לוקסעמ־בורג, העניק וואַרסקי (וואַרשאַווסקי) א״אַ.

3

אַט אַזוי האָט מער־ווייניקער אויסגעזען דער יחוס־בוים פון דער משפּחה טעפּליץ.

דער צווייטער דור איז שוין אַזוי שטאַרק אַסימילירט, אַז נישט קיין וווּנדער וואָס אין דעם דריטן דור זעען מיר די ערשטע משומדים פון דער דאָזיקער משפּחה.

די ערשטע נאָטיץ וועגן אַ שמד אין דער טעפּליץ־משפּחה געפינט מען שוין פון יאָר 1870 *). עס האָט זיך דאַן געשמדט אין וואַרשע די 21־יעריקע פּאַננע פראַנציסקאַ טעפּליץ, די טאָכטער פון דעם פירנדיקן אַסימילאַטאָרישן טוער הענריק טעפּליץ, אַן אייניקל פון ר׳ טעוועלע און מרת חיה טעפּליץ.

וועגן אַ צווייטן שמד אין דער משפּחה טעפּליץ געפינען מיר אַ נאָטיץ פון דעם יאָר 1890. עס האָט זיך דאַן געשמדט דער 24־יעריקער יוזעף לעאָפּאָלד טעפּליץ, דער זון פונעם באַנקיר באָנאַווענטורע.

דאָס זענען שמדן אין דער קאַטוילישער קירך. ס׳רוב מיטגלידער פון דער טעפּליץ־משפּחה, האָבן זיך אָבער געשמדט אין דער עוואַנגעלי־שער קירך, וואָס פיגורירט שוין נישט אין דער רשימה, וואָס דער אַנטי־סעמיט יעסקע־כאָינסקי האָט פאַרעפנטלעכט פונקט מיט 50 יאָר צוריק.

שמדנדיק זיך אַליין, האָט מען שוין אָפּגעשמדט די קינדער קליינער־הייט — דעם פערטן דור, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט דער טרע־גער פון ר׳ טעוועלעס נאָמען, דער פּוילישער סאָציאַליסטישער טוער טעאָ־דאָר. זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט האָט געהאַט אַ טראַדיציע אין דער משפּחה, פונקט ווי דאָס האָט געהאַט די טראַדיציע די קאַפּיטאַליסטישע טעטיקייט פון אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה. צווישן זיי אויך פּר־נעם ברודער פון טעאָדאָר טעפּליץ, וועלכער איז געווען איינער פון די

---

*) Teodor Jeske-Choinski: Neofici Polscy. Warszawa, 1904.

דירעקטאָרן פון דער גרויסער איטאַליענישער באַנק „באַנקאָ קאָמערציאַ־לע״. װוינענדיק פיל יאָרן אין איטאַליע איז דער דאָזיקער טעפּליץ אויס־געוואַקסן אַלס איינער פון די באַדייטנדיקסטע איטאַליענישע פינאַנסיסטן, געוואָרן אַן איטאַליענישער בירגער און אפילו דער פאַשיסטישער רע־זשים פון מוסאָליני האָט אים גאָרנישט געשטערט אין דער אַנטוויקלונג פון זיין פינאַנציעלער טעטיקייט. די פּוילישע אַנטיסעמיטישע און רעאַק־ציאָנערע פּרעסע, אָנגרייפנדיק אָפט דעם פּוילישן סאָציאַליסטישן טוער טעאָדאָר, פלעגט אָנווייזן, אַז די טעפּליצעס האָבן זיך איינגעטיילט מיט די ראָלן און ווען איין ברודער שטרעבט איינצופירן דעם סאָציאַליזם אין פּוילן, העלפט דער צווייטער ברודער באַפעסטיקן דעם פאַשיזם אין אי־טאַליע.

דער „איטאַליענישער ראָטשילד״, ווי מען פלעגט אים רופן אין פּוילן, האָט זיך טאַקע נישט מודה געווען אין זיין יידישער אָפּשטאַמונג, ער האָט אָבער דערפאַר גאָרנישט געלייקנט זיין פּוילישע אָפּשטאַמונג. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ באַרימטער פּוילישער שוישפּילערין, געוווינט שטענ־דיק אין מילאַן, פלעגט אָבער זייער אָפט באַזוכן פּוילן, ווו מען האָט זיך מיט אים זייער שטאַרק גערעכנט און אָנערקענט זיינע לייסטונגען פאַר דער פּוילישער מלוכהשאַפט. מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַן איבערגע־געבענעם פּוילישן פּאַטריאָט און באַשאָנקען מיט הויכע פּוילישע מלוכה־אויסצייכענונגען. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס ער האָט אָפט געהאָלפן לייזן די פינאַנציעלע פּראָבלעמען פון דער פּוילישער מלוכה און מיטגע־ווירקט, אַז פּוילן זאָל באַקומען אַ רייע גרויסע הלוואות נישט בלויז אין איטאַליע גופא, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, בפרט פון די פינאַנץ־אינסטיטוציעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער גרויסער, האַלב־אָפיציעלער איטאַליענישער באַנק־אונטערנעמונג, מיט וועלכער ער אַליין איז געווען פאַרבונדן.

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

אויב טעאָדאָר טעפּליץ האָט ווי אַ פירנדיקער טוער פון פּ. פּ. ס. געהערט צו די מעסיקע קרייזן פון פּוילישן סאָציאַליזם, האָט ער אָבער געהאַט אַ זון, לעאָן האָט ער געהייסן, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט. גע־ווען איז עס אַ יונגער בחור, שיין, עלעגאַנט, גוט דערצויגן אין דער ריי־

כער היים פון זיין סאָציאַליסטישן טאַטן און האָט, ווי אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, געהערט צו די פירער פון דער פוילישער קאָמוניסטישער יוגנט. ער האָט זיך מיט זיין קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע גאָרנישט אויסבאַהאַלטן און איז כסדר גערודפט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. ביז די פּאָליציי האָט אַנטדעקט דאָס גאַנצע קעמערל און אַרעסטירט אַלע מיטבאַטייליקטע, צווישן זיי אויך לעאָן טעפּליצן און דעם באַקאַנטן פוילישן קאָמוניסטישן פירער פּיוואָוואַרטשיק.

נאָך אַ לענגערער אויספאָרשונג איז די גאַנצע גרופּע געשטעלט געוואָרן פאַרן משפט פון וואַרשעווער קרייז־געריכט. דער יונגער לעאָן טעפּליץ האָט פיגורירט אַלס הויפּט־אָנגעקלאָגטער און האָט דעריבער פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. ער איז אויך געווען דער ראש־המדברים פון דער גאַנצער אָנגעקלאָגטער גרופּע. דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. די ענדעקעס און אַנדערע רעאַקציאָנערע פוילישע גרופּן זענען געווען ביי דער מאַכט און די פוילישע פּרעסע האָט, ווי דער שטייגער איז געווען אין אַזעלכע פאַלן, שטאַרק צעבלאָזן דעם גאַנצן משפט. בדרך־כלל פלעגן די קאָמוניסטישע אָנגעקלאָגטע זיך זעלטן ווען מודה זיין, אַז זיי געהערן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן. דער יונגער טעפּליץ האָט געהערט צו די אויסנאַמען אין דער הינזיכט. יאָ, ער איז אַ קאָמוניסט, ער האָט עס נישט געלייקנט. ער האָט בלויז נישט געוואָלט זאָגן, נישט בעת דער אויספאָרשונג און נישט בעת דעם משפט, זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן שייכות צו דער נישט־לעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער האָט נישט געוואָלט אָנגעבן קיין שום פּרטים וועגן זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט, וואָס איז געווען קעגן געזעץ. זיין אָבער אידעאיש אַ קאָמוניסט האָט ער געהאַלטן פאַר אַ לעגאַלער זאַך, וואָס קיין שום געזעץ קען עס אים נישט פאַרווערן. אַן אינטעליגענטער, מוטיקער בחור, האָט ער איינגעטענהט מיט די ריכטער און מיט זיינע באַשולדיקער, אַז אויב מען קען אים נישט באַווייזן זיין אָנגעהעריקייט צו דער נישט־לעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי, טאָר מען אים נישט משפּטן פאַר זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, ווייל דאָס איז זיינער אַ פּערזענלעכער ענין, אַן ענין פון זיין געוויסן. ער האָט קאַטעגאָריש געלייקנט, אַז ער האָט געפירט אַ טעטיקייט לויט אינסטרוקציעס פון

מאָסקווע. ער איז נישט קיין מאָסקווער אַגענט. ער איז אַ פּוילישער קאָ־מוניסט. ער האָט אַן אייגענע, אינדיווידועלע איינשטעלונג צו די דאָזיקע פּראָבלעמען. ער איז נישט בלויז אויסן געווען זיך אָפּצוגרענעצן פון זיי־נע אַנדערע באַשולדיקטע חברים, נאָר ער האָט געוואָלט אויסמיידן דאָס באַשווערן זיי זייער אייגענער פאַרטיידיקונג.

צווישן די פיל עדות, וואָס סיי די באַשולדיקונג, סיי די פאַרטיידי־קונג האָט אַרויסגערופן צום פּראָצעס, איז געווען אויך דער פאָטער פון דעם אָנגעקלאָגטן טעפּליץ, דער אַנטי־קאָמוניסטישער סאָציאַליסט טעאָ־דאָר. ער איז שוין זינט אַ לענגערער צייט געווען אַ ציל־ברעט פון שאַר־פע אָנגריפן פון דער פּוילישער רעאַקציע פאַר זיין סאָציאַליסטישער טע־טיקייט. בפרט איצט, צוליב דער קאָמוניסטישער טעטיקייט פון זיין זון. שוין מיט חדשים פאַרן עפנטלעכן משפּט פון דעם זון איז טעאָדאָר טעפּ־ליץ געמשפּט געוואָרן דורך דער רעאַקציאָנערער מערהייט פון וואַרשע־ווער שטאָט־ראַט, וועלכע האָט אים אָפּגעשטעלט אין זיינע רעכט אַלס מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג ביז דער ענין פון זיין זון, — די באַשולדיקונג, אַז ער וויל צוגרייטן אַ מלוכה־איבערקערעניש אין פּוילן מיט דער הילף פון אַ פרעמדער מאַכט, — וועט דורכן געריכט נישט אויפ־געקלערט ווערן. טעאָדאָר טעפּליץ האָט שפּעטער געמוזט אינגאַנצן רעזיג־נירן פון זיין אַמט אין דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ווייל מען האָט דערקלערט קעגן אים אַ באָיקאָט. איז דריבער פאַרשטענדלעך, אַז זיין עדות־זאָגן אין געריכט איז דערוואַרט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס און אפילו מיט שפּאַנונג. לויטן געזעץ האָט טעאָדאָר טעפּליץ, אַלס פאָ־טער פון דעם באַשולדיקטן, געהאַט דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן אויפצור־טרעטן אַלס עדות אין געריכט. דאָס האָט אים אויך געמאָלדן דער פאָר־זיצער פון דעם געריכטס־טריבונאַל. ער האָט אָבער פון דעם רעכט נישט געוואָלט געניסן. אין קעגנטייל, ער האָט זיך דערקלערט גרייט צו ענט־פערן אויף אַלע פראַגן וואָס די געריכט־צדדים וועלן אים שטעלן. און ער האָט געענטפערט. דאָס איז נישט געווען קיין באַנאַלע פאָרם פון וועלן פאַרטיידיקן אַ זון. דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער דיספּוט אין געריכט, און אויב מען וויל, עפּעס מער ווי סתם פּאָליטיק. צי ווייס דער עדות, אַז זיין זון געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? ניין, דאָס ווייס

ער נישט, ער ווייס נאָר, אַז זיין זון איז אַ קאָמוניסט. ווי קען מען זיין אַ קאָמוניסט אָן פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט? זיכער קען אַ פרייער מענטש האָבן זיינע אידעען אָן דער פליכט פון אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג. פון וואַנען ווייס דער עדות, אַז זיין זון איז אַ קאָמוניסט? דאָס איז דאָך גאַנץ פּשוט: זיי פלעגן אָפט פירן וועגן דעם דיסקוסיעס אין שטוב. האָט ער אויך סימפּאַטיעס פאַר קאָמוניזם? טעאָדאָר טעפּליץ האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז זיינע איבערצייגונגען זענען גוט באַקאַנט. ער איז אַ סאָציאַליסט, אַ פּוילישער סאָציאַליסט, במילא איז ער נישט קיין קאָמוניסט. ער איז אַן אַנטי־קאָמוניסט. אָבער דער זון? ער איז אַ רייפער מענטש און האָט אַ רעכט צו האָבן זיינע אייגענע אידעען, זיינע אייגענע איבערצייגונגען. ווען איינער פון די ריכטער האָט געוואָלט וויסן, ווי קומט עס וואָס ביי אים, אין אַזאַ פּויליש־סאָציאַליסטישער און פּאַטריאָטישער היים, זאָל דערצויגן ווערן אַ זון, וואָס זאָל אויסוואַקסן אַלס קאָמוניסט און במילא זיין זיינער אַן אידעאישער קעגנער? — האָט אים טעאָדאָר טעפּליץ געענטפערט, אַז בדרך־כלל זענען די קינדער אָפט אַנדערש ווי זיינע עלטערן. אויך זיין פאָטער האָט אים אַליין נישט דערצויגן אַלס סאָציאַליסט און פונדעסטוועגן איז ער עס פון זיין פרישטער יוגנט און טיפסטער איבערצייגונג. ער האָט זיך אַליין דערצויגן צו לעבן לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען און ער האָט נישט געקענט אַנדערש דערציען זיינע קינדער. זיין היים איז אַ פרייע און דעם פרייען גייסט האָט ער אויך געוואָלט איינפלאַנצן ביי זיינע קינדער.

אַזעלכע און ענלעכע פראַגן זענען געפאַלן בעת יענעם פאַרהער אין וואַרשעווער קרייז־געריכט און אַזעלכע און ענלעכע תשובות האָבן זיך געהערט פון דעם סאָציאַליסט טעאָדאָר טעפּליץ אין דעם משפּט קעגן זיין זון, דעם קאָמוניסט.

אין רעזולטאַט פון דעם משפּט איז לעאָן טעפּליץ פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערע תפיסה.

אין יענע יאָרן האָט עקזיסטירט אַן אָפּמאַך צווישן דער פּוילישער רעגירונג און דער סאָוועטישער וועגן קעגנזייטיקן אויסטויש פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. ביידע רעגירונגען האָבן איינע צו דער אַנדערער

געשיקט רשימות פון די פאַרמשפּטע און ביידע האָבן געדאַרפט באַשטי־
מען ווען מען וויל אויסטוישן אויף ווען. דאָס פלעגט געמאַכט ווערן
אויפן אָפיציעלן דיפּלאָמאַטישן וועג. אַזוי אַרום האָט די פּוילישע רע־
גירונג איבערגעגעבן אין רשות פון די סאָוועטן, פירנדיקע פּוילישע קאָ־
מוניסטן און די סאָוועטישע רעגירונג פלעגט אָפּשיקן צו דער פּוילישער
גרענעץ און איבערגעבן אין רשות פון דער פּוילישער מאַכט אָנגעזעע־
נע פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סאָוועטישע תפיסות. דער דאָ־
זיקער משא ומתן פלעגט געפירט ווערן אין משך פון אַ סך יאָרן.

אַ געוויסע צייט נאָכן משפט פון לעאָן טעפּליצן האָט די סאָוועטי־
שע רעגירונג אָנגעבאָטן אַ וויכטיקע פּוילישע פּערזענלעכקייט אַלס אויס־
טויש פאַר דעם יונגן פּוילישן קאָמוניסט. די פּוילישע רעגירונג האָט
מסכים געווען דערצו. אין יעדן פאַל אָבער האָט דער נוגע בדבר אויך
געדאַרפט אויסדריקן זיין הסכמה צום אויסטויש.

האָט מען זיך דערוווּסט, אַז לעאָן טעפּליץ האָט זיך אָפּגעזאָגט אויס־
געטוישט צו ווערן און צו פאָרן קיין רוסלאַנד. ווי מען האָט פאַרזיכערט
אין די פּוילישע יוסטיץ־קרייזן, זאָל לעאָן טעפּליץ האָבן דערקלערט, אַז
ער איז אַ פּוילישער קאָמוניסט און נישט קיין רוסישער און במילא וויל
ער נישט געניסן פון דעם טויש־רעכט. מען האָט אים דעריבער אָפּגע־
שיקט אין אַ תפיסה מיט אַ שווערן רעזשים, ווייל ער האָט זיך געהאַט
אָפּגעזאָגט אויך פון דעם רעכט צו אַפּעלירן קעגן דעם ערשטן אורטייל.

אַ לאַנגע צייט איז דער ענין שוין פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט גע־
וווּסט, אַז דער פאָטער טעאָדאָר טעפּליץ און אַנדערע משפחה־מיטגלי־
דער באַזוכן אים פון צייט צו צייט אין דער תפיסה און די עפנטלעכקייט
האָט זיך שוין דערמיט אויפגעהערט בכלל צו אינטערעסירן.

פּלוצלונג אַ נייע סענסאַציע אין דער פּוילישער פּרעסע. לעאָן טעפּ־
ליץ איז באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה און איז אַוועקגעפאָרן אין
דער שווייץ. נישט אַנטלאָפן, נאָר לעגאַל אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער
תפיסה און לעגאַל אַרויסגעפאָרן פון לאַנד. דאָס איז געשען לויט אַ ספּע־
ציעלן דעקרעט פון דעם דעמאָלסטיקן מלוכה־פּרעזידענט סטאַניסלאַוו
וואָיציעכאָווסקי, וועלכער האָט אויסגענוצט זיינע קאָנסטיטוציאָנעלע

רעכט צו באַגנעדיקן פאַרמשפּטע. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער
מלוכה־פּרעזידענט האָט עס נישט געטאָן אויף זיין אייגענער האַנט, נאָר
האָט געהאַט דערצו די צושטימונג פון דער פּוילישער יוסטיץ־מאַכט. מען
האָט זיך אויך דערוווסט, אַז איידער דער באַגנעדיקונגס־אַקט איז צו־
שטאַנד־געקומען האָט דער פעטער פון לעאָן טעפּליץ, דער איטאַליעני־
שער באַנקיר בעת איינעם פון זיינע באַזוכן אין פּוילן איז אויפגענומען
געוואָרן דורך דעם מלוכה־פּרעזידענט, וועלכן ער האָט גוט געקענט פון די
אַמאָליקע יאָרן, ווען סטאַניסלאַוו וואָיציעכאָווסקי איז נאָך געווען אַ
סאָציאַליסט און האָט אָפּגעריכט גלות אין לאָנדאָן. דער שפּעטערדיקער
רעאַקציאָנערער פּרעזידענט פון פּוילן (פריער איז ער געווען אינערן־מי־
ניסטער) און אין זיינע לאָנדאָנער צייטן אפילו געווען אַ זעצער פון יידי־
שע בראָשורן אין אַ לאָנדאָנער דרוקעריי, פּונקט ווי דאָס איז אויך גע־
ווען דער שפּעטערדיקער פּוילישער דיקטאַטאָר מאַרשאַל יוזעף פּילסודס־
קי. קיין יידיש האָבן זיי טאַקע נישט געקענט, אָבער דעם יידישן זאַץ
האָבן זיי צונויפגעשטעלט לויט די נומערן, וואָס יעדעס קעסטל מיט די
אותיות איז געווען באַצייכנט.

וואָס אַן אמת, האָבן די טעפּליצעס, וועלכע זענען שוין אין יענע
רעוואָלוציאָנערע יאָרן געווען געשמדט, קיין שייכות צו דער רעוואָלו־
ציאָנערער אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך נישט געהאַט. אָבער וואָי־
ציעכאָווסקי איז דאַן געווען פאַרבונדן מיט דער טעפּליץ־משפּחה פון
דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט קעגן צאַראַט און פאַר
דער באַפרייאונג פון פּוילן.

אָבער נישט אַזוי וויט די זכרונות פון יענע רעוואָלוציאָנערע צייטן
האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָלע. אין זיין נייער ראָל אַלס איינער פון די
פירנדיקע מענער פון דער פּוילישער רעאַקציאָנערער מערהייט האָט וואָי־
ציעכאָווסקי בכלל נישט גערן געהאַט, אַז מען האָט אים דערמאָנט זיינע
אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע מעשים. וואָס עס האָט יאָ געשפּילט אַ דעצי־
דירנדיקע ראָלע אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע איז געווען דער פאַקט,
וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט וועגן אַ נייער הלוואה אין
אויסלאַנד, און דער איטאַליענישער פינאַנץ־מאַן טעפּליץ האָט דאָ גע־
קענט אַ סך העלפן, אָדער... גאָר שעדיקן.

מען האָט דערציילט, אַז די באַפרייאונג פון דעם קאָמוניסטישן פּלי־מעניק, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסגעטוישט צו ווערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, זאָל האָבן געווען דער פּרייז פון דעם איטאַליענישן באַנקירס שטיצע פאַר פּוילן.

לעאָן טעפּליץ איז פאַרשוווּנדן פון פּוילן. מיט דער צייט איז אויך זיין פאָטער טעאָדאָר אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דער מלחמה־שטורעם האָט אָפּגעווישט דאָס געדעכעניש נאָך דער דאָזיקער אַמאָל פּאָפּולע־רער און אַקטיווער משפחה, וועמענס עלטער־זיידעס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער יידנטום.

אין די הייליקע טעג פון ערשטן און צווייטן נאָוועמבער, ווען די קריסטלעכע וועלט איז ווייטער עולה־רגל אויף קבר־אבות, ווערן שוין אויף די אַלטע, פאַרוואַקסענע קברים פון ר׳ טעוועלע און חיה טעפּליץ אויפן וואַרשעווער יידישן בית־עלמין מער קיין בלומען נישט געלייגט.

וואוועלבּערג

1

אין דער געשיכטע פונעם פוילישן יידנטום פאַרנעמט בלי שום ספק אַ גאַנץ אייגנאַרטיק אָרט די משפחה וואַווועלבערג.

דאָס ריזיקע פאַרמעגן פון דער דאָזיקער משפחה האָט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע גבירישע משפחות אין פוילן נישט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג; אָבער די אויפטוען פון די וואַווועלבערגס זענען געווען אַזוי אומגעוויינלעך גרויס, אַז זיי פאַרדינען אַריינגענומען צו ווערן אין דעם פּאַנטעאָן פון דער יידישער ווילטעטיקייט, נישט געקוקט אויף אַלע גרויסע חסרונות און שרעקלעכע טעותים, וואָס זענען דורך זיי באַגאַנגען געוואָרן און וואָס האָבן דעם דריטן דור פון דער דאָזיקער משפחה געבראַכט אַזוי פיל בי־טערע אַנטוישונגען. מען דאַרף אָבער זיין גערעכט און צוגעבן, אַז אַפילו די גרויסע חסרונות אין דער פילאַנטראָפיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער משפחה וואַווועלבערג און די טעותים, וואָס זענען דורך זיי באַ־גאַנגען געוואָרן, זענען אין זייער יסוד געווען געשטיצט אויף די בעסטע כוונות צו דינען דעם כלל. זיי זענען געווען אַ פועל־יוצא פון דעם גייסט פון יענער עפּאָכע, פון אַ גייסט וואָס האָט געהערשט און באַהערשט דאָס דאַמאָלסטיקע יידישע לעבן אין פוילן, בפרט אין וואַרשע, ווו די אַסימילאַציע איז אויסגעוואַקסן אין אַ מעכטיקן קעמפערישן פאַקטאָר.

אַ גאַנצע ריי פאַקטאָרן האָבן גורם געווען דערצו, וואָס די משפחה וואַווועלבערג, אין צווייטן דור שוין דורך און דורך אַסימילירט און אַסי־מילאַטאָריש איינגעשטעלט, צייכנט זיך אויס מיט דער ספּעציעלער אייגנאַרטיקייט.

קודם־כל דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז די וואַווועלבערגס, אין אַלע דריי דורות, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פוילן, האָבן זיך קיינמאָל נישט באַמיט משפּיע צו זיין דאָס יידישע לעבן דורך תקיפות. תקיפות —

דאָס איז געווען דער כאַראַקטער־שטריך פון דער וואַרשעווער אַסימילאַ־ציע אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אַפילו אין אָנהייב פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט, ביז צום אויסברוך פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה, ווען די אַסימילאַטאָרן זענען נאָך געווען די פאַקטי־שע בעלי־בתים פון דעם יידישן קהלה־לעבן. אָבער ס׳רוב פירנדיקע און ביז־גאָר רייכע אַסימילאַטאָרישע פירער פון יענער צייט פלעגן אָפטמאָל פרווון אויפצווינגען זייער ווילן און זייער אידעאָלאָגיע אויף דער יידישער פאָלקס־מאַסע אויפן חשבון פון דער מאַסע גופא, אַרויפלייגנדיק אויף זיי ספּעציעלע שטייערן און זייענדיק אַליין די מאָנאָפּאָליסטן פון די דאָזיקע שטייערן. דאָס זענען געווען די גוט־באַקאַנטע טאַקסע־יידן, וואָס האָבן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק בעל־הביתעוועט איבערן יידישן לעבן. דאַ־קעגן, די וואַוועלבערגס האָבן געהאַט זייער אייגנאַרטיקע אַסימילאַציע־איינשטעלונג, וועלכע זיי האָבן רעאַליזירט אויף זייער אייגענעם חשבון, פאַר זייער אייגן געלט.

אַ צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר אין דער וואַוועלבערג־טעטיקייט לטובת הכלל איז באַשטאַנען דערין וואָס זיי האָבן זייער פילאַנטראָפּישע טעטיקייט ניט באַגרענעצט בלויז אויף דער הילף פאַר דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע אָדער אין פּוילן, צי אַפילו אין רוסלאַנד גופא: זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן גורל ב כ ל ל. זיי האָבן זיך דעריבער פאַרבונדן מיטן ווערק פון באַראָן הירש לטובת דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס איז ביי זיי געווען אַ פּועל־יוצא פון דער שטרעבונג צו העלפן פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן און דערמעג־לעכן זיי צו פאָרן קיין אַרגענטינע אַלס קאָלאָניסטן.

און נאָך אַ פאַקטאָר, אפשר דער וויכטיקסטער: אין דער צייט ווען דער צווייטער אָדער העכסטנס דער דריטער דור פון דער אַזוי גערופענער „גרויס־אַסימילאַציע״ האָט שוין קיין שום שייכות נישט געהאַט מיטן יידנטום, בפרט מיטן יידישן לעבן און מיט יידישע פּראָבלעמען, האָבן זיך דווקא אין דער וואַוועלבערג־משפחה געפונען מיטגלידער, וואָס נישט בלויז זיי זענען נישט אַוועק אינגאַנצן פון יידנטום, נאָר אדרבה, זיי זע־נען אַריינגעדרונגען טיפער אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. זייערע יידישע

געפילן, יידישע סענטימענטן, זייער פליכטס־באַוווסטזיין אַלס יידן איז באַפּעסטיקט געוואָרן. מען קען אַפּילו זאָגן, אַז עס איז פונדאַסניי געבוירן געוואָרן. ביי דער גאַנצער פולשטענדיקער קולטור־אַסימילאַציע זייערער זענען זיי געוואָרן אַקטיוו ביים באַהאַנדלען יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אָנטייל גענומען אין קאַמף פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט.

אַזאַ איינער איז טאַקע געווען דער יינגסטער זון פון היפּאָליט וואַווועלבערג, וואַצלאַוו.

איידער איך וועל דערציילן וועגן אים, איז בלי־ספק נייטיק זיך צו באַקענען מיטן יחוס פון דער דאָזיקער משפחה.

דער היסטאָריקער פון וואַרשעווער יידנטום ד״ר יעקב שאַצקי ווידמעט דער דאָזיקער משפחה אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין זיין מאָנומענטאַל ווערק „די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע״*). בכדי צו באַקומען אַ פולשטענדיקן באַגריף און אַן אַלזייטיק בילד וועגן דער ראָל, וואָס די ערשטע צוויי דורות פון דער וואַוועלבערג־משפחה האָבן געשפּילט אין יידישן לעבן פון זייער צייט, וועל איך דאָ איבערחזרן די געשיכטע פון דער דאָזיקער משפחה אַזוי ווי דער סאַמע באַרופנסטער דאָס צו טאָן, ד״ר יעקב שאַצקי, שילדערט עס אין זיין דערמאָנטן ווערק:

„דער גרינדער פון דער דאָזיקער משפחה, צבי הערש וואַוועלבערג (1813—1893), איז געווען אַ בעל־הבתישער ייד אין וואַרשע, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ סך הייזער אין דעם יידישן טייל פון שטאָט. ער האָט געהאַט אַ שניטקראָם און גלייכצייטיק זיך פאַרנומען מיט לייען געלט. די חלפנישע געשעפטן זענען משמעות געגאַנגען זייער גוט, ווייל אין 1846 האָט ער ליקווידירט זיין קראָם און געעפנט אַ באַנק־קאַנטאָר. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז אין אָנהייב געווען באַגרענעצט נאָר צו צדקה. אין די יאָרן 1864—1868 איז ער געווען דער ערן־סעקרעטאַר פון וואַרשעווער מושב־זקנים

*) ד״ר יעקב שאַצקי: געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, באַנד 3, ניו־יאָרק, 1953.

און בית־יתומים. צווישן די מנדבים פאַר דעם נייעם יידישן שפּיטאָל שווימט ער אַרויס מיט אַ גאָר חשובער נדבה. ווען זיין פרוי פייגל איז געשטאָרבן (אין 1866) האָט ער געשאָנקען דער קהילה אַ הויז בתנאי אַז אַ טייל פון דער הכנסה זאָל זיין באַשטימט פאַר דער חברה „הכנסת כלה" אויף איר נאָמען.

צבי הערש וואַוועלבערג האָט זיך געקויפט אַ גוט און איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַן „ערדאַרבעטער". ער האָט שוין פריער אַ סך געאַרבעט לטובת דער אַגראַריזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַן ענין, מיט וועלכן עס האָבן זיך שפּעטער שטאַרק פאַראינטערעסירט זיינע זין און אפילו אייניקלעך. אין זיין צוואה האָט ער צווישן אַנדערע איבערגעלאָזט אויך אַ פאָנד פאַר סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אָן אונטערשייד פון אמונה. די דאָזיקע צוואה פון אַ בעל־הביתישן ייד, אַ שניט־סוחר, האָט אָפּגעשפּיגלט די אידעאָלאָגישע עוואָלוציע פון דעם יידישן מיטלקלאַס אין וואַרשע, וואָס האָט געזוכט אַ זיווג צווישן יידישקייט און וועלטלעכקייט. מיט זיין אַלגעמיינער צדקה האָט ער געוואָלט מאַניפעסטירן זיין צוגעבונדנקייט צום לאַנד, הגם די דאָזיקע שטעלונג איז געווען ווייט פון דער עמאַנציפּאַנטלער פּאָליטיק פון די „דרייאונזעכציקער".

צבי הערש וואַוועלבערגס ברודער, דאָקטער שמואל וואַוועלבערג, האָט זיין גאַנץ יידישקייט אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט לטובת דעם נייעם יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע. וואַוועלבערגס עלטסטער זון, היפּאָליט, איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1843. ער האָט געלערנט אין דער באַרימטער וואַרשעווער רעאַל־גימנאַזיע און איז געווען אַלעקסאַנדער קרויזהאַרס אַ קלאַס־חבר. די דאָזיקע גימנאַזיע איז געווען די ערשטע לאַבאָראַטאָריע פון פּראַקטישער אַסימילאַציע אין וואַרשע, זי האָט אָפּגעווישט די געטאָ־מחיצה, וואָס איז אין וואַרשע געווען גאָר בולט אפילו צווישן די פאַרפּוילישטע יידן און פּאָלאַקן. אַ בן־דור האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער שול, אַז זי האָט בעסער צוגעגרייט אַ

יוגנט „ניט נאָר בנוגע ידיעות, נאָר אויך זיי געלערנט קוקן אויף דער וועלט מיט ערנסטע אויגן".

היפּאָליט וואָוועלבערג האָט טאַקע געקוקט אויף דער וועלט מיט „ערנסטע אויגן". אין 1861 האָט ער פאַרענדיקט די לימודים

היפּאָליט וואָוועלבערג

אין גימנאַזיע. דער פאָטער האָט אים געשיקט לערנען אין דער אַגריקולטור־שול אין מאַרימאָנט און געהאָפט, אז דער בכור וועט מיט דער צייט איבערנעמען צו פאַרוואַלטן זיין גוט. דערווייל האָבן

זיך אָנגערוקט די שטורמישע יאָרן פון דער „מאָראַלישער רעוואָ־לוציע" און שפּעטער — דער אויפשטאַנד פון 1863. ער האָט זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע געשעענישן און איז אַפילו אַ קורצע צייט געווען אין אַן אויפשטאַנד־אָפּטייל, פון וועלכן דער טאַטע האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט און תיכף אַוועקגעשיקט קיין בער־לין שטודירן. נאָכן אויפשטאַנד איז ער געקומען צוריק קיין וואַר־שע, אָנגעהויבן אַרבעטן אין טאַטנס באַנק־געשעפט און חתונה גע־האַט מיט לודוויקאַ בערזאָן (1852—1927), די טאָכטער פון דעם צוקער־מאַגנאַט מאיר בערזאָן. נאָך דער חתונה האָט דער פאָטער אים געשיקט קיין פּעטערבורג אָנצופירן אַ פיליע פון זיין באַנק. גראָד די יידישע סביבה אין פּעטערבורג האָט גורם געווען, אַז פון דעם שטאַרק אַסימילירטן יונגנמאַן זאָל ווערן אַ הייסער ייד, וואָס האָט אין פרט פון יידישער צדקה ווייט אַריבערגעשטיגן זיין טאַטן. ער איז אין פּעטערבורג געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַזעלכע יידן וואָס ער האָט אין וואַרשע בכלל נישט געזען. אים האָבן שטאַרק אימפּאָנירט די געבילדעטע און רייכע מיטגלידער פון אַרום דער פּעטערבורגער סינאַגאָגע, וואָס איז געווען די קהילה גופא, און זייער וואַרעמער אינטערעס פאַר יידישע ענינים. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם ענגן קאָמיטעט פון באַראָן גינצבורג וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן רדיפות און גזירות אויף יידן און געזוכט וועגן ווי אַזוי דורך שתדלנות מילדער צו מאַכן דעם יידישן גורל אין צאַרישן רוסלאַנד.

ער איז געוואָרן טעטיק אין דער „חברה מפיצי השכלה", הגם אין דער זעלבער צייט האָט ער, צוליב פּאָליטישע טעמים, נישט געוואָלט האָבן אין פּוילן קיין אָפּטיילונגען פון דער דאָזיקער חברה. אין 1885 געפינט מען זיין נאָמען צווישן די סאַמע חשוב־סטע מנדבים פון דער חברה „מקיצי נרדמים", הגם ער האָט דעם לשון פון די ספרים וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען. מען געפינט זיין נאָמען אויך צווישן די הויפּט־מנדבים פאַר די פּאָגראָם־געליטענע פון 1881—1882. בקיצור, עס

איז שווער צו געפינען אַ יידישן ענין פון קולטור אָדער צדקה־כאַ־ראַקטער ווו היפּאָליט וואָוועלבערגס נאָמען זאָל נישט פיגורירן.

בּאַראָן הירשס געדאַנק צו באַזעצן יידן אין לאַטיין־אַמעריקע (1891) האָט אָנגעצונדן וואָוועלבערגס פאַנטאַזיע. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע־געזעלשאַפט (ייק״א) און האָט מנדב געווען אַ גרויסע סומע געלט פאַר אַ קאָלאָניע פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, וואָס טראָגט עד־היום זיין נאָמען, הגם קיין פּוילישע יידן האָבן זיך דאָרט נישט באַזעצט.

אויף די ברעגן פון דער ניעווע איז היפּאָליט וואָוועלבערג גע־וואָרן מער ייד ווי ער וואָלט דאָס אפשר געווען אויף די ברעגן פון דער ווייסל. ער איז דאָרט אָבער אויך נישט געוואָרן וויניקער פּאָליאַק. ער איז זיך מתעסק געווען מיט אַ סך פּוילישע ענינים. פּאָליטיש אָריענטירט אויף דעם קרייז וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט (די „אוגאָדאָווצעס“ — פשרהניקעס), האָט וואָוועלבערג געאַרבעט אין דער דאָזיקער ריכ־טונג. אין פּעטערבורג איז דעמאָלט געווען אַ גאַר גרויסע פּוילישע קאָלאָניע, וואָס איז דאָרטן, ווייט פון לאַנד, געווען מער יידנ־פריינדלעך, און מיט וועלכער וואָוועלבערג האָט טאַקע לאָענט מיטגעאַרבעט. דאָרטן האָט ער געגרינדעט דאָס וואָכנבלאַט Kraj וואָס איז געווען איינס פון די בעסטע פּוילישע וואָכנבלעטער און וואָס האָט געפּריידיקט אַ פּויליש־רוסישע התקרבות. די דאָזי־קע צייטשריפט האָט לגבי יידן פאַרנומען אַ ליבעראַלע שטעלונג און האָט שטאַרק באַקעמפט אַנטיסעמיטיזם. אין דער זעלבער צייט האָט וואָוועלבערג סובסידירט אין וואַרשע אַ טאָגצייטונג, Kurjer Polski, מיט אַן ענלעכער פּאָליטישער איינשטעלונג. ער איז געווען דער איינציקער ייד וואָס איז געווען אין דעם פּוילישן פּופּצענער קאָמיטעט אין פּעטערבורג, וואָס האָט געפירט געהיימע געזעלשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע־טעטיקייט וועגן פּוילישע ענינים. כדי צו פאַרשפּרייטן די ווערק פון די בעסטע פּוילישע שרייבערס,

האָט ער ביי אַ סך פון זיי אָפּגעקויפט די פולע רעכט אַרויסצוגעבן זייערע ביכער צו ביליקע פּרייזן און דערביי האָט ער זיי געצאָלט גאָר גרויסע האָנאָראַרן. אַזוי אַרום זענען אַרויס די ווערק פון שענ־קעוויטש, אָזשעשקאָ, פּרוס און קאָנאָפּניצקאָ — אַלע זיינע באַ־ליבטע שרייבער. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פאָלקס־אויסגאַבע פון מיצקעוויטשעס ווערק. אויף צו שטעלן מיצקעוויטשן אַ דענק־מאָל אין וואַרשע האָט וואַוועלבערג געגעבן די גרעסטע סומע וואָס אַ יחיד האָט בכלל מנדב געווען. ער איז געווען אַ מאמין, אַז פּוי־ליש־יידישע אחדות קאָן דערגרייכט ווערן דורך קולטור־אַרבעט אין דער שפּראַך פון לאַנד און לטובת אַלע תושבים זיינע. אין דעם פּרט איז ער געווען אַן עפּיגאָן פון די „דרייאונזעכציקער", הגם דער פאַרנעם פון זיין טעטיקייט איז געווען אַן אַן ערך ברייטער און הומאַנער. די פּוילישע און יידישע אַרבעט האָט ער געטאָן אין דער זעלבער מאָס און מיטן זעלבן פאַרנעם, הגם אין לעצטן סך־הכל איז דווקא דער יידישער סעקטאָר שטאַרק געקריוודעט גע־וואָרן.

אין ווילנע האָט וואַוועלבערג אויפגעבויט כשרע קיכן פאַר דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג, ווייל קיין קולטור־אַרבעט אויף פּויליש האָט ער, צוליב פּאָליטישע טעמים, דאָרטן נישט גע־קענט פירן. אין וואַרשע האָט ער געשטיצט די שולן פאַר יידישע בעלי־מלאכות ביי דער גמינע, ווייל אין דעם האָט ער געזען אַ קולטור־שליחות. בהסכם מיטן לעצטן ווילן פון זיין פאָטער האָט ער געעפנט אין טשענסטאָכאָוו אַ יידישע אַגראַר־שול.

אַלץ וואָס וואַוועלבערג האָט געטאָן איז געווען אין נאָמען פון אַלגעמיינע הומאַניטאַרע פּרינציפּן וואָס ווייסן נישט פון קיין אמונות. זיין פּוילישע קולטור־אַרבעט איז געווען פאַר אַלע תוש־בים פון לאַנד. זיין פילאַנטראָפּישע טעטיקייט איז אויך געווען דורכגעזאַפּט מיט אָט דעם צוגאַנג. דער דאָזיקער פּוילישער פּי־לאַנטראָפּישער ליבעראַליזם האָט אין לעצטן סך־הכל פאַרביטערט זיין יידיש לעבן, אָבער קיין אַנדער ברירה האָט ער נישט געהאַט.

די געשיכטע מיט די וואַרשעווער ביליקע דירות האָט דאָס באַוויזן. אין 1900 האָט וואַוועלבערג מנדב געווען 600.000 רובל כּדי אויסצובויען ביליקע דירות פאַר אַרבעטער. די כוונה פון דער דאָזיקער גרעסטער אינדיווידועלער פונדאַציע אין דער געשיכטע פון וואַרשע איז געווען, אַז יידן און פּאָליאַקן זאָלן וווינען צוזאַמען, אונטער איין דאַך. ער האָט זיך אַפילו באַוואָרנט, אַז יידן זאָלן נישט וווינען באַזונדער אין די הייזער, נאָר „אין דירעקטער שכנות מיט די פּויליש־קריסטלעכע איינוווינערס". אין דעם דאָזיקן פּרט האָט געשטעקט דער ליבעראַלער גדאַנק, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג פאַר אַ פּויליש־יידישן צוזאַמענלעבן. דער סוף איז געווען, אַז נאָר אַ קליינע צאָל יידן האָבן זיך געקענט אַריינציען אין די דאָזיקע ביליקע הייזער וואָס ער האָט אויפגעבויט. די קריסטלעכע איינוווינערס האָבן נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן דאָרט האָבן אַ שול. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס דער פּראָיעקט פון אַ פּויליש־יידישן צענטער איז דורכגעפאַלן. דער גדאַנק צו בויען צוויי באַזונדערע גרופּעס הייזער פאַר יידן און פּאָליאַקן האָט ביי וואַוועלבערגן אויסגעקוקט ווי אַ סעפּאַראַטיזם און האָט נישט געשטימט מיט זיין פילאָסאָפיע פון אַ פּויליש־יידישן צוזאַמענלעבן. אַזוי אַרום איז געגאַנגען לאיבוד איינע פון די גראַנדיעזסטע אונטערנעמונגען פון דעם דאָזיקן אין תוך שטאַרק יידישן בעל־צדקה.

דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט די טעכנישע הויכשול וואָס וואַוועלבערג האָט געגרינדעט בשותפות מיט זיין געשמדטן שוואָגער סטאַניסלאַוו ראָטוואַנד (1855—1916). שפּעטער האָט מען געמוזט קעמפן, אַז מען זאָל אין דעם דאָזיקן לערן־אַנשטאַלט וואָס איז געווען אויפגעבויט פאַר יידישע געלטער נישט באַגרענעצן די צאָל יידישע סטודענטן. ווען די פּוילישע מלוכה האָט שפּעטער איבערגענומען די דאָזיקע שול, האָבן וואַוועלבערגס קינדער אַריינגעשריבן אין דעם אָפּמאַך, אַז יידן דאַרפן אויפגענומען ווערן אָן שוועריקייטן. דער דאָזיקער פּונקט איז אָבער געבליבן אויפן פּאַפּיר.

בעת מען איז צוגעטראָטן זאַמלען פאָנדן פאַר אַ נייעם בנין פון יידישן שפּיטאָל, איז די משפּחה וואוועלבערג געווען שטאַרק טעטיק אין דעם בוי־קאָמיטעט. היפּאָליט וואַוועלבערג האָט חוץ זיינער און זיין משפּחהס ביישטייערונג אויך אַרויסבאַקומען פון קלאַראַ הירש, די אַלמנה פון באַראָן מאָריס הירש, אַ סומע פון 100.000 רובל לטובת דעם שפּיטאָל.

אוודאי איז וואַוועלבערג געווען אַ שטאַרקער מאמין אין אַסי־מילאַציע, הגם אין זיין קאָנצעפּציע פון אַסימילאַציע זענען געווען מאָמענטן, וואָס אַנדערע אַסימילאַטאָרן האָבן באַטראַכט פאַר צו־פיל יידיש. אַ רעדאַקטאָר פון אַ פּוילישער טאָגצייטונג דערציילט אין זיינע זכרונות אַז בעת ער האָט זיך גענייטיקט אין געלט כדי צו ראַטעווען זיין בלאַט פון אונטערגאַנג, האָט ער באַשלאָסן צו בעטן אַ הלוואה ביי זיין שול־חבר היפּאָליט וואַוועלבערג. אָבער ווי איבעראַשט איז ער געווען, ווען דער שול־חבר האָט אים אָפּגע־זאָגט, טענהנדיק, אַז ער וויל נישט העלפן קיין בלאַט וואָס שרייבט קעגן יידן.

ווי אַ קולטור־מעצענאַט האָט פּוילן נישט געהאַט זיינס גלייכן. דאָס האָבן צוגעגעבן פּוילישע פאַרלעגערס וואָס זענען געוואָרן זיינע קעגנערס ווייל זיי האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט די הויכע האָנאָראַרן וואָס וואַוועלבערג האָט געצאָלט. ווען ער איז געשטאָרבן (1901), האָט אָזשעשקאָ געשריבן, אַז ער איז געווען אַ זעלטענער כאַראַקטער־טיפּ פון אַ מענטש, וואָס איז שוין מער נישט בנמצא.

פאַרן טויט האָט היפּאָליט וואַוועלבערג געגרינדעט אַ פונ־דאַציע צו שטיצן אַרבעטן אויף דעם פעלד פון יידישער געשיכטע אין פּוילן. דער געדאַנק גופא איז געקומען פון דעם היסטאָריקער שמעון אשכנזי (1867—1935). וואַוועלבערג האָט איבערגעלאָזט פאַר דעם צוועק אַ גרעסערע סומע געלט. ביזן יאָר 1914 האָבן פינף היסטאָריקערס באַקומען די וואַוועלבערג־פּרעמיע.

היפּאָליט וואַוועלבערג, דער וואַרשעווער ייד, וואָס האָט דאָס

גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין אַ סביבה וואָס איז אים געווען גייס־טיק פרעמד, ד"ה אין פעטערבורג, איז געוואָרן דער פאַרטרויאונגס־מענטש פון פאַריזער באַראָן הירש און אַ בעל־צדקה פון אַ קאָלאָ־סאַלן פאַרנעם. אין זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט האָט גע־שטעקט אַ פּראָגראַמאַטישער צוגאַנג. אַ קולטור־פּאָזיטיוויסט, האָט וואָוועלבערג געגלויבט, אַז כדי צו פאַרבעסערן די פּויליש־יידישע באַציאונגען מוז מען שאַפן אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווו יידן און פּאָליאַקן זאָלן זיך צוזאַמענלעבן. דאָס איז געווען די כוונה פון די ביליקע דירות, וואָס זענען פאַר זיין אידעאָלאָגישן ציל געווען אַ דורכפאַל. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער טעכנישער הויכשול, מיט די גרויסע נדבות צו פאַרשפּרייטן דאָס פּוילישע בוך. מען האָט עס אין פּוילן נישט אָפּגעשאַצט און שנעל פאַרגעסן. זיינע לעצטע יאָרן זענען געווען ממש פאַרסמט פון דער דאָזיקער באַ־ציאונג צו אים און צו יידן.

וואָוועלבערג האָט געוויגן און געמאָסטן זיינע ביישטייערונ־גען און געקוקט אויף זיי ווי אויף פּאָליטישע אַקטן. ער האָט גע־וואָלט באַלאַנסירן זיין פּוילישקייט און יידישקייט. בעת ער האָט געגעבן אַ גרעסערע סומע פאַר יידישע גמילות־חסדים־קאַסעס, פאַר יידישע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אים גראָד זייער שטאַרק אינטערעסירט, האָט ער תמיד געזען צו געבן אַ פּוי־לישער אינסטיטוציע אויב נישט מער, איז לכל־הפּחות נישט וויי־ניקער.

נאָך וואָוועלבערגס טויט האָט פּרץ אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן אים און געפרעגט: וויפל יידן וווינען דאָס אין די ביליקע הייזער וואָס ער האָט אויסגעבויט? ווי גרויס איז דער פּראָצענט יידישע תלמידים אין די שולן וואָס ער האָט געשאַפן?

דערמאָנענדיק זיינע גרויסע אויפטוען לטובת דער פּוילישער ליטעראַטור, האָט פּרץ שוין געמעגט פרעגן, הלמאי האָט ער, אַ יידישער מענטש אין תּוך, כמעט ווי נישט געזאָרגט פאַרן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור?

נישט געקוקט אויף דעם וואָס די דאָזיקע טענות זענען גע־
ווען גערעכטע, האָט די יידישע פּרעסע אים ריכטיק אָפּגעשאַצט,
בעת זי האָט געשריבן, אַז „כמוהו לא קם נדיב בין אדירי פולין
ושריה".

פּרץ האָט אין זיינעם אַ פעליעטאָן „די לוויה" *) באַשריבן צוויי
גרויסע לוויות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
ווען עס זענען געקומען צו קבורה צוויי חשובע וואַרשעווער יידן: דאָנער־
שטיק — דער וואַרשעווער מורה־הוראה ר' זיינוועלע קלעפּפיש און צו־
מאָרגנס היפּאָליט וואַוועלבערג. אין זיין פעליעטאָן שילדערט פּרץ די
רעאַקציע פון די מתים, וואָס ווערן געשטערט אין זייער רו צוליב דעם
גערודער, וואָס די לוויות פון אַזעלכע חשובע יידן רופן אַרויס.

אָט וואָס פּרץ האָט געשריבן אין יאָר 1901, עטלעכע טעג נאָך וואַ־
וועלבערגס טויט:

„פּרייטיק האָבן די מתים כמעט גאָרנישט געהערט.
עס איז צו קבורה געקומען אַ יידישער גביר, אַ באַרימטער
בעל־צדקה — וואַוועלבערג;
נאָר די הספּדים זענען געזאָגט געוואָרן אויף פּויליש, און אַ
ייד, אַז מען לייגט אים ווי עס דאַרף צו זיין אין דער ערד אריין,
הערט ער אויף פּויליש צו רעדן און צו פאַרשטיין!

האָבן זיך די מתים, נעבעך, פאַרטראַכט און אַזוי געטראַכט:
— דער מענטש איז אַ גרויסער, נאָר אַן אומגליקלעכער מענטש
געווען; ער האָט אַ סך געזייעט, נאָר וויפל וועט אויפגיין און וויפל
וועט אוועקטראָגן דער ווינט?!
דער מענטש האָט געהאַט גאָלד, נאָר גאָלדענער ווי גאָלד איז
געווען זיין האַרץ און האַרטער ווי שטיין זיין מזל:
שלום האָט ער געוואָלט, און איז אין סאַמע רעכטער מלחמה

---

*) י. ל. פּרץ: אַלע ווערק. באַנד 9, געדאַנקען און אידייען. ניו־יאָרק, 1947.

געשטאָרבן! און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אָן האָפענונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין שטילשטאַנד, אויב שוין נישט קיין שלום!

און ווייטער קלערן די מתים:

— וויפל יידן ווינען אין וואַוועלבערגס ביליקע הייזער?

— וויפל פּראָצענט יידישע קינדער וועלן לערנען אין זיינע שולן?

— וויפל יידן, און וויפל ניט־יידן, פרעמדע און היימישע, גייען נאָך זיין מיטה?

— וויפל פון זיינע מיליאָנען וועלן בלייבן אויף ד ע ר זייט און וויפל וועלן אַריבער אויף י ע נ ע ר זייט?"

היפּאָליט וואַוועלבערגס הילף פאַר די יידישע משפחות, וואָס האָבן געוואָלט אויסוואַנדערן אַלס קאָלאָניסטן קיין אַרגענטינע, פאַרדינט אַ ספּעציעלע דערמאָנונג.

אין זיינע זכרונות וועגן דער מאָזעסווילער קאָלאָניזאַציע דערציילט נח קאַצאָוויטש *), וועלכער איז אין יאָר 1899 געפאָרן קיין רוסלאַנד אויסקלייבן 50 יידישע משפחות פאַר דער נייער אַרגענטינער קאָלאָניע, וועגן די שוועריקייטן וואָס זענען געוועןביים שאַפן געלט אויף רייזע־הוצאות פאַר די משפחות, באַשטעטיקטע צום אויסוואַנדערן:

„קרוב אַ יאָר צייט איז די סיטואַציע געווען אומבאַשטימט און אַלע קאָמבינאַציעס, וואָס דער דעלעגאַט האָט געפּרוווט מאַכן, זענען געווען פּרוכטלאָז. סוף כל סוף האָט זיך געפונען אַן אָפענע טיר פאַר אַ הלוואה, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון ה' פיינבערג.

דער פּעטערבורגער און וואַרשעווער גביר וואַוועלבערג האָט מסכים געווען אַרויסצוגעבן דעם נייטיקן קרעדיט פאַר הוצאת הדרך, מיטן באַדינג אַז די גרופּע זאָל פון איר זייט צושטעלן דעם

*) נח קאַצאָוויטש: מאָזעסווילער בראשית (זכרונות), יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, בוענאָס־איירעס, 1947.

באַטרעף פון צען טויזנט רובל און יעדער קאָלאָניסט זאָל אונטער־שרייבן אויף זיין באַטרעפנדיקן חוב אַ וועקסל מיט אַ התחיבות צו צאָלן 5 פּראָצענט פאַרן חוב. פאַרשטייט זיך, אַז אונטערשרייבן דעם וועקסל האָט מען ביי די קאָלאָניסטן גלייך געפּועלט, אָבער מיט מזומנים איז געווען אַ שווערער ענין".

מען איז אָבער בייגעקומען די אַלע שוועריקייטן און די גרופּע האָט זיך איינגעשיפט אין ליבאַווע אויפן וועג קיין בוענאָס איירעס. דעם 15טן יולי 1900 איז די גרופּע מיט אַ ספּעציעלער באַן אָנגעקומען קיין מאָזעסוויל. זיי האָבן פאַרגרעסערט דעם מאָזעסווילער ישוב, ווערנדיק קאָלאָניזירט אין סאַנטא עלענא, וואָס האָט שפּעטער באַקו־מען דעם נאָמען „וואַוועלבערג" — צום זכר פון דעם פילאַנטראָפּ אַ דאַנק וועמענס הלוואה די גאַנצע נסיעה האָט געקענט צושטאַנד קומען.

אין זיין אינטערעסאַנטער אַרבעט „אויף די שפּורן פון יידישער וואַנדערונג אין 1902־1899 *) גיט אָן פנחס ביזבערג די פאַמיליען־נעמען פון די 45 קאָלאָניסטישע משפחות, וואָס האָבן גענאָסן פון וואַ־וועלבערגס הלוואה אויף אַן אַלגעמיינער סומע פון 34,352,25 פראַנק, וואָס האָט לויטן דעמאָלסטיקן קורס פון פראַנק באַטראָפן די סומע פון 12,710 רובל מיט 37 קאָפּיקעס. ווי ביזבערג גיט ווייטער אָן, האָבן די עמי־גראַנטן, קומענדיק קיין ליבאַווע, — דעם פּאָרט, פון וואַנען זיי זענען אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע, — געמוזט אונטערשרייבן אין דייטש פאָל־גנדיקן דאָקומענט:

„איך אונטן אונטערגעשריבענער אָנערקען צו האָבן דער־האַלטן פון הער ה. וואַוועלבערג די סומע פון . . .אַלס אַ הלוואה און פאַרפּליכט מיך די דאָזיקע סומע מיט 5 פּראָצענט יערלעך צו־ריקצאָלן ביי דער ערשטער אויפפאָדערונג פון אים אָדער אויף זיין אָרדער. ליבאַווע, דעם 18טן מאַי 1900".

---

*) אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן נומער 2. בוענאָס־איירעס, דעצעמבער 1942 (ז' 20).



דער פּלאַן פון דער מאָזעסווילער קאָלאָניע אין אַרגענטינע, וווּ מען זעט די גרופּע וואָס טראָגט דעם נאָמען „וואַוועלבערג".

דערביישפּיל פון וואָוועלבערגן איז געווען אַ גוטער. ווען נח קאַ־צאָוויטש איז אין יאָר 1901 צום צווייטן באַל געקומען קיין רוסלאַנד אויסצוקלייבן א נייע גרופּע קאַנדידאַטן צו קאָלאָניזירן אין אַרגענטינע, האָט ער שוין נישט געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז מען וועט געפינען אויף רייזע־הוצאות. ער שרייבט אין זיינע זכרונות (זייט 212), אַז דער וועג פאַר זיין נייער שליחות איז געווען פאַר אים מער אָדער ווייניקער אויסגעטראָטן. וואָס שייך רייזע־קאָסטן פאַר דער נייער גרופּע, האָט עס פּאַסירט ווי מיט דער ערשטער. דאָסמאָל האָט געמאַכט די הלוואה דער באַראָן גינזבורג.

אמת, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין קלאַנגען, אַז דאָס געלט האָט גאָרנישט געגעבן וואָוועלבערג, נאָר די ייק״א האָט אים אונטערגע־שטעלט דערצו. דאָס באַווייזט אַ בריוו, וואָס דער מיטגליד פון פּעטער־בורגער ייקא־קאָמיטעט ד״ר לעאָן קאַצענעלסאָן האָט געשריבן צוו. אנד. צו נח קאַצאָוויטשן דעם 8טן מערץ 1903: *)

„...ווען ס'האָט פאַר דער גראָדנער גרופּע אייערער, פונעם ערשטן יאָר, געהאט אויסגעפעלט צען טויזנט רובל אויף די הוצאות־הדרך, האָט אייך די ייק״א דאָס געלט נישט געוואָלט געבן און נאָר מיט גרויס שוועריקייט האָט זי דערנאָך געגעבן דאָס געלט דורך וואָוועלבערגן, וועלכער האָט איר געדינט אַלס אַ שלייער. אויב איר ווייסט עס נישט, בין איך אייך דאָ מגלה אַ סוד פון חדר — זאָגט עס אָבער נישט אויס פאַר קיינעם, אויך נישט אפילו פאַר פיינבערגן!“...

און ד״ר קאַצענעלסאָן ענדיקט זיין בריוו:

„...און כ'בעט אייך, אַז אויך איר זאָלט פאַר קיינעם נישט מגלה־זיין, וואָס כ'האָב אייך געשריבן וועגן וואָוועלבערגן. פיינ־

*) אַרגענטינער ייווא־שריפטן, נומער 3, בוענאָס־איירעס, 1945, (זייטן 184 און 186).

בערג האָט מיך געהאַט געבעטן, איך זאָל אייך וועגן דעם נישט שרייבן״...

עס איז נישט מיין אויפגאַבע איצט צו אַנאַליזירן די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן דעם ד״ר קאַצענעלסאָן צו אַנטפּלעקן דעם דערמאָנטן „סוד״ מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. אַ פאַקט איז אָבער, אַז פייגבערגס באַציִאונג צו וואַוועלבערגן איז געווען זייער אַ וואַרעמע, וואָס עס באַווייזט גאַנץ בולט דער בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו נח קאַצאָוויטשן דעם 8טן (21טן) אָקטאָבער 1901 פון בריסל:

„זייער חשובער הער קאַצאָוויטש:
אייער בריוו פון 3טן ד. ח. האָב איך באַקומען און פאַר אַלעם דאַרף איך אייך זאָגן, אַז איך האָב נאָר־וואָס באַקומען אַ זייער טרויעריקע טעלעגראַמע. מיין פריינד וואַוועלבערג איז דעם דריטן טאָג, שבת, געשטאָרבן אין וויסבאַדען. דאָנערשטיק וועט מען זיין קערפּער ברענגען קיין וואַרשע און דאָרט וועט ער קומען צו קבורה. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שרעקלעכער קלאַפּ. אַזאַ פריינד און אַזאַ מענטש איז ביי אונז נישט געבליבן. יאָ, דאָס איז אַ גרויס, אַ שרעקלעך אומגליק. ווען איך וואָלט איצט געווען אין פּאַריז, ווו איך האָב געלאָזן מיין באַגאַזש און מיין פּאַס, וואָלט איך געלאָפן קיין וואַרשע צו דער לוויה. איצט קען איך נישט פאָרן אָן דעם פּאַס, און פאָרן קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין וואַרשע וועל איך שוין נישט באַוויזן״...

זיכער זענען פרצעס טענות געווען גאַנץ באַגרינדעט. זיכער, אַז זיינע איראָנישע באַמערקונגען האָבן געהאַט אַ גרונט. יידן האָבן אָפּט־מאָל פאַרטאַכלעוועט גרויסע פאַרמעגנס אין נאָמען פון סאָלידאַריטעט און ברידערלעכקייט מיט אַנדערע פעלקער און די אינטערעסן פון דער אייגענער פאָלקס־מאַסע האָט מען אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. מען האָט די אייגענע פאָלקס־נויט נישט געזען אָדער נישט געוואָלט זען. מיט דער אייגענער קולטור, מיט די נאַציאָנאַלע יידישע אינטערעסן האָט מען


12 Октября

LE GRAND HOTEL
BRUXELLES

Bruxelles le 7/x 1901

11 Октября

Многоуважаемый
Господин Кацовичъ.

Ваше письмо от 3го сего месяца я получил и прежде всего должен Вам сказать, что я только что получил ваше телеграмму. Мой друг Вавельберг третьего дня в субботу умер в Висбадене, в четверг только его привезут в Варшаву и там его похоронят. Это такой для меня страшный удар, такого друга и человека не бывало у меня. Да, это большое страшное несчастье. Будучи в Париже, где я оставил мой ... и паспорт, я бы поехал в Варшаву на похороны. Теперь же без паспорта не могу, а ехать в Париж и оттуда в Варшаву — не успею.
Касательно дела Каспера и ... я напишу справки в Париже.
Скоро приеду в Россию и тогда поговорим обо всем лично подробно.
Крепко жму руку.
Преданный Вам Д. Фейнберг

פאַקסימיל פון דוד פײנבערגס בריװ צו נח קאַצאָװיטש, מיט דער מעלדונג
װעגן היפּאָליט װאַװעלבערגס טויט.

זיך נישט געוואָלט אינטערעסירן. דאָס איז דאַן געווען דער טראַגישער וועג פון דער אַסימילאַציע, דאָס איז אויך דער טראַגישער וועג זייערער עד־היום. אויך וואַוועלבערג האָט פאַר פרעמדע גויטן און פרעמדער קולטור געגעבן ריזיקע געלטער און דאָס אַלץ אין נאָמען פון כלומרשטן קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, אין נאָמען פון כלומרשטער פויליש־יידישער פאַרברידערונג, וואָס ער — פונקט ווי פיל אַנדערע רייכע אַסימילאַטאָרן — האָבן אויף אַזאַ אופן געהאָפט צו דערגרייכן. אַ סך פון זייערע פונדאַציעס אַנטהאַלטן די באַוואָרעניש, אַז פון די פאָנדן געניסן אַלע, אָן אונטערשיד פון רעליגיע, אָבער אין דער אמתן האָבן יידן זעלטן ווען געקענט דערפון געניסן אין פולער מאָס, ווי דאָס איז געווען די כוונה פון די פונדאַטאָרן און נישט זעלטן האָט עס געטראָפן — און עס טרעפט נאָך עד־היום — אז די דאָזיקע פונדאַציעס זענען גאָר אויסגענוצט געוואָרן צום קאַמף קעגן יידן.

ווען מען פאַרגלייכט אָבער פרצעס אַלגעמיינע טענות צו וואַוועלבערגן מיט די קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס נח קאַצאָוויטש גיט אָן וועגן וואַוועלבערגס הילף פאַר יידישע קאָלאָניסטן און מיט דעם צער וואָס פיינבערג דריקט אויס אין זיין בריוו וועגן וואַוועלבערגס טויט, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז ער האָט זיך פאָרט אונטערשיידט פון כלל אסימילאַטאָרן אין זיין הילפס־ווערק פאַר די נויטליידנדיקע יידישע פאָלקסמאַסן.

עס איז מיר אוממעגלעך געווען פעסטצושטעלן צי די ארגענטינער יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן צוריקגעצאָלט די הלוואה, וואָס היפּאָליט וואַוועלבערג האָט געגעבן, בכדי צו דערמעגלעכן זייער אויסוואַנדערונג קיין ארגענטינע. מען קען זיך משער זיין, אַז אויב די ייק״א האָט דאָס געלט נישט אַריינגערעכנט אין דעם אַלגעמיינעם קאָלאָניסטישן חוב, האָבן די קאָלאָניסטן עס קיינמאָל נישט צוריקגעצאָלט. איבעריקנס איז עס איצט שוין נישט אַזוי וויכטיק. עס איז דאָך שוין בלויז געשיכטע. עס איז אָבער אינטערעסאַנט פאָלגנדיקער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד, וואָס איך וויל דאָ דערציילן:

אין יאָר 1942, באַזוכנדיק מאָזעסוויל, האָב איך זיך געווענדעט צו

די פירנדיקע קאָלאָניסטן פון דער גרופּע וואַוועלבערג און פון דער אָרטי־קער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס טראָגט אויך עד־היום דעם נאָמען „וואַוועל־בערג", אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ קליינע הילפס־אַקציע פאַרן זון פון זייער וווילטעטער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק — וואַצלאַוו וואַ־וועלבערג, וועלכער האָט דאַן אָפּגעריכט אַ ביטערן גלות אין ראַטן־פאַרבאַנד. די קאָלאָניסטן פון „וואַוועלבערג" זענען גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן און זאָגן קיינמאָל נישט אָפּ זייער הילף פאַר יעדער יידישער זאַך, וואָס מען קומט ביי זיי בעטן. איך בין געווען זיכער, אַז אויך דאָס מאָל וועט מיין ווענדונג זיך נישט טרעפן מיט קיין אָפּזאָג, בפרט נאָך אַז וועגן דעם גורל פון דער משפחה וואַוועלבערג, וואָס האָט זיך דאַן געגוויטיקט אין אַ וועלכער עס איז מינימאַלער הילף פון קליידער און שפּייז, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג" *) צוויי אויספירלעכע אַרטיקלען. צו מיין גרעסטער שטוינונג האָב איך אויף מיין באַשיידענער ווענדונג באַקומען אַ גאַנץ נישט־דערוואַרטע תשובה טאַקע פון די מענטשן, וועמענס עלטערן עס האָבן דירעקט גענאָסן פון וואַוועל־בערגס הילף און זענען אַ דאַנק אים געקומען קיין אַרגענטינע:

— וואַוועלבערג? וואָס פאַר אַ טובה האָט ער אונדז געטאָן?... אונ־זערע עלטערן האָבן דאָך געמוזט אונטערשרייבן וועקסלען... ער האָט דאָך געבאָרגט געלט אויף פּראָצענטער...

*) „דער גורל פון דער פאַמיליע וואַוועלבערג" פון מארק טורקאוו. „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 4טער און 11טער אָקטאָבער 1942.

2

געווען איז עס אַזוי:

אין דעם שרעקלעכן און בלוטיקן יאָר 1942 פלעגן די יידישע צייטונגען אין דער פרייער וועלט, בפרט אין די אַמעריקאַנער לענדער, סיסטעמאַטיש פאַרעפנטלעכן רשימות פון יחידים און משפחות, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די נאַצי־אָקופּירטע געביטן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, בכדי צו פאַרבינדן די דאָזיקע פּליטים מיט זייערע קרובים און באַקאַנטע אין די אַמעריקאַנער לענדער. עס האָבן אין די דאָזיקע רשימות זעלטן פיגורירט גאַנצע משפחות. ס׳רוב זענען דאָס געווען טיילן פון משפחות, איינצלנע גלידער, מענער אַליין, פרויען אַליין, זייער אַ סך קינדער אַליין, וואָס זענען בעת די טראַגישע וואַנדערונגען צעטיילט און אָפּגעריסן געוואָרן פון די אַנדערע משפחה־מיטגלידער.

מען האָט דאָרט געטראָפן מענטשן נאָענטע און ווייטע, מענטשן, מיט וועלכע מען האָט אַ לעבן לאַנג צוזאַמען געלעבט און געאַרבעט, דורכגעמאַכט מיט זיי צוזאַמען גוטע און שלעכטע צייטן און מען האָט געטראָפן מענטשן, וועלכע מען האָט געקענט פון זייער נאָמען, פון זייער טעטיקייט און פון זייערע אויפטוען פאַרן כלל.

געווען אין די רשימות נעמען, וואָס פאַר דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט האָבן זיי אפשר קיין גרויסע באַדייטונג נישט געהאַט, ווייל זייער טעטיקייט האָט געטראָגן אַ ריין־לאָקאַלן, הגם זייער וויכטיקן כאַראַקטער. געווען דאָרט אָבער אויך מענטשן, וועמענס נעמען עס האָבן געקלונגען אין דער יידישער וועלט, ווייל זייער טעטיקייט האָט געהאַט אָפטמאָל אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע באַדייטונג.

אָט אַזאַ נאָמען האָב איך געטראָפן אין איינער פון די דאַן פאַרעפנטלעכטע רשימות פון די פּליטים אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס איז געווען דער נאָמען פון וואַצלאַוו וואַוועלבערג, וואָס

האָט זיך דאַן געפונען אין טאָבאָלסק און זיין אדרעס איז געווען וואָלאָ־דארסקאַיאַ 56.

הלמאי זאָל איך לייקענען: עפּעס האָט עס מיך אַ ברען געטון אויף דער נשמה. דווקא אין דעם פאַקט, וואָס דער נאָמען פון אַ וואַוועלבערג האָט פיגורירט אין דער רשימה פון די פליטים, וואָס זוכן קרובים אין דער גרויסער יידישער וועלט און בעטן הילף, — דווקא אין דעם דאָזיקן פאַקט האָב איך דערזען דעם אָנזאָג פון חורבן און אונטערגאַנג פון דעם פוילישן יידנטום. און דאָס איז דאָך געווען ערשט דאָס יאָר 1942...

עס האָט זיך נישט געהאַנדלט דערין, וואָס אַ מיטגליד פון איינער פון די רייכסטע יידישע משפחות אין אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטער אין פוילן, געפינט זיך אין אַן עת צרה און נויטיקט זיך אין הילף. מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַפילו די גרעסטע פאַרמעגנס זענען נישט אייביק, בפרט נאָך יידישע פאַרמעגנס. די געשיכטע פון די גרויסע, רייכע משפחות באַווייזט דאָס באַשיינפּערלעך. דאָס געהערט גאָרנישט צו קיין צופאַלן, צו קיין זעלטענע דערשיינונגען, ווען מאַגנאַטן־פאַרמעגנס ווערן צעשטויבט צוליב כמה וכמה סיבות און בפרט יידישע פאַרמעגנס ווערן חרוב פיל שנעלער ווי זיי זענען אויפגעקומען. ווי איז צו די יידישע גבירים, וואָס מיינען, אַז זייערע פאַרמעגנס זענען אייביק און זייערע ירושות זענען אומבאַרירלעך. די יורשים פון גרויסע פאַרמעגנס זענען אָפּטמאָל זייערע קרבנות, אויב זיי זענען אַליין נישט צוגעגרייט צו אַ שווערן לעבנס־קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. די דערמאָנונג פון דעם אַמאָליקן פאַרמעגן פון די זיידעס און טאַטעס איז פאַר זיי בלויז אַ שווע־רע לעבנס־לאַסט, אַן אומגליק אין זייער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. יעדער רייכער ייד, בפרט יעדער אויפגעקומענער גביר, וואָלט געדאַרפט זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון יידישע פאַרמעגנס און געבן וועגן דעם אַ לעקציע זיינע קינדער, די זאָרגלאָזע יורשים פון די גרויסע פאַרמעגנס...

דאָס וואַוועלבערג־פאַרמעגן איז חלילה נישט צעטאַכלעוועט גע־וואָרן. אַ גרויסער טייל פון זייער פאַרמעגן איז פאַרשוווּנדן אלס פועל־יוצא פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ צווייטער טייל איז אויפגע־

פרעסן געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער דאָס פאַרמעגן איז געווען אַזוי גרויס, אַז פאַר די יורשים איז דאָך נאָך געבליבן געבליבן, זיי זאָלן אויך אין דעם באַפרייטן פוילן, צווישןביידע וועלט־מלחמות, קע־נען אָנגיין אַלס רייכע מענטשן, כאָטש שוין ווייט נישט אין דעם אַמאָ־ליקן פאַרנעם. זיי זענען געווען טעטיק אין באַנק־וועזן און אַ סך אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטרי אין פוילן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס פאַרמעגן איז געווען שטאַרק רעדוצירט, זענען די צוויי זין פון דעם גרויסן פילאַנטראָפּ היפּאָליט וואַווועלבערג, מיכאל און וואַצלאַוו, ווייטער געווען געזעלשאַפטלעך אַק־טיוו און האָבן אַזוי אַרום נישט בלויז אָפּגעהיט די גרויסע מאַטעריעלע ירושה פון זייער פאָטער, נאָר אויך די גייסטיקע ירושה: די אַרבעט לטובת הכלל. אויך אין דער הינזיכט האָבן זיך די אַמאָליקע גבירים שטאַרק אונטערשיידט פון די היינטיקע, וועמענס קינדער מען זעט זעלטן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון זייערע עלטערן מיטצואַרבעטן אַקטיוו אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווייזט אויס, אַז די היינטיקע גבירישע יורשים האַלטן אַז זייערע עלטערן האָבן שוין גענוג דערפילט דעם חוב לגבי דעם כלל און דעריבער זענען זיי אַליין שוין פּטור דערפון. מען דערציט זיי, צום באַדויערן, נישט אין גייסט פון אַ פליכטס־באַ־וווסטזיין לגבי דעם יידישן פאָלק און דערין באַשטייט אויך די גרויסע טראַגעדיע פון אונזער יונגן דור אין די אַמעריקאַנער לענדער.

מיכאל און וואַצלאַוו וואַווועלבערג זענען פון זייער פריסטער יוגנט אָן געגאַנגען אין די דרכים פון זייער גרויסן פאָטער היפּאָליט. זיי האָבן זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן נאָך אַלס סטודענטן אין פּעטערבורג. מיכאל האָט נאָך זיין פאָטערס טויט איבערגענומען די אָנ־פירונג פון דער באַנק און אויך אַ רייע וויכטיקע אמטן אין דעם עפנט־לעכן לעבן. געווען אַ מיטגליד פון ייק״א־קאָמיטעט אין רוסלאַנד און אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט צו העלפן די פּאָגראָם־געליטענע. אין די צייטן פון מענדל ביילים־פּראָצעס אין קיעוו (יאָר 1913) איז מיכאל וואַווועלבערג געווען אַ מיטגליד פון דעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

נישט ווייניקער אַקטיוו איז פון זיינע פריסטע יאָרן אָן געווען דער

יינגסטער זון פון היפּאָליט וואַלבערג, וואַצלאַוו, וועלכער האָט שוין אַלס סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט פון פּעטערבורגער אוניווערזי־טעט אָרגאַניזירט אַ יידישע ספּאָרט־און גימנאַסטיק־געזעלשאַפט און האָט צוזאמען מיט זיין ברודער מיכאל געשאַפן אַ פאָנד צו העלפן פּוי־לישע און יידישע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין דער צאַרישער הויפּטשטאָט.

טריי די פּרינציפּן צו דינען דעם יידישן כלל האָבן די יונגע וואַ־וועלבערגס נישט געפעלט אין קיין שום אַקציע פון גרעסערן באַדייט, ווען עס האָט זיך נאָר געהאנדלט אין העלפן יידן אין מאָמענטן פון געַ־פאַר. בפרט נאָך ווען זיי האָבן געוווסט — אָדער געמיינט — אַז אין זכות פון זייער פאָטערס גרויסער פּויליש־פּאַטריאָטישער טעטיקייט און אין זכות פון זייער אייגענעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם, מיט וועלכן זיי האָבן זיך שטענדיק אידענטיפיצירט, ווינענדיק אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט, וועלן זיי קענען משפּיע זיין אויף די פּוילישע מיטבירגער כאָטש צו מילדערן דעם אַנטיסעמיטישן קורס בנוגע יידן, — אויב עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט עס אינגאַנצן אָפּצושטעלן.

אין דער הינזיכט האָבן זיי זיך אָפטמאָל געטראָפן מיט גרויסע אַנטוישונגען, וואָס זענען איבעריקנס די אייביקע אַנטוישונגען פון דער אַסימילאַציע. אָבער צום שבח פון די ברידער וואַוועלבערג מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו מאכן די גרעסטע אָנ־שטרענגונגען צו דערגרייכן עפּעס.

אזוי איז אויך געווען ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן געפירט אַ ווייסטע העצע, אַז יידן זענען דייטשע שפּיאָנען און ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, דער הויפּט־קאָמאַנ־דיר פון דער צאַרישער אַרמיי, האָט דורכגעפירט די גירושים פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די באַדראָטע דורך דער דייטשער ארמיי געביטן. אַזאַ לאגע האָט אויך געדראָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע.

אין יענע ערנסטע טעג פלעגן קומען קיין וואַרשע פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע עסקנים פון פּעטערבורג, וועלכע האָבן געמיינט, אַז

זיי וועלן קענען מיט עפּעס העלפן אין דער ערנסטער לאגע, אָפּשרייען די דראָענדיקע גזירה, מילדערן די אַנטיסעמיטישע העצע אדג.

צווישן די וואָס זענען דאָן געקומען העלפן יידן זענען אויך געווען די ברידער מיכאל און וואַצלאַוו וואַוועלבערג, וועלכע האָבן געגלויבט, אז זיי וועלן קענען משפּיע זיין די פוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן. וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַנטי־יידישער העצע. לײדער איז זיי נישט געלונגען אויפצוטאָן עפּעס פּאָזיטיוועס. זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין פּעטערבורג מיט גאָרנישט. די אנטיסעמיטישע העצע, אז יידן זענען דייטשע שפּיאָנען איז ווייטער אָנגעגאַנגען. *)

---

*) אברהם פּאדלישעווסקי: מעמוארן, פארלאג „על המשמר", ווארשע תרצ"א.

3

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זענען די וואַוועלבערגס צוריקגעקומען קיין וואַרשע, באַנייט זייערע באַנק־ און אינדוסטרי־געשעפטן אָבער גלייכצייטיק אויך באַנייט זייער טראַדיציאָנעלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ווייט פון יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס האָט דאַן אַזוי אויפגעבל׳יט אין פוילן, האָבן זיי זיך אין דער ערשטער ריי פאַראינטערעסירט מיט די אינסטיטוציעס וואָס די פונדאַציע פון זייערע עלטערן האָבן געשאַפן אין משך פון צענדליקער יאָרן און וואָס זענען דורך זיי אַליין אויסגעברייטערט געוואָרן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַזוי האָבן זיי אויסגעבויט אויף דער לודוויקאַ־גאַס, די גאַס וואָס ער האָט געטראָגן דעם נאָמען פון זייער מוטער לודוויקאַ וואַוועלבערג און ווו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע בלאָקן ביליקע דירות פאַר אַרבעטער, אַ היים פאַר דער נישט־פאַרמעגלעכער פוילישער און יידישער אינטעליגענץ. פון דער דאָזיקער היים האָבן, ווי דער שטייגער איז, יידישע אינטעליגענטן ווייניק וואָס גענאָסן, יעדנפאַלס, יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן האָבן זיכער דערפון נישט גענאָסן, ווייל ס׳איז דאָרט נישט געווען פאַר זיי קיין סביבה זיך צו קענען אויסלעבן גייסטיק. דאָס זעלבע געשעט אויך מיט דעם נייעם פּאַוויליאָן פון דער זומער־קאָלאָניע פאַר יידישע און פוילישע קינדער אין לעשנאָ און מיט דעם באַשפּייזונגס־פּונקט פאַר אָרעמע קינדער אָן אונטערשייד פון גלויבן אין די הייזער פון זייער פאָטערס פונדאַציע אין וואַרשע. די וואַוועלבערגס האָבן אויך געהערט צו די פאַרוואַלטונגען פון אַ גאַנצער רייע וויכטיקע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אויב זיי האָבן זיך אַפילו נישט באַטייליקט אַקטיוו אין דער טעטיקייט פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, האָבן זיי עס געשטיצט מאַטעריעל. איבעריקנס האָט דאָס געבן זייער נאָמען צו די לייטונגען געהאַט פאַר די אינסטיטוציעס אויך אַ גרויסער באַדייטונג.

אין דער צייט ווען פיל אַסימילאַטאָרישע עסקנים זענען דווקא אין די צייטן פֿון גרויסן אַנטיסעמיטישן אויפֿשטייג אין פּוילן אַוועק וואָס ווייטער און ווייטער פֿון ייִדישקייט און פיל פֿון זיי האָבן זיך גאַנץ פּשוט געשמדט, האָבן די וואַוועלבערגס זיך שטאַרק דערנענטערט צו די פּראָ־בלעמען פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן. גענוג צו דערמאָנען די אָנגעהע־ריקייט פֿון וואצלאַוו וואַוועלבערגן צו דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אגענץ פֿאַר פּאַלעסטינע מצד די אַזוי־גערופֿענע נישט־ציוניסטן און דאָס אָננעמען דורך אים דעם אַמט אַלס פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון „אָרט“, וואָס איז אין פּוילן געווען אַ ייִדישע פֿאָלקס־אינסטיטוציע (יאָר 1936). אַלס גרויסער ליבהאָבער פֿון אַלטערטימלעכקייטן און אַלס אָנגעזעענער קונסט־מעצענאַט, האָט ער אויף זיין אייגענעם חשבון געלאָזט רעמאָנ־טירן די אַלטע, כמעט חרובֿע לעגענדאַרע שול אין היסטאָרישן שטעטל קאַזשימיעזש ביי דער ווייסל.

אָבער דער גרעסטער פֿאַרדינסט פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט, וואָס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן צום כּבֿוד און זכות פֿון דער משפּחה וואַוועלבערג, בפֿרט טאַקע פֿון די צוויי ברידער מיכאל און וואַצ־לאַוו, איז געווען דער קאַמף, וואָס זיי האָבן אונטערגענומען קעגן דעם אָפֿי־ציעלן אַנטיסעמיטישן קורס פֿון דער פּוילישער רעגירונג, וואָס האָט איינגעפֿירט באַגרענעצונגען און געטאָ־בענק פֿאַר ייִדישע סטודענטן אויף די פּוילישע הויך־שולן.

דאָס איז שוין נישט בלויז אַ רומפֿול בלעטל אין דער געשיכטע פֿון דער משפּחה וואַוועלבערג, נייערט עס איז אויך אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום, אין דעם קאַמף פֿאַר זיינע מענטש־לעכע און בירגערלעכע רעכט.

ווען די וואַוועלבערגס זענען אין יאָר 1918 צוריקגעקומען קיין וואַרשע האָט מיכאל וואַוועלבערג, אַלס דער עלטסטער זון פֿון דער משפּחה, איבערגענומען דעם קוראַטאָר־אַמט פֿון דער טעכנישער שולע וואָס זיין פֿאָטער היפּאָליט און זיין געשמדטער פֿעטער סטאַניסלאַוו ראָטוואַנד האָבן געשאַפֿן אין וואַרשע און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָ־מען פֿון „וואַוועלבערג און ראָטוואַנד“. מיט דער צייט האָבן די יורשים

פוןביידע משפחות איבערגעגעבן די שולע מיט אַלע בנינים און ווערט־פולע איינריכטונגען אַלס אייגנטום צו דער פוילישער רעגירונג, וועלכע האָט די דאָזיקע שולע דערהויבן צום סטאַטוס פון אַ הויכשול מיט אַלע רעכטן פון אַ העכערן אַקאַדעמישן לער־אַנשטאַלט. דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר די שילער פון דער אַנשטאַלט און אַ כבוד פאַר די גרינדער און פּראָטעקטאָרן פון דער שולע.

ביים אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך וועגן איבערגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער שולע דער רעגירונג איז לויט דער פאָדערונג פון די וואַוועלבערג־יורשים אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ בפירושער פּונקט, אַז עס קאָנען דאָרטן נישט געמאַכט ווערן קיין שום אונטערשיידן אָדער באַ־גרענעצונגען לגבי די שילער און פּראָפעסאָרן צוליב זייער רעליגיעזער אָדער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר אָנגעהעריקייט. ווען דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אין די צוואַנציקער יאָרן אונטערגעשריבן געוואָרן איז ער אויסגעקומען צו זיין גאַנץ פשוט און פ אַ ר שׂ ט ע נ ד ל ע ך , טריי דעם גייסט פון אַלע פונדאַציעס פון דער משפחה וואַוועלבערג. דער אַנ־טיסעמיטיזם אין פוילן האָט נאָך דאַן נישט געטראָגן דעם אויסגע־שפּראָכענעם ראַסן־כאַראַקטער און מען האָט אויף אַזאַ באַוואָרעניש מצד די פוילישע רעגירונגס־קרייזן קיין ספּעציעלע אַכט נישט געלייגט. מען האָט עס נאָך דאַן געהאַלטן פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. מיט אַ יאָר צענדליק שפּעטער האָט זיך אָבער די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט און דער דאָזיקער פּונקט פון דעם אָפּמאַך צווישן דער וואַוועלבערג־משפּחה און דער פוילישער שול ־ מאַכט איז געוואָרן אַ מאָטיוו פון אַ גרויסן קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטישן קורס אויף די פוילישע הויכשולן.

דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער דעמאָלט זיגריי־כער היטלעריזם האָט נישט בלויז שוין געהאַט באַהערשט דייטשלאַנד גופא, נייערט אויך צעשפּרייט דעם אַנטיסעמיטישן סם איבער דער גאָרער וועלט. אין פוילן, וואָס האָט געהאַט געשלאָסן דעם „פריינט־שאַפטס־אָפּמאַך" מיט היטלערן, האָט די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן צווישן דער אינטעליגענץ, פונקט ווי צווישן דער פוי־לישער מאַסע. פּאָגראָמען אין גרויסן פאָרנעם צוגלייך מיט קלענערע

אָנפאַלן אויף יידן, זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין גאַנצן לאַנד. דער אַנטיסעמיטישער קורס איז באַפעסטיקט געוואָרן דורך אָפיציעלע אַנטיסעמיטישע געזעצן און באַגרעניצונגען פאַר יידן. אַ קורס, וואָס האָט גורם געווען דעם חורבן פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פוילן.

אַ גאַנץ באַזונדערע כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע געשעענישן האָט זיך צעבושעוועט אויף די פוילישע הויכשולן, ווו יידישע סטודענטן, אַפילו מיידלעך, זענען אויפן ברוטאַלסטן אופן פיזיש אָנגעגריפן געוואָרן דורך זייערע פוילישע חברים. די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן אויך נישט אויסגעמיטן די טעכנישע הויכשול א. ג. פון „וואַווועלבערג און ראָטוואַנד".

ווייל דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געהערט צו דער געשיכטע פון יידישן נאַציאָנאַלן קאַמף, וועל איך דאָ איבערדרוקן אייניקע אינטערעסאַנטע נאָטיצן, וואָס די יידישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן פאַרעפנטלעכט אין יענע פינצטערע טעג. די דאָזיקע פשוטע כראָניק־נאָטיצן, וואָס זענען אָגב קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אַ שטרענגער רעגירונגס־צענזור, זענען בלי ספק וויכטיקע דאָקומענטן פאַר דער געשיכטע פון יענער צייט.

אָט לייענען מיר אין „מאָמענט" נומער 262 פון מאָנטיק דעם 15טן נאָוועמבער 1937:

„שוין קנאַפּע צוויי וואָכן ווי אין דער הויכשול א. ג. וואַ־ווועלבערג און ראָטוואַנד קומען נישט פאָר קיין לימודים.

ווי באַקאַנט זענען די לימודים איבערגעריסן געוואָרן צוליב די כסדרדיקע אַוואַנטורעס, וואָס עס האָבן דאָרט יעדן טאָג איינגעאָרדנט די ענדעקישע *) סטודענטן, וועלכע האָבן געפאָדערט איינצופירן דאָס באַנק־געטאָ פאַר יידן.

דער רעקטאָר פון דער וואַווועלבערג־שולע האָט שבת אויסגעהאַנגען אַ מעלדונג, אַז היינט מאָנטיק, ווערן די לימודים אין דער שולע ווידער באַנייט.

*) ענדעקעס (נ. ד.) — נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטן, די עקסטרעם־אַנטיסעמיטישע פוילישע פאַרטיי.

ווי מיר דערוויסן זיך, איז אין דער צייט ווען מען האָט נישט געלערנט, געווען אַ דעלעגאַציע פון ענדעקישע סטודענטן ביים רעקטאָר פון דער שולע. די דעלעגאַציע האָט געפאָדערט פון דעם רעקטאָר ער זאָל אומבאַדינגט איינפירן דאָס געטאָ. דער רעקטאָר האָט זיך אָבער פאַר זיי פאַרענטפערט, אַז ער קען דאָס געטאָ ניט איינפירן צוליב פאַרמעלע טעמים. אין דעם אָפּמאַך וועלכן עס האָבן געשריבן די יורשים וואַוועלבערג מיט דער רעגירונג איבער־געבנדיק דער מלוכה די שולע, ווערט נעמלעך צוו. אַנד. געזאָגט, אַז צווישן די יידישע און קריסטלעכע סטודענטן פון דער שולע טאָר נישט געמאַכט ווערן קיין שום אונטערשיד סיי ביים אָננעמען, סיי ביים לערנען. דער דאָזיקער פונקט, האָט דער רעקטאָר דערקלערט, וועלכן די רעגירונג פון פוילן האָט אונטערגעחתמעט דערלויבט נישט איינצופירן דאָס געטאָ..."

צומאָרגנס, דינסטיק דעם 16טן נאָוועמבער 1937, ברענגט דער „מאָמענט" (נומער 263) פאָלגנדיקע מעלדונג:

„די קלאַנגען וואָס זענען זינט עטלעכע טעג פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די סטודענטן פון דער וואַוועלבערג־שולע און וועלכע מיר האָבן נעכטן איבערגעגעבן אין „מאָמענט", אַז דער רעקטאָר פון דער שולע וועט נישט איינפירן קיין „געטאָ" אַ דאַנק דער שטעלונג פון די וואַוועלבערג־יורשים, האָבן זיך, ליידער, ניט באַשטעטיקט.

נעכטן אינדערפרי, באַלד נאָכדעם ווי עס זענען באַנייט געוואָרן די לימודים, האָט דער רעקטאָר אויפגעפאָדערט די יידישע סטודענטן אַז זיי זאָלן פאַרנעמען ערטער אין די געטאָ־בענק. ווען אַ דעלעגאַציע פון יידישע סטודענטן האָט זיך געווענדעט צום רעקטאָר מיט אַן אָנפרעגע וואָס זאָל דאָס באַדייטן און אָנגעוויזן, אַז דער רעקטאָר האָט דאָך אַליין דערקלערט דאָס יידן מעגן שטיין בעת די לימודים *), איז געפאַלן די תשובה:

*) די יידישע סטודענטן, נישט־וועלנדיק זיצן אויף די אזוי־גערופענע געטאָ־

— איך קען גאָרנישט העלפן! אויב איר ווילט שטיין, שטייט. אָבער נאָר אין די לינקע בענק!

די אויפגעבראַכטע יידישע סטודענטן האָבן גלייך אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן די שולע אינגאַנצן צו פאַרלאָזן. אַזוי איז טאַקע געשען און אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך שוין נישט געפונען קיין איין יידישער סטודענט אין דער הויכשול, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך יידן און וועלכע געהערט פּאַקטיש עד־היום צו יידן!

איצט דערוואַרט מען מיט גרויס אינטערעס די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער לאַגע אין דער שולע, ווייל ווי באַוווּסט האַלט דער קוראַטאָר פון דער שולע ה' מיכאַל וואַוועלבערג אַז מיטן איינפירן אַ געטאָ, ברעכט מען דעם אָפּמאַך מיט אים און ער פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דעם בילדונגס־מיניסטעריום."

זונטיק דעם 27סטן נאָוועמבער 1937 לייענען מיר אין „מאָמענט" (נומער 267):

„דער קאָנפליקט אין דער וואַוועלבערג הויכשול האָט אָנגענו־מען ממש אַ פיינלעכן כאַראַקטער: קודם־כל האָט מען שוין פּריוו־טיק נישט אַריינגעלאָזט די יידישע סטודענטן אין שולע. דער וואַזשנע האָט באַלד ביים אַריינגאַנג געמאָלדן, אַז סטודענטן „ווי־זנאַניאַ מאָיזשעשאָוועגאָ" *) וועלן נישט אַריינגעלאָזט ווערן און אַז די יידן זאָלן דעלעגירן 3 פאָרשטייער זייערע אויף דער באַ־ראַטונג מיט דער קאָמיסיע פון פּראָפעסאָרן.

די יידישע פאָרשטייער זענען געגאַנגען אויף דער דאָזיקער באַראַטונג, וועלכע האָט געדויערט 4 שעה. די פּראָפעסאָרן האָבן זיך באַמיט זיי „איבערצייגן", אַז זיי זאָלן נישט זיין „איינגע־שפּאַרט" און זאָלן מסכים זיין צו די ב א ש ט י מ ט ע פ א ר

בענק, וואָס זענען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן פון דער לינקער זייט פון די לערן־קלאַסן, זענען די גאַנצע צייט פון די לעקציעס געשטאַנען.

*) פון משהס גלויבן.

זיי בענק. פארשטייט זיך, אז די יידישע סטודענטן האבן גאנץ קאטעגאריש אפגעווארפן דעם פארשלאג, דערקלערנדיק, אז אין קיין שום פאל וועלן יידישע סטודענטן נישט זיצן אויף די געטא־בענק. די יידישע סטודענטן האבן אויך אנגעוויזן, אז דאס נישט אריינלאזן זיי אין שולע איז א נישט־געזעצלעכער אקט.

דערמיט האט זיך די בעראטונג פארענדיקט און ווען די יידישע סטודענטן זענען נעכטן געקומען אין שולע האט מען זיי ווידער נישט אריינגעלאזט. די יידישע סטודענטן האבן דאן דערקלערט, אז זיי שיקן א דעלעגאציע צום רעקטאר. דערויף האט מען זיי געענטפערט, אז דער רעקטאר איז געגאנגען צום דאקטער...

ווי מיר ווערן געוווירע, איז דער רעקטאר נעכטן ארויסגערופן געווארן אויף א קאנפערענץ אין בילדונגס־מיניסטעריום און די רעזולטאטן זענען נאך נישט באוווסט.

ווי מיר האבן שוין איבערגעגעבן אין „מאמענט" האבן וואַוועלבערגס יורשים מיטן קוראטאר מיכאל וואַוועלבערג בראש באשלאסן אנצוקלאגן די רעגירונג צום העכסטן טריבונאל דערפאר, וואס עס ווערט געבראכן דער אפמאך וועגן דער וואוועלבערג־שולע, לויטן וועלכן עס טארן נישט איינגעפירט ווערן קיין שום באגרענעצונגען פאר יידישע סטודענטן.

דער דאזיקער באשלוס האט אין די אקאדעמישע קרייזן געמאכט א שטארקן רושם. כדי אפצושוואכן דעם דאזיקן רושם, איז דער נעכטיקער ענדעקישער „וויעטשור ווארשאווסקי" ארויס מיט א ידיעה, אז וואוועלבערגס שותף, ראטוואנד, וויל גארנישט ארויסטרעטן קעגן די גזירות און ממילא פאלט אפ די אנקלאגע פון די וואוועלבערגס.

ווי מען אינפארמירט אונדז, האט דאס קיין שום גרונט ניט און ה' מיכאל וואוועלבערג, וועלכער איז קוראטאר פון דער שולע, האט יא דאס רעכט אזא אנקלאגע אריינצוטראגן.

זונטיק דעם 5טן דעצעמבער 1937 האט דער „מאמענט" (נומער 279) פארעפנטלעכט פאלגנדיקע כראניק:

„ווי מיר ווערן געוווּיר האָבן די אַדוואָקאַטן האַניגוויל און קאַמינער באַקומען אַ באַפולמעכטיקונג פון קוראַטאָר מיכאל וואַוועלבערג צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן בילדונגס־מיניסטעריום פאַר נישט אויספירן דעם אָפּמאַך וועגן איבערגעבן דער מלוכה די וואַוועלבערג־הויכשול.

די דאָזיקע צוויי אַדוואָקאַטן האָבן שוין, אין נאָמען פון ה׳ מיכאל וואַוועלבערג, אַריינגעשיקט צום בילדונגס־מיניסטעריום אַן אָפיציעלן בריוו מיט דער פאָדערונג אויסצופירן דעם אָפּמאַך אין דעם זין, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן אין דער שולע אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וועלן דערמעגלעכן אַלע פּוילישע בירגער אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבן דאָס פאַרזעצן די לימודים אין אַן אַטמאָספער, וועלכע רירט נישט אָן דעם כבוד פון די סטודענטן.

אין פאַל ווען דער ענטפער וועט נישט זיין צופרידנשטעלנדיק וועלן די אַדוואָקאַטן איבערגעבן דעם ענין אין געריכט.

נאָך 4 וואָכן קאַמף זענען פריייטיק פרי די יידישע סטודענטן צוגעלאָזט געוואָרן צו די לימודים אין דער וואַוועלבערג־שולע.

עס זענען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן ערטער לויטן אות „א״ (אַלגעמיינע). די יידישע סטודענטן האָבן אָבער די דאָזיקע ערטער נישט פאַרנומען, נאָר זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פרייע ערטער.

די צייט וואָס די יידישע סטודענטן זענען נישט געווען אויף די לימודים וועט זיי פאַררעכנט ווערן. זיי דאַרפן זיך אָבער וועגן דעם פאַרשטענדיקן מיט די פּראָפעסאָרן. אַזוי האָט געמאָלדן דער רעקטאָר דער דעלעגאַציע פון די יידישע סטודענטן.

די פּראָפעסאָרן וועלן אַ געוויסע צייט נישט אויספרעגן די יידישע סטודענטן ביז זיי וועלן ניט פאַרטיק ווערן מיטן דורכגיין די דורכגעלאָזענע לעקציעס.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אופן פון דערליידיקן דעם קאָנפליקט באַפרידיקט נישט די יידישע סטודענטן און אויך נישט דעם קוראַטאָר ה׳ מיכאל וואַוועלבערג״.

דער קאַמף איז געווען אַ לאַנגער און געגוג שאַרפער און האָט גע־פונען אַ לעבהאַפטן אָפּקלאַנג אין לאַנד און אויך אין אויסלאַנד.

די יידישע און די פּאַרבליבענע רעשטלעך פון דער פּויליש־ליבע־ראַלער פּרעסע האָבן געשטיצט און פאַרטיידיקט דעם גערעכטן שטאַנד־פּונקט פון די יורשים פון די פונדאַטאָרן פון דער שולע. די אַנטיסעמי־טישע פּרעסע האָט אָבער אויפגעהויבן אַ ווילדן טומל, אַז יידן און מאַ־סאָנען; טעראָריזירן די פּוילישע רעגירונג און דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק און זוכן באַשווערן דער פּוילישער „פּאַטריאָטישער" יוגנט אין זייער קאַמף פאַר זייערע „נאַציאָנאַלע רעכט".

דער קאַמף איז געווען אַ לאַנגער און האָט זיך פּאַקטיש נישט גע־ענדיקט...

דער סוף פונעם קאַמף איז געווען דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער חורבן פון פּוילן.

4

דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אין יאָר 1928, ווען קיין וואַרשע איז געקומען נחום סאָקאָלאָוו בכדי אין גרויסן זאַל פון דער „פילהאַרמאָניע" אויף אַ פייערלעכן אופן צו פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון דער יידישער אַגענץ. לויט די נייע סטאַטוטן האָט די אַגענץ געדאַרפט באַשטיין אויך פון נישט־ציוניסטן. אויף דער גרויסער שיין־דעקאָרירטער עסטראַדע האָט זיך ביים פּרעזידיום־טיש, צווישן פיל באַקאַנטע עסקנים, געפונען אַן עלעגאַנטער, דיקער מאַן אין די פּערציקער, וועמען זעלטן ווער פון דעם גרויסן עולם, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין זאַל, האָט געקענט.

די נייגעריקע צו וויסן ווער דער אומבאַקאַנטער הער איז האָט מען בלויז געקענט זאָגן, אַז דאָס איז מסתמא איינער פון די נישט־ציוניסטישע מיטגלידער פון דער ניי־געשאַפענער יידישער אַגענץ, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט די גוט־באַקאַנטע פּויליש־יידישע פּערזענלעכקייטן, ווי ד״ר סאַמועל גאָלדפלאַם און דער באַנקיר רפאל שערעשאָווסקי.

ווען עמיצער האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז וואַצלאַוו וואַווועלבערג, דער זון פון באַרימטן פילאַנטראָפּ היפּאָליט וואַווועלבערג, האָבן זיך מענטשן נאָך מער געחידושט:

— סטייטש, ווי קומט אַ וואַווועלבערג צו אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג? ווי קומט אַ וואַווועלבערג צו דער יידישער אַגענץ?... די וואַוועלבערגס זענען דאָך שוין לאַנג געשמדט...

אַזאַ פאָרשטעלונג איז געווען וועגן דער משפּחה וואַווועלבערג אין די ברייטע יידישע פאָלקס־קרייזן, ביי די פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן. דער נאָמען וואַווועלבערג האָט געקלונגען ווי עפּעס אַ לעגענדע פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט שוין לאַנג מיט דער דעמאָלסטיקער קעגנוואַרט קיין שום שייכות נישט.

דער אַריינטריט פון וואַצלאַוו וואַווועלבערגן אין דער יידישער אַגענץ

פאַר ארץ־ישראל איז דעריבער געווען נישט קיין קליינע סענסאַציע אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. מען האָט זיך אַפילו געפרייט, וואָס עס זענען נאָך דאָ נאָכפאָלגער פון דער וואַוועלבערג־משפחה, וואָס זענען פאַרבליבן יידן, וואָס דערנענטערן זיך צום יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס טרעטן אַריין צוריק אין די יידישע נאַציאָנאַלע רייען. דער עולם האָט געוווסט, אַז ס׳רוב אַסימילאַטאָרישע קינדער זענען שוין משומדים. מען האָט אויך גוט געוווסט, אַז די וואַוועלבערג־משפחה איז דערפון גאָרנישט פריי. איז דאָך היפּאָליט וואַוועלבערגס שוואָגער, סטאַניסלאַוו ראָטוואַנד, דער איידעם פון דעם גרינדער פון דעם וואַוועלבערג־הויז, צבי הירש, שוין לאַנג געווען געשמדט און אַלע ראָטוואַנדס זענען שוין קריסטן אין צווייטן דור. מען האָט געוווסט, אַז צוליב די שמדן זענען אין דער וואַוועלבערג־ראָטוואַנד־משפחה שוין פאַראַן שידוכים מיט פּוילישע אַריסטאָקראַטן, מיט גראַפן אַפילו, ווי די שעבעקאָס, למשל. האָט מען דאָס שוין צוגעטשעפּעט צו יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער באַרימטער משפחה. איבעריק צו זאָגן, אַז מען האָט זיך געפרייט מיטן געמאַכטן טעות. יידישע פאָלקס־מענטשן פרייען זיך אָפּט, יוען פאַרפרעמדטע פאָלקס־גלידער קומען צו זיי צוריק.

וואַוועלבערג איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער אַגענץ אונטער דער דירעקטער השפּעה פון נחום סאָקאָלאָוון, וועלכער איז נאָך געווען באַפריינדעט מיט היפּאָליט וואַוועלבערגן, און איז געווען אַן אייננגייער ביי זיי אין שטוב. אָבער אין יענע יאָרן איז סאָקאָלאָוו געווען נישט מער ווי אַן אָרעמער זשורנאַליסט, און היפּאָליט וואַוועלבערג איז געווען דער יידישער פינאַנץ־מאַגנאַט, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט דורך זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. אָבער ווען נחום סאָקאָלאָוו איז דאָס מאָל געקומען קיין וואַרשע איז ער, ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, שוין געווען אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ וועלטנאָמען און וואַצלאַוו וואַוועלבערג האָט בלויז געהאַט דעם גלאַנץ פון זיין פאָטערס אַמאָליקער גרויסקייט, וועמענס גייסטיקע ירושה ער האָט טרייאָפּגעהיט. דאָס מוז וועגן אים געזאָגט ווערן ווי אַ פאַרדינטער שבח.

וואַצלאַוו וואַוועלבערגס האַנדלונג אין דער פראַגע פון אַנטיסעמי־

טיזם אין דער הויך־שול פון זיין משפחהס פונדאַציע איז דער בעסטער באַ־ווייז דערצו.

פּערזענלעך איז מיר אויסגעקומען זיך נעענטער צו באַגעגענען מיט וואַצלאַוו וואַוועלבערגן אין יאָר 1938. היטלער האָט דאַמאָלס פאַרטריבן די פּוילישע יידן פון דייטשלאַנד און די פּוילישע רעגירונג האָט אַ גרויסן טייל פון זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין לאַנד און זיי קאָנצענ־טרירט אויף דעם גרענעץ־פּאַס פון „קיינעמס לאַנד" נעבן דער גרענעץ־שטאָט זבאָנשין. אין וואַרשע איז געגרינדעט געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט און וואַצלאַוו וואַוועלבערג איז געוואָרן דער קאַסירער. מיט אַ געוואַלדי־קער איבערגעגעבנקייט און עקשנות, ממש מיט מסירת נפש, האָט זיך וואַוועלבערג אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט פונעם קאָמיטעט, בכדי צו לינדערן די נויט פון די קרבנות פון נאַצישן גירוש. וואַצלאַוו וואַוועל־בערג, מיט וועמען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט ביי אַזאַ יידישער פאָלקס־אַקציע, איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלי־דער פון אונדזער קאָמיטעט. ער האָט אַליין געהערט צו די גרעסטע ביי־שטייערער און האָט געשאַפן באַדייטנדיקע געלט־סומען צווישן מענטשן און אין אַ סביבה, צו וועלכער אַ סך פון אונדז האָבן קיין צוטריט נישט געהאַט. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ ווייטע און פרעמדע סביבה. וואַצ־לאַוו וואַוועלבערג האָט פיל געהאָלפן אויפרודערן די עפנטלעכע מיינונג צוליב דער טראַגישער לאַגע פון די פאַרטריבענע פּוילישע יידן. דאָרט, ווו די אָפיציעלע אינטערווענצן פון אונדזער קאָמיטעט, ווו די יידישע דע־פּוטאַטן און סענאַטאָרן האָבן גאָרנישט געקענט אויסווירקן, האָט עס גע־פּועלט דורך זיינע פריוואַטע פאַרבינדונגען וואַצלאַוו וואַוועלבערג.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויך אונדזער סביבה איז וואַוועל־בערגן געווען גענוג פרעמד, האָט ער זיך דאָך שנעל מיט אונדז צוזאַמענ־געלעבט און שנעל זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע און ליבע פון אונדז אַלע־מען. נישט געקוקט אויף זיין אַזוי פרעמדער דערציאונג, ווייט פון יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, — נישט געקוקט אויף דער אַזוי־גערופענער אַריסטאָקראַטישער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט אַלע זיינע יאָרן, האָט ער אַ דאַנק זיין גוטמוטיקייט, פּשטות און האַרציקייט

זיך אַנטפּלעקט ווי אַ נשמהדיקער יידישער פאָלקס־מענטש. עס איז פאַר אים געווען אַ נאַטור־נויטווענדיקייט צו העלפן גערודפטע... ער האָט נאָך דאַן גאָרנישט געקענט האָבן דעם פּאַראַגראַף, אַז ער אַליין וועט אַמאָל זיין אַ פּליט, אַז ער אַליין וועט גערודפט ווערן און וועט זיך נויטיקן אין הילף...

האָט עס מיך שטאַרק ווי געטאָן, וואָס ווען איך האָב זיך אין יאָר 1942 געווענדט צו פאַרמעגלעכע יידישע קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע, וואָס טראָגט זיין פאָטערס נאָמען, נאָך הילף פאַר אים, האָב איך באַקומען אַן אויסמיידנדיקן ענטפער. עפּעס נישט שטענדיק איז פאַראַן ביי אונדז דאַנקבאַרקייט און הילפס־באַוווסטזיין לגבי מענטשן, וואָס פאַרדינען עס...

5

איך האָב אין יענעם יאָר — 1942 — אַליין געשאַפן פאַר אים אַ הילפס־פּעקל און דורכן רויטן קרייץ, וואָס עס איז דאַן געווען דער וועג, עס געשיקט קיין טאָבאָלסק. גלייכצייטיק אויך אָנגעשריבן אַ בריוו צו וואַצלאַוו וואַוועלבערגן. אָבער קיין תשובה אויף מיין בריוו און קיין באַשטעטיקונג אויפן אַרויסגעשיקטן פּעקל האָב איך נישט באַקומען. דאָס איז איבעריקנס געווען אין יענע שטורמישע צייטן אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג. מער פּעקלעך און מער בריוו זענען דאַן פאַרלוירן געגאַנגען אונטערוועגנס, ווי עס זענען דערגאַנגען צו די באַשטימטע פּערזאָנען.

יאָרן זענען אַריבער און איך האָב מער וועגן וואַצלאַוו וואַוועלבערגן נישט געהערט.

גאַנץ אומגעריכט, זייענדיק פּאַראַיאָרן אין סאַן־פּאולאָ, דערוויס איך זיך, אַז וואַצלאַוו וואַוועלבערג צוזאַמען מיט זיין פרוי, זון און שנור געפינען זיך דאָרט שוין אַ לענגערע צייט.

ווען איך האָב געפּרוווט זיך נאָכפרעגן אויף אים אין דער נייער פּויליש־יידישער קאָלאָניע, האָט מען מיר אָבער נישט געגעבן קיין קלאָרע אינפאָרמאַציע. עפּעס האָט מען געהערט, אַז ער געפינט זיך דאָרט, עמיץ האָט אים אפילו געזען. געווען אפילו אַזעלכע, וועמען ער האָט באַזוכט, אָבער געגנוי ווו ער געפינט זיך, וואָס ער טוט, האָט מיר קיינער נישט געענטפערט. אדרבה, עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אומגערן געוואָלט עפּעס וויסן וועגן אים, ווייל מען איז געווען איבערצייגט, אַז אויב ער איז אַ וואַוועלבערג, מוז ער זיכער זיין אַ משומד. דערצו נאָך פון די אַלטע וואַרשעווער משומדים, ווייל פיל פון די נייע משומדים ווערן נאָך עד־היום אין אַ סך יידישע הייזער גאַנץ פיין אויפגענומען, אויב זיי זענען נאָר רייך. האָט זיך מיר דערמאָנט יענע פאַרזאַמלונג מיט אַן ערך 25 יאָר צוריק אין דער וואַרשעווער „פילהאַרמאָניע“, ווען מען האָט אויך

געמיינט, אַז וואַוועלבערג איז אַ משומד. דורך קיינעם נישט געבעטן, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק אויפקלערן דעם טעות, וואָס איז לגבי אים באַגאַנגען געוואָרן.

ביז עס איז מיר לסוף געלונגען צו געפינען די וואַוועלבערגס גופא.

אין אַ גאַס־רעגנדיקן שבת נאָכמיטאָג האָב איך זיי באַזוכט אין זייער וווינונג אויף פּרעי קאַנעקאַ 313. אַ קליינע באַשיידענע וווינונג, ווי עס פּאַסט פאַר נייע אימיגראַנטן, וואָס דאַרפן שווער קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ. אָבער אין דער וווינונג איז פאַראַן עפּעס, וואָס דערמאָנט אָן דער אַמאָליקער גרויסקייט פון דער משפחה און וואָס נישט אין יעדער רייכער יידישער היים זעט מען עס. אַ גרויס אייל־בילד פון דעם פאָטער היפּאָליט וואַוועלבערג, געמאָלן דורך איינעם פון די באַרימטסטע פּוילישע מאָלער פון זיין צייט, סטאַניסלאַוו לענץ, אַ בראַנדזענע פּלאַקעטע פון דעם זיידן הערמאַן (צבי הערש) וואַוועלבערג, וואָס איז אַמאָל אויסגעגאָסן געוואָרן ווי אַ באַערונג פאַרן גרינדער פון דעם וואַוועלבערג־הויז; בילדער און צייכענונגען פון די משפחה־מיטגלידער און פון די אינסטיטוציעס, הייזער, קאָלאָניעס, וואָס די וואַוועלבערג־משפחה האָט געגרינדעט און במשך פון לאַנגע יאָרן אויסגעהאַלטן. דאָס איז אייגנטלעך דאָס איינציקע, וואָס מען האָט אָפּגעראַטעוועט פון דער גרויסער ירושה. דאָס איז אויך כמעט דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אין זייער נייער היים אין בראַזיל. זיי האָבן עס אָפּגעהיט ווי אַ גרויסן אוצר און מסתמא לעבן זיי מיט די זכרונות וועגן זייער אַמאָל, קוקנדיק אויף די ווענט פון זייער וווינונג, וואָס זענען באַהאָנגען מיטן זכר פון זייער עבר...

ווי אַזוי האָט מען דאָס אָפּגעראַטעוועט? גאַנץ פּשוט, מען האָט עס געפונען אונטער די חורבות פון די בנינים פון דער אַמאָליקער וואַוועלבערג־פונדאַציע אין וואַרשע. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס האָט איבערגעלעבט די נאַצישע אָקופּאַציע אין וואַרשע. אמת, דאָס גרויסע אייל־בילד איז געווען צעשניטן אין שטיקלעך. מען האָט עס געמוזט ממש צונויפקלייבן פון צווישן אַ באַרג ענלעכע, אין מיסט פאַרוואַנדלטע, זאַכן. מען האָט עס געמוזט צוריק צונויפשטעלן, צוזאַמענקלעבן, אויפפרישן און פונדאַסניי פאַרוואַנדלען אין אַ בילד, האָט מען עס מיט ליבע געטאָן

און מען קוקט דערויף מיט שטאָלץ. עס איז ווידער אין אַ מאַסיווער באַ־גילדעטער ראַם אַזוי ווי אַמאָל, ווען עס איז געהאָנגען אין דעם גרויסן זאַל פון דער וואַוועלבערג־פונדאַציע ווי אַ באַערונג פאַרן ווילטעטער.

די פרייד פון אונדזער באַגעגעניש איז געווען באמת אַ גרויסע, אָבער דאָס געמיט איז דערביי געווען ווייניק פריידיק. איך בין געווען צופרידן צו קענען באַגעגענען איינעם פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון דעם אַמאָ־ליקן גלאַררייכן טיפּ פון פוילישע יידן. וואַוועלבערג איז געווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ וואַרשעווער ייד, אַ יידישער מענטש, אַ שרייבער און עסקן, וואָס געדענקט אים נאָך און וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק אים צו באַזוכן. ער און זיין איידעלע פרוי, וואָס שטאַמט אַליין אויך פון דעם גרויסן אַלט־וואַרשעווער יחוס, האָבן נישט באַהאַלטן זייער דאַנקבאַרקייט צו מיר פאַרן דאָזיקן פּשוטן, אָבער אויפריכטיקן אינטע־רעס, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעוויזן.

ווייניקער פריידיק איז געווען דאָס געמיט פון דעם באַזוך קודם־כל צוליב דעם, וואָס וואַצלאַוו וואַוועלבערג איז נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קראַנקייט; האָט אין משך פון אַ קורצער צייט דורכגעמאַכט צוויי האַרץ־אַטאַקן און עס זענען געווען די ערשטע טעג, וואָס ער האָט געמעגט פאַרלאָזן זיין בעט. ער האָט נאָך נישט געטאָרט רעדן, און רעדן האָט זיך אים דווקא געוואָלט מיט מיר. זיין פרוי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שווערן דערנער־וועג אין דעם סאָוועטישן גלות, האָט זיך באַמיט אים צו פאַרטרעטן אין אונדזער שמועס. די דאָק־טערישע פאַרבאָטן זענען אָבער איין זאַך, און די עמאָציע פון קענען דער־ציילן און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן איז אַ צווייטע זאַך. דערויף איז שוין קיין דאָקטער־פאַרבאָט נישט חל, דאָ העלפט שוין נישט די בקשה פון דער פרוי, אַז ער זאָל ווייניקער רעדן, דאָ ברענגט שוין קיין שום נוצן נישט די פאַרזיכערונג פון דעם גאַסט, אַז ער וועט נאָכאַמאָל קומען און מען וועט דאַן קענען מער רעדן.

דערמאָנט מען זיך, ווי דער שטייגער איז, דעם פאַרשווונדענעם אַמאָל דאָס חרוב געוואָרענע לעבן, די אַמאָליקע מענטשן און די אַמאָליקע צוזאמענאַרבעט. דאַן קומען שוין לויטן סדר די איבערלעבענישן בעת דער

מלחמה, דער שוידערלעכער פּיין, וואָס מען האָט דורכגעמאַכט אין דעם סאָוועטישן לאַנד, וואָס איז פאַר זיי, פּונקט ווי פאַר אַזוי פיל אַנדערע אָן שום סיבה, אָן שום מאָטיוו געפּייניקטע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. אָן שום פאַרוואָס און אָן שום פאַרוועז. טרערן באַווייזן זיך אין די אוי־גן פון די מענטשן ווען זיי רעדן וועגן יענע פּיינפולע יאָרן. מען רעדט מיט אָפּגעריסענע ווערטער, מען מוז מאַכן הפסקות נישט בלויז צווישן איין זאַץ און דעם אַנדערן, נאָר אויך צווישן איין וואָרט און דעם אַנדערן. פאַרוואָס האָט מען זיי אַזוי געפּייניקט? מיט קיין פּאָליטיק האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען. קיין נאַציאָנאַליזם האָבן זיי קיינמאָל נישט גע־פּריידיקט, אדרבה, זיי האָבן דאָך אין משך פון צענדליקער יאָרן געהאָלפן אָרעמע, געזאָרגט פאַר אַרבעטער, געשאַפן און אויסגעהאַלטן הייזער פאַר אַרבעטער, געבויט פאַר די אַרבעטער ביליקע און באַקוועמע וווינונגען, זיך באַמיט צו לינדערן די נויט פון דעם אַרבעטס־מענטש, פון דעם פאָלקס־אינטעליגענט, געזאָרגט, אַז אָרעמע שילער זאָלן קענען באַקומען טעכני־שע בילדונג און דאָס אַלץ שטענדיק, אָן שום אונטערשיד פון רעליגיע...

איין „חטא" האָבן זיי אָבער יאָ געהאַט, ממש אַן אומגליק אין יענע יאָרן בעת זייער נע־וונד אין סאָוועט־רוסלאַנד: זיי זענען דערקענט און פאַרמ־סרט געוואָרן אַלס אַמאָליקע גבירים. אמת, מען האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד אויך אַרעסטירט און פאַרשיקט אייביקע קבצנים, אויך אַרבעטער, סאָצי־אַליסטן און טרייע קאָמוניסטן, אָבער לגבי די לעצטע האָט מען גע־דאַרפט אויסזוכן און צוטשעפּען עפּעס אַ חטא, דאַקעגן לגבי די געוועזע־נע גבירים איז די באַשולדיקונג געווען אַ פאַרטיקע און דער גורל זייערער איז געווען געחתמעט אָן שום פריערדיקן משפּט. אַ קורצע אויספאָרשונג, פיזישע פּייניקונגען און אַריינגעשליידערט אין פינצטערער תפיסה ערגעץ־ווו אויף דער פאַרשיקונג... זיי רעדן מיט גרויס פאַרביטערונג וועגן דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט. זיי ציטערן ממש דערציילנדיק עס. אַ שווי־דער נעמט דורך, ווען מען הערט זיך צו צו די דאָזיקע שילדערונגען.

שפּעטער קומט די באַנייאונג פון די סאָוועטיש־פּוילישע באַציאונגען. מען לאָזט אַרויס פון די תפיסות און פאַרשיקונגען די אומשולדיק־אַרעס־טירטע און געפּייניקטע. וואַצלאַוו וואָוועלבערג ווערט באַשטימט אַלס

פּאַרטרוויאונגס־מאַן פון דער פּוילישער רעגירונג, אַלס איר אָפיציעלער דעלעגאַט אין די ווייטע טייגעס פון סיביר.

מיט ציטערדיקע הענט, געריהרט פון די זכרונות, ווייזט מיר וואַוועל־בערג עטלעכע אַלבומען מיט בילדער און דאַנק־אויסדריקן פון די פּויליש ע בירגער, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין דער געגנט פון זיין טעטי־קייטס־קרייז. ער דערציילט ווייטער וועגן זיינע שווערע איבערלעבונגען נאָכדעם, ווי די פּויליש־סאָוועטישע באַציאונגען זענען פונדאָסניי איבערגע־ריסן געוואָרן — ווי אַ רעזולטאַט פון דעם מאסן־מאָרד פון פּוילישע אָפי־צירן אין קאַטין.

דאַן קומט ענדלעך דער סוף פון דער מלחמה, די באַפרייאונג, דאָס צוריקקומען קיין וואַרשע. וואַוועלבערג איז אין זיין אַלטער היים וואָרעם אויפגענומען געוואָרן. מען האָט אים פאַרגעלייגט פאַרשידענע אַמטן. אָבער די גרעסטע פרייד פון זיין לעבן דאַן איז געווען דאָס צימערל, וואָס מען האָט אים געגעבן אין איינעם פון די גאַנץ־געבליבענע הייזער, וואָס זיינע עלטערן האָבן געשאַפן אויף דער גאַס אויף זיין מוטערס נאָמען, די לודוויקא־גאַס. זיין ערשטע און וויכטיקסטע אַרבעט איז געווען אויפ־זוכן די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון דער פונדאַציע. דאָרט האָט ער טאַקע געפונען דאָס אויף שטיקער צעריסענע בילד פון זיין פאָטער היפּאָ־ליט, וואָס באַצירט איצט זיין וווינונג אין סאַן־פּאַולאָ.

כל־זמן אין פּוילן איז געווען די האָפענונג, אַז ס׳וועט איינגעשטעלט ווערן אַ דעמאָקראַטישער רעזשים האָבן די וואַוועלבערגס זיך דאָרט גע־פילט היימיש און זיך געפּרוווט צוריק איינלעבן. אָבער ווען די קאָמו־ניסטן האָבן פּראָקלאַמירט די אַזוי־גערופענע פאָלקס־דעמאָקראַטיע, האָבן די וואַוועלבערגס באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּוילן. זיי זענען אַוועק קיין אי־טאַליע און פון דאָרט אָנגעקומען קיין בראַזיל בויען אַ נייע היים, זוכן אַ נייע עקזיסטענץ.

דאָס לעבן פון דעם זון פון גרעסטן פּויליש־יידישן מאַגנאַט און פי־לאַנטראָפּ איז אין בראַזיל זייער פּראָזאַאיש. מער ווי פּראָזאַאיש, אַ שווע־רער קאַמף פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, אָן שום טענות צו דער וועלט, צו גאָט און צו מענטשן. זיי זענען אָביסל אַנטוישט פון דער באַ־

ציאונג פון מענטשן צו זיי, אָבער זיי נעמען עס אָן ווי אַ באַשטימונג פון גורל.

מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר וואָוועלבערגן, דערציילט ער מיר, אַז ווען ער איז געקומען קיין בראַזיל האָט מען זיך דווקא יאָ אַ לאָז געטאָן צו אים פון אַלע זייטן. מענטשן זענען געווען זיכער, אַז אויב די וואָוועלבערגס זענען געקומען אַהין, האָבן זיי געוויס מיטגעבראַכט מיט זיך אַ רעשטל פון זייער פאַמיליען־פאַר־מעגן און דאָס דאָזיקע רעשטל איז אפנים אויך גענוג גרויס, בכדי צו קענען מאַכן אַ גוט געשעפט. ווען מען האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז זייער גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט אין דעם קוים־געראַטעוועטן, הגם גענוג רואי־גירטן, לעבן און אין דעם גוטן נאָמען פון אַמאָל, האָבן זיך די מענטשן שנעל אָפּגעטראָגן... רייך־געוואָרענע מענטשן האָבן זיך, ווייזט אויס, נישט ליב צו חברן מיט פאַראָרעמטער גבירעשאַפט. די רייך־געוואָרענע מענטשן האָבן נישט ליב, אַז שאָטנס פון געוועזענע גבירים זאָלן זיך אַרומדרייען אין זייער סביבה. זיי ווילן נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ווען מען דער־גרייכט שוין צום רייכטום, קען מען נאָך אַמאָל ווידער אָרעם ווערן, אַז רייכקייט איז נישט אייביק...

לעבן זיי אין אָפּגעזונדערטקייט מיט זייער קליינעם קרייז באַקאַנטע פון אַמאָליקע גוטע צייטן.

פון וואָס מאַכן דאָך די וואָוועלבערגס אַ לעבן?

די איידעלע, אַריסטאָקראַטישע פרוי וואָוועלבערג גיט אַ שמייכל: צוזאַמען מיט איר יונגער שנור האָט זי געשאַפן אַ היים־אינדוסטריע. זיי קויפן צונויף אַלטע פלעשער און באַפּוצן עס מיט האַנט־שטריקערייען און מאַכן האַנט־געשטריקטע פאַנטאַזיעס פאַר גלעזער און גלעזלעך. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַ קאַפּיטאַל פון פינף טויזנט בראַזיליאַנער קרו־זעיראָס, וואָס האָט דאַן באַטראָפן אַן ערך צוויי הונדערט אַמעריקאַנער דאָלאַר. זיי פאַרקויפן עס אין די געשעפטן פאַר מתנות. פריער האָבן זיי אַליין געאַרבעט און אַליין געמוזט אַרומגיין איבער די געשעפטן און עס פאַרקויפן. איצט האָבן זיי צוגענומען צו הילף עטלעכע אַרבעטאָרינס, זיי אויסגעלערנט די מלאכה און דאָס געשעפט אַנטוויקלט זיך גאַנץ גוט. זיי

באַקומען שוין אפילו באַשטעלונגען פון דער פּראָווינץ, ווייל די אויסאַר־בעטונגען זענען שיינע און האָבן גרויס דערפאָלג. זיי אַרבעטן אויס זייער באַשיידענע פּרנסה און וואָלטן געווען צופרידן ווען זיי זאָלן נישט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן, וואָס פרעסן אויף די גאַנצע פאַרהאָרעוועטע פּראַצע זייערע. וואָלטן זיי געהאַט מער קאַפּיטאַל, וואָלטן זיי זייער קליינע היים־אינדוסטרי געקענט נאָכמער אַנטוויקלען. צום באַדויערן פאַרמאָגן זיי עס נישט.

פרוי וואוועלבערג איז אָבער צופרידן, וואָס דער געזונט־צושטאַנד פון איר מאַן בעסערט זיך און זייער יונגער בן־יחיד, אַן אינזשיניער פון פאַך, האָט שוין אויך באַקומען אַ פּאָסטן און האָט אַ האָפענונג כסדר צו אַוואַנסירן. ווער עס שוין ווי עס איז זיין... אַבי נישט צו דאַרפן אָנקו־מען צו קיינעם.

אָט אַזוי זענען פאַרלאָפן עטלעכע שעה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי דער משפחה וואַוועלבערג, ביי די לעצטע פון יענעם גרויסן יידישן דור, וואָס האָט אין משך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט מרעיש עולם געווען מיט די גרויסע פילאַנטראָפּישע אויפטוען לטובת הכלל.

6

במקום אַ נאָכוואָרט:

עס איז מיר, לייִדער, נישט מעגלעך געווען צו באַזוכן די וואַוועלבערגס אַ צווייט מאָל, ווייל איך האָב פֿאַרלאָזט בראַזיל פֿריער ווי איך האָב עס גערעכנט צו טאָן.

צוריקקומענדיק קיין בוענאָס־איירעס און באַאַרבעטנדיק דאָס קאַפּיטל וועגן דער משפּחה וואַוועלבערג האָב איך זיך געווענדט צו וואַצלאַוו וואַוועלבערגן מיט דער ביטע מיר צו שיקן אייניקע פּרטים, וועלכע וואָלטן געקענט זיין אינטערעסאַנט פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער באַרימטער משפּחה.

קיין ענטפֿער איז אָבער נישט אָנגעקומען. מיין אַרבעט איז שוין אַוועק אין דרוק.

מיט אַ צייט שפּעטער קומט מיר אָן פֿון סאַן־פּאולאָ אַ בריוו מיט אַ שוואַרץ־געראַמטן קאָנווערט. איך עפֿן דעם קאָנווערט און געפֿין דאָרט פֿאָלגנדיקע אויף פּויליש־געדרוקטע טרויער־מעלדונג:

O zgonie

b.p. Wacława Wawelberga
odznaczonego Krzyżem Kawalerskim Orderu Odrodzenia Polski
oraz Palmes Academiques

zmarłego w São Paulo dn. 22 kwietnia 1954 r., w wieku lat 69
zawiadamiają pozostali w głębokim smutku

żona
syn, synowa, wnuk
bratowa i rodzina

São Paulo. Rua Frei Caneca, 313 ap. 11 Brazylia

עס הייסט אויף יידיש:

וועגן דעם טויט פון
וואַצלאַוו וואַוועלבערג ז"ל
אויסגעצייכנט מיטן קאַוואַליר־קרייץ פון דעם אָרדער פון פוילנס אויפלעבונג און מיט אַקאַדעמישע פּאַלמען
וועלכער איז געשטאָרבן אין סאַן־פּאַולאָ דעם 22טן אַפּריל 1954, אין עלטער פון 69 יאָר, מעלדן די אין טיפן טרויער־פאַרבליבענע

פרוי,
זון, שנור, אייניקל,
שוועגערין און משפּחה.
סאַן־פּאַולאָ, רואַ פריי קאַנעקאַ 313, אַפּ. 11, — בראַזיל.

אויסגעפּייניקט, אויסגעמאַטערט פון אַלע ביטערע איבערלעבונגען, נישט צוגעוווינט צו די נייע שווערע לעבנס־באַדינגונגען, האָט זיין קראַנק האַרץ מער נישט אויסגעהאַלטן. ער איז געשטאָרבן צוויי וואָכן נאָך אונדזער באַגעגעניש. מיט זיין טויט ענדיקט זיך אַ גרויס און וויכטיק קאַפּיטל פון העכער הונדערט יאָר פּויליש־יידישער געשיכטע.

נישט געקוקט אויף אַלע גערעכטע טענות, וואָס מען קען צו זיי האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע טעותים און חסרונות, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין זייער טעטיקייט, וועט אין דער געשיכטע פון דעם אומגעבראַכטן פּוילישן יידנטום דער נאָמען פון די וואַוועלבערגס שטענדיק פאַרנעמען אַ חשוב אָרט און וועט דערמאָנט ווערן מיט דאַנקבאַרקייט און יראת־הכבוד.

שטערנשאָוסקי

1

וואָס פאַר אַ זין האָט שוין דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס איז אין משך פון צענדליקער יאָר געווען אַ צענטראַלע פיגור פון יידישן לעבן; געשטאַנען בראש פון פאַרשידנאַרטיקע אַקטיוויטעטן; וואָס זיין פאַרמעגן איז געווען גרויס, זיין נאָמען באַרימט; מיט אַ היים, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין ברייט־פאַרצווייגטער סביבה; מיט ווייטגייענדיקע פאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס; האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט זיינע גבירי־שע קאַפּריזן, האָט אָבער שטענדיק פאַרמאָגט די טראַדיציאָנעל־פאָלקס־טימלעכע געמיטלעכקייט, — און פלוצלונג, שוין אויף דער עלטער, ווערט דער מענטש אַרויסגעריסן פון זיינע וואָרצלען, פאַרוואָרפן אין אַ פרעמ־דער סביבה, ווערט אָרעם, קראַנק און איינזאַם; ווערט פאַרלאָזן פון גאָט און פאַרגעסן פון לייט. וואָס־זשע פאַר אַ זין האָט עס שוין דאָס לעבן פון אָט אַזאַ מענטש?

עס דאַכט זיך אַפילו, אַז פאַר אַזאַ מענטש איז דאָס לעבן שוין בלויז אַ לאַסט, אַז דער טויט וואָלט שוין געווען פאַר אים אַן אויסלייזונג. דער מענטש איז פיזיש צוזאַמענגעבראָכן, ליידט גייסטיק, לעבט איבער יעדע קליינקייט, יעדע עמאָציע אויף אַן אומגעהויער שווערן אופן און עס דאַכט זיך, אַז שוין גענוג זיך אַרומגעדרייט אויף גאָטס ביטערער וועלט ווי עפּעס אַ שאָטן, ווי אַן אָפּשיין פון אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז טאַקע געווען שיין און גוט, איז אָבער היינט באַגראָבן אונטער די חורבות פון דעם יידישן לעבן.

דאָך, ווען מען באַגעגנט זיך מיט אַזאַ געשטאַלט, ווען מען פאַרמאַכט אַ ווײלע די אויגן אויף דער טרויעריקער קעגנוואַרט און מען פאַרטיפט זיך אין די זכרונות פון דער אַמאָליקער גלאַנצפולער עפּאָכע, דאַן, דאַן — ברויזט אויף צוריק דער ווילן צום לעבן, עס וואָלט זיך ווידער געוואָלט זיין צווישן אייגענע מענטשן, וואָס קענען דערמאָנען יענע גוטע צייטן און זיך פאַסמאַקעווען מיטן טעם פון דער אַמאָליקער לעבנס־פראַכט.

דערין איז בלי־ספק באַהאַלטן דער סוד און דער דראַנג פון דעם מענטשלעכן וועזן.

אַ ביישפיל דערפאַר איז רפאל שערעשאָווסקי, איינער פון די רייכסטע יידן אין אַמאָליקן פוילן; איינער פון די אָנגעזעעגסטע יידישע באַנקירן; אַ מיטאייגנטימער פון צענדליקער הייזער, גיטער, פאַבריקן, און גלייכצייטיק איינער פון די פּאָפּולערסטע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע עסקנים אין פאַרמלחמהדיקן פוילן; גרינדער און פאָרזיצער פון אַ פּאָר צענדליק יידישע אינסטיטוציעס; אַ נדבן פון ברייטן פאַרנעם; אַ מענטש, וועמענס נאָמען ס'איז געווען באַקאַנט נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך אין דער ברייטער נישט־יידישער וועלט אין פוילן.

און אָט איז דער דאָזיקער אַמאָל רייכער באַנקיר און עסקן געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 26טן אַפּריל 1948. ער האָט דערלעבט די טיפע עלטער פון 79 יאָר; אָבער געשטאָרבן איז ער איינזאַם, פאַרלאָזן, פאַרגעסן און אין אָרעמקייט.

אַ סימן פון דער פאַרלאָזנקייט און פאַרגעסנקייט איז דער פאַקט, וואָס די ידיעה וועגן רפאל שערעשאָווסקיס טויט איז צו אונדז דערגאַנגען אַ היפּשע צייט שפּעטער און דאָס אויך גאַנץ צופעליק דורך די קורצע נאָטיצן אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען. אַפילו די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט וועגן דעם קיין וואָרט נישט געגעבן. דאָס איז נישט געווען חלילה צוליב ביזוויליקייט, נאָר אין דעם קעסלדיקן ניו־יאָרק האָט מען גאָרנישט באַמערקט דעם פאַקט פון זיין טויט, פונקט ווי מען האָט אים וויניק וואָס געהאַט באַמערקט, ווען ער האָט דאָרט געלעבט. ווייל וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט עס היינטיקע צייטן אַ **געוועזענער** מענטש?

צווישן די מיליאָנען מענטשלעכע שאָטנס, וואָס לויפן אַרום איבער די טומלדיקע ניו־יאָרקער גאַסן, האָט זיך פון צייט צו צייט באַוויזן נאָך איין מענטשלעכער שאָטן, — דער שאָטן פון אַ געוועזענעם וואַרשעווער יידישן מיליאָנער... דאָס קען דאָך שוין קיין שום באַדייטונג נישט האָבן.

בלויז אין דעם וואָכנבלאַט פון די פויליש־יידישע פליטים אין ניו־יאָרק „נאַשאַ טריבונא" איז דערשינען פאָלגנדיקע טרויער־מעלדונג אין דער פוילישער שפּראַך:

No. 4 (102) NASZA TRYBUNA • OUR TRIBUNE Strona 13

B. P.

Senator

Rafał Szereszowski

Członek Rady Agencji Żydowskiej, Prezes Domu Bankowego M. D. Szereszowski, b. Radny m. st. Warszawy, b. Prezes Centrali Związku Kupców, b. Prezes Związku Spółdzielni Żydowskich w Polsce, b. Prezes Centralnego Komitetu Opieki Nad Sierotami w Polsce (Centos) — zmarł w dniu 26-go kwietnia, 1948 roku w Ellington, Conn., przeżywszy lat 79.

O ciężkim tym ciosie zawiadamia nieutulona w żalu

RODZINA

אין יידיש לייענט זיך עס אַזוי:

„סענאַטאָר ר פ א ל ש ע ר ע ש אָ וו ס ק י ז"ל, מיט־גליד פונעם ראַט פון דער יידישער אַגענץ, פּאַרזיצער פונעם באַנק־הויז מ. ד. שערעשאָווסקי, געוו. ראַטמאַן פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע, געוו. פּאַרזיצער פון דער צענטראַלע פון סוחרים־פאַריין, געוו. פּאַרזיצער פון פאַרבאַנד פון יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן, געוו. פּאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יתומים־שוץ אין פּוילן („צענטאָס"), איז געשטאָרבן דעם 26טן אַפּריל 1948 אין עלינגטאָן, קאָנג., אין עלטער פון 79 יאָר.

וועגן דעם גרויסן פאַרלוסט מעלדעט אין טיפן צער די משפחה".

מילא, גיין דערציילן, אַז ווען דאָס יידישע פּוילן וואָלט נאָך געווען כאָטש אַ טייל דערפון, וואָס עס איז געווען אַמאָל און רפאל שערעשאָווסקין וואָלט באַשערט געווען צו פאַרענדיקן זיין לעבן אין זיין היימישער סביבה, צווישן זיינע אייגענע פּוילישע יידן, — וואָס וואָלט זיך געטאָן ביי זיין לוויה! דאָס איז איבעריק צו זאָגן.

ס'איז פאַר מיר גאָר קיין שום ספק נישט, אַז צו רפאל שערעשאָווס־קיס לוויה וואָלטן פון אויסלאַנד געקומען אַ סך מער יידן אים אָפּצוגעבן

דעם לעצטן כבוד, ווי ס׳איז געווען די צאָל יידן, וואָס האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו אין ניו־יאָרק. אין פּוילן וואָלט דער טויט פון אַזאַ פאַרבנרייכער פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען רפאל שערעשאָווסקי, זיכער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־טרויער נישט בלויז צווישן זיינע פריינד און חסידים; נישט בלויז צווישן די אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן און געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט, — נאָר אַפילו צווישן זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קעגנער, אַפילו צווישן זיינע קלאַסן־קעגנער וואָלט דער דאָזיקער טויט געפונען אַן אויס־דרוק פון טיפן טרויער...

אָבער אין ניו־יאָרק, ווו מען קען אויסגיין פון בלויזער איינזאַמקייט, דאַרף מען זיך אויף גאָרנישט וווּנדערן. בפרט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן עמיצן, וואָס איז אַ מ אָ ל געווען אַ מיליאָנער, אַ מ אָ ל געווען אַן עסקן, אַ מ אָ ל געווען אַ מענטש...

געוועזענע מענטשן האָבן אין אונדזער צייט בכלל קיין שום באַדיי־טונג נישט.

דעריבער איז אַזוי אומבאַמערקט אַדורך די ידיעה וועגן זיין טויט, פּונקט ווי אומבאַמערקט עס איז געווען זיין לעבן אין משך פון זיינע לעצטע טראַגישע יאָרן.

2

אין די צוואנציק יאָר צווישןביידע וועלט־מלחמות איז דאָס באַנק־הויז „ד. מ. שערעשעווסקי" געווען אַ שם־דבר אין דער יידישער וועלט. עס איז געווען די פּאָפּולערסטע יידישע באַנק אין פּוילן, צו וועלכער עס האָבן געהאַט צוטרוי נישט בלויז יידן. הגם עס איז געווען אַ ריין־פּרי־וואַטע געשעפטלעכע אונטערנעמונג פון דער שערעשעווסקי־משפחה, האָט די באַנק שטענדיק געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן פאַלקסטימלעכן כאַ־ראַקטער און איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטו־ציע, וואָס דער כלל האָט דערצו גאָר אַ שטאַרקן שייכות. איבעריק צו זאָגן, אַז דער צוטרוי צו דער באַנק איז געווען אַן אַבסאָלוט אומבאַגרע־נעצטער.

אין שערעשעווסקיס באַנק האָבן דעפּאָזיטירט זייערע געלטער כמעט אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָן אונטערשיד פון פּאַר־טיי און ריכטונג. פון די גרעסטע ביז צו די קלענסטע. יידישע וועלט־אָר־גאַניזאַציעס, פּונקט ווי לאָקאַלע, אָרעמע חברות. גלייכצייטיק איז עס אויך געווען די באַנק פון דעם פּשוטן יידישן פאָלקסמענטש, וואָס האָט שערעשעווסקיס באַנק אָנפאַרטרויט זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. אַפילו אָרעמע כלה־מיידלעך פלעגן ביי די שערעשעווסקיס זאַמלען זייער נדן.

אַז מען האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין שערעשעווסקיס באַנק — איז מען געווען רואיק. מען האָט געוווסט, אַז שערעשעווסקי וועט קיינעם קיין עוולה נישט טאָן, בפרט וועט ער נישט לאָזן באַעוולהן די אָרעמע מענטשן.

דער אַדרעס פון שערעשעווסקיס באַנק, דער פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער 1, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דעם אַריינגאַנג אין זאַקסישן גאָרטן, איז פאַר אַ סך געווען ווי אַן אַדרעס פון אַ גוטן יידן ביי די פרו־מע לייט.

נישט בחינם האָבן די נאַציס נאָכן פאַרנעמען וואַרשע אויסגעקליבן דעם דאָזיקן בנין איינצואָרדענען דאָרט די ביוראָס פון דער געשטאַפּאָ און שפּעטער־צו האָט מען דאָרט איינגעאָרדנט אַ שאַנד־הויז פאַר נאַצי־שע אָפיצירן. עפּעס ווי מען וואָלט דורכדעם געוואָלט שענדן אַ יידישע הייליקייט.

וועגן דעם, אַז דער צוטרוי צו שערעשאָווסקיס באַנק־הויז איז געווען אַ באַגרינדעטער, קען אַמבעסטן אילוסטרירן פאָלגנדיקער פאַקט:

אין יאָר 1937 האָט זיך אָן אַ פאַרוואָס, אָן שום באַגרינדעטער סיבה, — מען ווייסט נישט צי צוליב אַן אינטריגע, אַ בייזוויליקייט אָדער קאָנקורענץ, — פאַרשפּרייט איבער וואַרשע אַ קלאַנג, אַז עפּעס איז ביי די שערעשאָווסקיס נישט אַלץ אין אָרדענונג. וואָס און ווען, אין וואָס באַשטייט עס, האָט קיינער נישט געוווסט. אָבער דאָס מורמלען גופא, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, איז שוין געווען גענוג, אַז אויפן פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער זאָל דערשיינען אַ המון, וואָס האָט געשטראָמט צו די טירן פון דער באַנק און ווער מיט געוויין, ווער מיט געשריי, האָט געפאָדערט צוריק דאָס דעפּאָנירטע געלט.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און דאָס איז שוין געווען גענוג, מען זאָל דערציילן, אַז שערעשאָווסקיס באַנק האַלט ביים באַנקראָט.

וואָס האָבן געטאָן די שערעשאָווסקיס?

זיי האָבן מאָביליזירט זייערע אייגענע פינאַנץ־רעזערוון, מען האָט זיך געבאָרגט געלט אין אַנדערע בענק און אפילו ביי פּריוואַטע מענטשן, און דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון דער באַנק, מיט די צוויי הויפּט־בעלי־בתים, רפאל און מיכאל שערעשאָווסקי, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי די באַנק־פענצטערלעך און אויסגעצאָלט יעדן איינעם דאָס דעפּאָזיטירטע געלט. ביי דער באַנק האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרץ־רייסנדיקע סצענעס. מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, האָבן מורא געהאַט, אַז די פאָנדן פון דער באַנק, וואָס מען צאָלט אויס, וועלן זיך שנעל ענדיקן און ביז עס וועט קומען זייער ריי וועט שוין קיין געלט נישט זיין. אָרעמע יידן, אַרבעטער, האַנטווערקער, קליינהענדלער, כלה־מיידלעך — יעדער פון זיי האָט זיך געוואָלט וואָס פריער דערשלאָגן צום באַנק־אַריינגאַנג,

פּאָליציי האָט מיט גומענע שטעקנס געוואָלט מאַכן אָרדענונג, אַז דער עולם זאָל זיך שטעלן אין רייען. עס האָבן נישט געהאָלפן די פּאַרזיכע־רונגען פון די באַנק־בעלי־בתים, אַז מען וועט אַלעמען אויסצאָלן; עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דער פאַקט, וואָס יענעם אַזוי ביטערן פּאַר די שערעשאָווסקיס דאַנערשטיק האָט די באַנק געאַרבעט עטלעכע שעה לענ־גער, בכדי אויסצוצאָלן געלט צו וואָס מער מענטשן. די פּאַנישע שטי־מונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן זענען אַ גאַנצע נאַכט געבליבן ביי דער באַנק, בכדי צומאָרגנס זיין די ערשטע ביי דער טיר און וואָס פריער באַקומען זייער געלט.

און די שערעשאָווסקיס האָבן ווייטער אויסגעצאָלט. זיי האָבן גע־געבן אין גאַראַנטיע זייערע פּריוואַטע פּאַרמעגנס, בכדי צו מאָביליזירן וואָס מער געלט פּאַר די אויסצאָלונגען.

נישט נאָר די אָרעמקייט איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער פּאַניק און געמאָנט איר געלט. אויך גאַנץ פאַרמעגלעכע יידן, כלל־טוער, זשור־נאַליסטן, האָבן זיך אַריינבאַקומען אין דער באַנק און קאַטעגאָריש געפאָ־דערט, אַז מען זאָל זיי גלייך אויסצאָלן די דעפּאָזיטירטע דורך זיי געל־טער. פּאַרסאַפּעטע זענען געקומען צולויפן פּאָרשטייער פון אינסטיטו־ציעס און געקלאָגט און געשריען, אַז אויב מען צאָלט זיי נישט אויס גלייך דאָס געלט, וואָס איז דעפּאָזיטירט אין דער באַנק, דראָט זייערע אינסטיטוציעס אונטערגאַנג.

די שערעשאָווסקיס האָבן זיך באַמיט צו באַרואיקן דעם עולם און האָבן זיך געבעטן:

— יידן, זייט רואיק. מיר וועלן ביי קיינעם קיין גראָשן נישט צו־נעמען. מיר וועלן יעדן אויסצאָלן אַלץ, וואָס אים קומט... שטופּט אייך נישט, שרייט נישט, באַרואיקט אייך. ס'איז עפּעס אַ שרעקלעכער בלבול, אַן אינטריגע קעגן אונדז. מיר זענען נישט באַנקראָט, אָבער מען וויל אונדזער באַנק דערפירן צו אַ רואין...

אַלע בקשות און פּאַרזיכערונגען האָבן אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן.

— געלט! גיט אונדז צוריק אונדזער געלט! — איז געווען די איינ־ציקע תשובה פון דעם עולם.

באַין ברירה האָט מען טאָקע געמוזט צוריקצאָלן אַלע געלטער. מען האָט געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן צו באַקאַנטע נאָך גמילות־חסדים. מען איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט מיט אויטאָס און יעדע פּאָר שעה געבראַכט נייע פּעקלעך מיט געלט אויסצוצאָלן די דעפּאָזיטן.

אַזוי איז עס געווען פרייטיק דעם גאַנצן טאָג און אַזוי איז עס אויך געווען שבת פרי.

בדרך־כלל האָט שערעשאָווסקיס באַנק שבת געאַרבעט נאָר טייל־ווייז. עס זענען טעטיק געווען נאָר די וויכטיקסטע סעקציעס, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט רעכענען מיטן שבת־רו. אָבער יענעם שבת, אין די טעג פון דער באַנק־פּאַניק, האָט מען געאַרבעט נאָרמאַל, אָן שום באַגרע־נעצונגען, בכדי צו דערליידיקן וואָס מער מענטשן און צו באַרויקן דעם עולם.

זעענדיק אַזאַ באַציאונג פון דער באַנק־לייטונג צום עולם; זעענדיק, אַז די באַנק צאָלט טאַקע אויס אַלע געפאָדערטע געלטער, האָט דער עולם זיך שוין אָנגעהויבן באַרויקן און מאָנטיק האָט מען שוין ביי דער באַנק געזען גאָר ווייניק מענטשן. די פּאַניק איז אַדורך.

עטלעכע טעג שפּעטער איז פּאַר שערעשאָווסקיס באַנק ווידער גע־וואָרן אַ געדראַנג. אָבער דאָסמאָל איז דער עולם שוין נישט געקומען אין אַ פּאַנישער שרעק פאָדערן צוריק דאָס דעפּאָזיטירטע געלט, נאָר אדרבה, מען האָט צוריקגעבראַכט דאָס געלט צום דעפּאָזיטירן. מען האָט זיך אי־בערצייגט, אַז די גאַנצע פּאַניק איז טאָקע געווען אַ פאַלשע, אַן אויפ־געבלאָזענע.

אַ קורצע צייט נאָך דעם דאָזיקן פּיינלעכן עפּיזאָד איז מיר אויסגע־קומען זיך צו באַגעגענען מיט רפאל שערעשאָווסקין אויף אַ זיצונג. ווילנ־דיק־נישט־ווילנדיק האָט מען זיך פונאַנדערגערעדט וועגן די לעצטע גע־שעענישן אין דער באַנק.

רפאל שערעשאָווסקי האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם. פון זיינע אויגן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ טרער און ער האָט מיר אַ גערירטער איינגערוימט:

— אוי, טורקאָוו טייערער, מיינט נישט, אַז אַזוי לייכט דערלעבט

עס אַ מענטש די 70 יאָר... עס העלפט אַפילו נישט, וואָס מען איז אַ מיליאָנער...

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טיפן צער און טרויער, אַז איך האָב מער די טעמע נישט געוואָלט באַרירן.

נישט נאָר די הויפּט־בעלי־בתּים פון דער באַנק, די ברידער רפאל און מיכאל שערעשאָווסקי, מיט די שותּפים זייערע, די שוואָגערס אליהו לעשצינסקי און אינזש' גוסטאַוו בירשטיין, נאָר אַפילו די אָנגעשטעלטע, וואָס אייניקע האָבן דאָרט געאַרבעט כמעט זינט די באַנק איז געגרינדעט געוואָרן — אַלע, האָבן דעם עפּיזאָד איבערגעלעבט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג.

סטייטש — האָבן זיי געטענהט — ווי קען מען עס חושד זיין די שערעשאָווסקיס אין דערלאָזן צו אַ באַנקראָט פון זייער באַנק... זיי, וועמען אַזויפיל אָרעמע יידן, אַזויפיל יידישע אינסטיטוציעס האָבן אָנ־פאַרטרויט זייערע אָפּשפּאָרונגען...

נאָך איין געשעעניש, וואָס כאַראַקטעריזירט די סאָלידקייט פון שע־רעשאָווסקיס באַנק, האָט זיך איבערגעחזרט אין די טראַגישע טעג פון מערץ 1938, ווען די דעמאָלטיקע פּוילישע רעגירונגס־קליקע מיטן מאַר־שאַל עדוואַרד רידז־שמיגלי און מיניסטער יוזעף בעק בראש האָט גע־דראָט מיט אַ מיליטערישן מאַרש אויף קאָוונע און וואָס האָט זיך, ווי דער שטייגער איז דאַן געווען, געענדיקט מיט אַ קליין פּאָגראָמל אויף יידן.

הגם דער ענין געהערט צו דער טרויעריקער געשיכטע פון דער פאַר־גאַנגענהייט, פאַרדינט ער אָבער אַ ספּעציעלע דערמאָנונג:

דעם 17טן מערץ 1938, פינף טעג נאָכדעם ווי היטלער האָט דורכ־געפירט זיין באַרימטן „אָנשלוס" מיט עסטרייך, האָבן די דעמאָלטיקע פּוילישע מאַכטהאָבער אויך געוואָלט באַווייזן, אַז זיי קענען פירן די פּאָ־ליטיק פון אַ גרויסמאַכט, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. די פּוילישע רעגירונג האָט דעריבער אַרויסגעשיקט אַן אולטימאַטום צו דער ליטווישער רעגירונג, אַז אויב ליטע וועט גלייך נישט אָנקניפּן קיין נאָר־מאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט פּוילן, וועט דאָס פּוילישע מילי־טער באַזעצן די ליטווישע טעריטאָריע און אַזוי־אַרום צווינגען איינצו־שטעלן די „טראַדיציאָנעלע" פּויליש־ליטווישע „פריינדשאַפט".

מען האָט אויסגעקליבן יענע דאַטע פאַר דער אַנטי־ליטווישער אַוואַנ־טורע צוליב צוויי טעמים:

ערשטנס, האָט די פוילישע רעגירונג געהאַט דערצו אַ שטילע צו־שטימונג פון היטלערן, וועלכער האָט דורך דעם נייעם טומל געוואָלט אָפּ־ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליטישער וועלט בנוגע זיין אייגע־נער אַוואַנטורע אין עסטרייך.

והשנית, דעם 18טן מערץ איז אויסגעפאַלן דער נאָמענס־טאָג פון פּילסודסקיס נאָכפאָלגער מאַרשאַל עדוואַרד רידז־שמיגלי און צומאָרגנס, דעם 19טן מערץ, איז געווען ניט נאָר דער נאָמענס־טאָג פון דעם שוין פאַרשטאָרבענעם מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, נאָר טאַקע אויך דער נאָ־מענס־טאָג פון דעם דאַן זייער אַקטיוון אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק. עס זענען בכן געווען חגא־טעג אין פוילן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ מין „פּאַטריאָטישער" אַוואַנטורע.

פוילן האָט שוין געהאַט קאָנצענטרירט איר אַרמיי ביי דער ליטווי־שער גרענעץ. אין לאַנד זענען פאָרגעקומען פויליש־פּאַטריאָטישע, אַנטי־ליטווישע, הורא־מאַניפעסטאַציעס און מען האָט דערביי געהוליעט איבער די גאַסן מיט כסדרדיקע אָנפאַלן אויף יידן.

די מלחמה־שטימונגען פון יענע טעג האָבן אַרויסגערופן אַ געוואַלדי־קע פּאַניק אין לאַנד און דאָס ערשטע, וואָס עס פּאַסירט אין אַזעלכע פאַלן, איז דאָס לויפן צו די בענק אָפּצונעמען דאָס געלט, וואָס מענטשן האָבן דאָרט דעפּאָזיטירט.

בכדי צו מילדערן די פּאַניק האָט שערעשעווסקיס באַנק ווידער מאָ־ביליזירט וואָס גרעסערע פאָנדן. די ברידער שערעשעווסקי זענען אַרויס פון דער הנחה, אַז דער עולם וועט זיך באַרויקן און די פּאַניק וועט גע־שטילט ווערן נאָר דאַן, ווען די בענק וועלן נישט מאַכן קיין שוועריקייטן ביים אויסצאָלן די דעפּאָזיטירטע געלטער. זיי האָבן דערפאַר געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן אַנדערע בענק און אַפילו ביי דער רעגירונג. זיי זענען אַוועק צום פינאַנץ־מיניסטער און געפאָדערט אַ גרעסערע סומע, אָבער נישט חלילה אַלס הלוואה, נאָר פּשוט אַ טייל פון דעם חוב, וואָס די רע־גירונג איז שולדיק דער באַנק. עס דאַרף דערביי דערמאָנט ווערן, אַז שע־

רעשאָווסקיס באַנק פלעגט געבן הלוואות נישט בלויז צו יידישע אינסטי־טוציעס און קהילות, ווען זיי האָבן זיך דערין גענייטיקט, נאָר מען פלעגט באָרגן שווערע מיליאָנען אויך דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג און דער רעגירונג גופא.

וויפיל מאָל פלעגט זיך עס דער וואַרשעווער שטאָט־פרעזידענט זיגמונט סלאָמינסקי באַרימען, אַז אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט שערע־שאָווסקיס באַנק וועט דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג נישט פעלן קיין געלט. עס איז פאַר אים געגנוג אָנצוטעלעפאָנירן צום „פאַן ראַפאַל" און גלייך איז דאָ געלט, אַ מיליאָן, צוויי מיליאָן, וויפיל מען דאַרף... אַפילו אָן שום וועקסלען. און וויפיל מאָל פלעגן אונדז די ברידער שערע־שאָווסקי ווייזן וועקסלען אויף מיליאָנען, וואָס זענען געווען אונטערגע־שריבן דורכן פינאַנץ־מיניסטער, פאַר די הלוואות, וואָס די באַנק האָט געגעבן דער רעגירונג.

אין די פאַנישע טעג, ווען וועלכע עס ווערט דאָ דערציילט, האָבן די ברידער שערעשאָווסקי טאַקע גענומען אַ פאָר אַזעלכע וועקסלען און אַוועק אין פינאַנץ־מיניסטעריום בעטן אַ טייל פון דעם געלט, וואָס די רעגירונג איז זיי שולדיק, בכדי צו קענען דערליידיקן נאָך אַ ביסל מענטשן און צו העלפן מילדערן דורכדעם די שווערע שטימונג, וואָס הערשט אין גאַס.

אָבער דער הויכער באַאַמטער, וואָס האָט אויפגענומען די יידישע באַנקירן, האָט נאָכן אויסהערן די בקשה, זיך גאָר אָנגעהויבן צו בייזערן:

— וואָס, איצט קומט איר נאָך געלט? איר אַליין מאַכט אַ קינסט־לעכע פאַניק אין שטאָט. אַלע יידן לויפן איצט אין די בענק אָפּנעמען זייערע דעפּאָזיטן... איך וועל אייך די באַנק פאַרמאַכן, איך וועל אייך הייסן אַרעסטירן פאַר שפעקולאַציע. איר ווילט דערפירן די מלוכה צו רואין!...

אַזעלכע און ענלעכע דיבורים האָבן די יידישע באַנקירן געהערט אין יענעם טאָג, ווען זיי זענען געגאַנגען אין מיניסטעריום נישט בלויז מאָ־נען, וואָס עס קומט זיי, נאָר ווען זיי האָבן געוואָלט לינדערן די שווערע לאַגע, אין וועלכער די מלוכה האָט זיך געפונען. איך האָב זיי געזען אין

דעם דאָזיקן פאַר זיי אַזוי טראַגישן טאָג. בלאַסע און שווייגנדיקע זענען זיי געווען, ווייל דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין מיניסטעריום, זענען מיר געוויר געוואָרן ערשט מיט וואָכן שפּעטער.

אָבער אין יענע טעג, ווען די שערעשאָווסקיס האָבן געוואָלט שאַפן געלט, בכדי אויסצוצאָלן אָן שוועריקייטן די דעפּאָזיטן, האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אין דער פראַגע פון באַנקירישע סאָלידקייט, אין אויס־פירן די פליכט פון אַ באַנק. עס האָט זיך אפילו נישט געהאַנדלט בלויז אין אָפּהיטן דעם גוטן נאָמען פון אַ גרויסער יידישער באַנק־אינסטיטוציע, — נאָר אין עפּעס מער. אין אַ סך מער. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָפּ־היטן דעם יידישן כבוד און די יידישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין פוילן, וואָס די רעגירונג האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט ברעכן. די פּוי־לישע רעגירונג וואָלט דאַן זייער גערן געזען, אַז די שטאַרקע יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, ווי עס איז געווען שערעשאָווסקיס באַנק, זאָל צו־זאַמענברעכן, פּונקט ווי מען האָט עס געשטרעבט צו טאָן בנוגע אַנדערע גרויסע בענק, ווו יידן האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה. דאָס וואָלט שטאַרק צונוץ געקומען דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וואָס די רעגירונג האָט דאַן געפירט. פון די געמישטע פויליש־יידישע בענק האָט מען צו־ביסלעך דערוייטערט אָדער געצוווּנגען אַליין אַוועקצוגיין די יידן, וואָס האָבן דאָרט פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס. שערעשאָווסקיס ריין־יידישע באַנק (הגם אויך קריסטן האָבן מיט איר געפירט געשעפטן) האָט מען געקענט ליקווידירן נאָר דורכן דערפירן זי צו איר פינאַנציעלן צוזאַמענ־ברוך. דערצו האָבן די שערעשאָווסקיס בשום אופן נישט געוואָלט דער־לאָזן און האָבן פאַרביסן געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ אין די סאַמע שווערסטע צייטן.

מיט דעם באַנק־הויז „ד. מ. שערעשאָווסקי" איז אין אַ גרויסער מאָס געווען פאַרבונדן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פוילן און גלייכ־צייטיק דער גרעסטער טייל פון דער הילפס־אַרבעט און עקאָנאָמישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון די געדרודפטע פוילישע יידן.

נישט בחינם האָט מען עס גערופן די באַנק פון פוילישן יידנטום.

3

דאָס באַנק־הויז „ד. מ. שערעשאָווסקי" האָט עקזיסטירט אין וואַרשע קנאַפּע 50 יאָר. עס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1891 און דער אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט עס ענדגילטיק ליקווידירט. העכער אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן מיט דער באַנק אָנגעפירט די ברידער רפאל און מיכאל שערעשאָווסקי.

געגרינדעט געוואָרן איז די באַנק דורך דוד־משה שערעשאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט טאַקע אין דעם זעל־ביקן הויז פאַרן אייזערנעם טויער נומער 1. אַהין פלעגן קומען יידן פון שטאָט און פון דער פּראָווינץ נישט בלויז צו קויפן שניט־סחורות, נאָר אויך בכדי צו דיסקאָנטירן וועקסלען. דאָס איז געווען דער וועג פון אַ גאַנצער רייע גרעסערע און קלענערע יידישע באַנק־אונטערנעמונגען אין אַמאָליקן פּוילן. מען האָט צוזאַמען מיט די טאָג־טעגלעכע געשעפטן זיך פאַרנומען אויך מיט דיסקאָנטירן וועקסלען און מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלט אין אמתדיקע באַנקירן.

איינמאָל, בעת אונדזערער אַ געמיינזאַמער רייזע קיין לובלין אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג וועגן דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן נאַצי־דייטש־לאַנד, האָט מיר רפאל שערעשאָווסקי דערציילט די געשיכטע פון זייער באַנק און ווי אַזוי דער פאָטער, דער וואַרשעווער מאַנפאַקטור־סוחר דוד־משה, אַן אייניקל פון דעם מיטגרינדער פון דער מירער ישיבה ר' יאָסל־דוד, איז עס געוואָרן אַ באַנקיר.

די משפחה שטאַמט פון ווייסרוסלאַנד. געווען רייכע דאָרפס־יידן, געהאַט גרויסע גיטער און די קינדער זענען געווען גרויסע לערנער. געווען אַ משפחה פון „אייזערנע קעפּ". דוד־משה שערעשאָווסקין האָט מען פאַר־קנסט קיין וואַרשע מיט דער טאָכטער פון דעם „מאַגנאַט" פון פראַנציש־קאַנער גאַס פּאָלמאַן. דוד־משה איז אַריין אין דעם מסחר מיט מאַנופאַק־

טור, וואָס האָט שטענדיק געהערט צו די גאָר גוטע און בכבודע פּרנסות ביי יידן און זיין פאַרמעגן איז כסדר געוואַקסן. אויסער צו קויפן סחורות און צו דיסקאָנטירן וועקסלען, פלעגן אָבער צו דוד־משה שערעשאָווסקין אויך קומען די קונים און איבערלאָזן דאָרט פאַרשיידענע געלט־סומען, וואָס מען האָט מורא געהאַט צו האַלטן אין שטוב, ווייל וועגן דעפּאָזיטירן געלט אין אַ באַנק האָט מען נאָך דאַן כמעט ווי נישט געוווּסט. מען האָט אפילו קיין קוויטונג נישט געבעטן, נאָר עס פּשוט געלאָזט אויפן וואָרט. נישט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן האָבן געהאַט אַזאַ אומבאַגרענעצטן צוטרוי צום „פאַן קופּיעץ".

דוד־משה שערעשאָווסקי האָט די דעפּאָזיטירטע ביי אים געלטער פאַר־שריבן אין אַ נאָטיץ־ביכל. מיט דער צייט זענען די דאָזיקע אָפּעראַציעס דערגאַנגען צו אַזאַ פאַרנעם, אַז דוד־משה האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זיין מאַנופאַקטור־געשעפט און זיך מער פאַרנומען מיט די הלוואה־ענינים, עפענענדיק זיין ערשטע באַנק־אונטערנעמונג, פריער אין אַ גאָר קליינעם פאַרנעם, אין אַ ווינקל פון זיין שניט־קראָם, און שפּעטער האָט זיך די דאָזיקע באַנק־טעטיקייט אַנטוויקלט אַלץ מער און מער.

רפאל שערעשאָווסקי האָט זיך אָנדערציילט וווּנדער וועגן דעם פּע־נאָמענאַלן זכרון פון זיין פאָטער, וועגן זיינע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן און אומגעוויינלעכער אָריענטאַציע אין פינאַנציעלע ענינים.

די דאָזיקע אַלע מעלות, די זעלביקע פעאיקייטן, האָבן געירשנט פון זייער פאָטער אויך די זין רפאל און מיכאל, וועלכע האָבן אַנטוויקלט די קליינע באַנק־אינסטיטוציע פון פאָטער צו אַזאַ הויכער מדרגה.

ביז דאָס איז אָבער געשען האָט די באַנק דורכגעמאַכט אַ סך שוועריקייטן.

אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן פון ד״ר ראובן פעלדשו (בן־שם) *), וואָס איז דערשינען אין וואַרשע ערב דער מלחמה, ווערט דערציילט:

„אַ דאַנק איר גרינדער, וועלכער איז געווען באַשאַנקען מיט

---

*) ד״ר ראובן פעלדשו (בן־שם): יידישער געזעלשאַפטלעכער לעקסיקאָן. פּוילן. I. וואַרשע. יידישער לעקסיקאָגראַפישער פאַרלאַג, וואַרשע, 1939.

אונטערנעמונגס־גייסט, געשיקטקייט און בקיאות אין פינאַנץ־ענינים, האָט די באַנק אויסגעהאַלטן אַלע קריזיסן, דורכמאַכנדיק אַ לאַנג־דויערנדיקן, אָבער דערפאָלגרייכן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ. 1899, צוליב דעם הייזער־קראַך אין וואַרשע, זענען די בענק, וועלכע האָבן געהאַט שטעקן גרויסע סומען געלט אויף הייזער־היפּאָטעקן, אַריינגעפאַלן אין צאָלונגס־שוועריקייטן. ד. מ. שערעשאָווסקי האָט אָבער איבער־וונדן דעם קריזיס, נישט אויסנוצנדיק די היפּאָטעקן־רעכט. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער בעת דער רעוואָלוציע 1905.

בעתן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה (1914), ווען די בענק האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס, איז „דאָס באַנק־הויז ד. מ. שערעשאָווסקי" געווען די איינציקע באַנק, וואָס האָט נישט אָפּגע־שטעלט אירע צאָלונגען (ביזן אָפּטרעטן פון דער צאַרישער מאַכט). אפילו שפּעטער, ווען די רעגירונג האָט דערקלערט אַ מאָראַטאָריום און (נאָך שפּעטער) אַרויסגעגעבן אַ תקנה־רעאַליזאַציע אויף 50 פּראָצענט, האָט די באַנק שערעשאָווסקי אויסגעצאָלט רעיעל און פּינקטלעך די „וקלאַדן" (פּאַיען) לויטן פולן באַטרעף.

אין יאָר 1918 איז דאָס באַנק־הויז „ד. מ. שערעשאָווסקי" דאָס ערשטע, וואָס קריגט זיך אַרויס פון דער סטאַגנאַציע און פּאַרגליי־ווערונג (אין וועלכע דאָס באַנק־וועזן אַלס אַזעלכע האָט זיך געפונען אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע) און אַנטוויקלט אַ שטאַרקע לעבהאַפטע טעטיקייט, דורכפירנדיק פאַרשידענע באַנק־אָפּעראַציעס. אין יאָר 1919 נעמט דאָס „באַנק־הויז שערעשאָווסקי" איבער אַ פּאָרטפעל אַקציעס פון דער ווישקאָווער „פּזשענדזאַלניע", שפּעטער מיטן אויסקויפן די רעשט אַקציעס גייט אַריבער די דער־מאָנטע פאַבריק אינגאַנצן אין באַזיץ פון באַנק־הויז שערעשאָווסקי.

אין דעמזעלביקן יאָר קויפט אויס דאָס „באַנק־הויז שערעשאָוו־סקי" אַ גרויסן טייל אַקציעס פון דער צוקער־פאַבריק „בעלמיצאַ", ביי וולאָצלאַוועק און אויך אַ גרויסן טייל אַקציעס פון אַ כעמישער פאַבריק..."

דאָס איז אייגנטלעך געווען דער אַנטוויקלונגס־וועג נישט בלויז פון

דער באַנק גופא, נאָר פון דעם ריזיקן פאַרמעגן פון דער באַנקירישער משפחה. אין דער צייט ווען פיל בענק פון די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געמוזט אונטערגיין, איז די שערעשעווסקי־באַנק גע־וואַקסן אַלץ מער און מער דווקא אין די צוויי צענדליק יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות. קודם־כל אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס איז געווען די באַנק פונעם פוילישן יידנטום. אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין פוילן האָבן דורך דער דאָזיקער באַנק געמאַכט זייערע אָפּעראַציעס. די יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, אין דער ערשטער ריי דער „דזשאָינט", האָבן די מיליאָנען דאָלאַרן געשיקט אַלס הילף פאַר פוילישע יידן דורך דער דאָזיקער באַנק. בייזע צינגער פלעגן אפילו זאָגן, אַז די שערע־שאָווסקיס האָבן אויסגענוצט זייער געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פאַר די אינטערעסן פון דער באַנק. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז נישט נאָר דער צוטרוי צו דער דאָזיקער באַנק און צו אירע אייגנטימער איז געווען אַן אַבסאָלוט אומבאַגרענעצטער, נאָר אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכ־קייט אַלס אַזעלכע האָט קיינמאָל צו דער דאָזיקער באַנק נישט צוגע־לייגט. און דאָס איז זיכער דאָס וויכטיקסטע אין אַזאַ פאַל.

4

וויפל אינסטיטוציעס, פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס פון דעם פאַר־שידנסטן כאַראַקטער, — עקאָנאָמישע, קולטורעלע, רעליגיעזע און פי־לאַנטראָפּישע — מען זאָל דאָ נישט פּרווון אויסרעכענען, וועט עס זיכער נישט אויסשעפּן די לאַנגע רשימה, צו וועלכע רפאל שערעשאָווסקי האָט געהערט נישט בלויז אַלס פּראָטעקטאָר פון בייזשטייערער, נאָר טאַקע אַלס גרינדער און אָנפירער.

מילא, אַלס פּראָטעקטאָר און בייזשטייערער — איז עס גאָר אַ קנאַ־פּער אויפטו. די שערעשאָווסקיס זענען געווען אַזוי רייך, אַז וויפל זיי זאָלן נישט האָבן געגעבן, האָט עס זעלטן ווען צופרידנגעשטעלט און עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די שערעשאָווס־קיס האָבן געקענט געבן נאָך מער. סוף־כל־סוף איז עס אַן ענין אָן אַ מאָס און אָן אַ גרענעץ.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז עס זענען געווען אין פּוילן אַ ריי אינסטיטו־ציעס, וואָס זייער גאַנצע עקזיסטענץ איז געווען אָפּהענגיק פון דער סוב־ווענץ פון די שערעשאָווסקיס, וועלכע פלעגן אָפּטמאָל דעקן אַ באַדייטנ־דיקן טייל פון די בודזשעטן. געווען אַנשטאַלטן, צו וועלכע זיי האָבן זיך באַצויגן מיט אַ ספּעציעלן סענטימענט. גענוג צו דערמאָנען, אַז שערע־שאָווסקיס באַנק האָט געדעקט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם יערלעכן בודזשעט פון דער מירער ישיבה, פון וועלכער דער עלטער־זיידע פון די שערעשאָווסקיס, ר׳ יאָסל־דוד, איז געווען אַ מיטגרינדער. אויסער דעם פלעגט דער בנין פון דער ישיבה יעדע פאַר יאָר סיסטעמאַטיש רעמאָנ־טירט ווערן אויפן חשבון פון די שערעשאָווסקיס.

מיכאל שערעשאָווסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פיי־נעם הומאָר, האָט מיר איינמאָל געוויזן אַ חשבון, וואָס די באַנק האָט באַ־קומען פאַר אַ רעמאָנט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער מירער ישיבה

אויף זייער חשבון און וואָס איז געווען אַ היבש ביסל איבערגעזאַלצן...
מיכאל האָט קאָנטראָלירט די פּרייזן פון אַזאַ אַרבעט אין וואַרשע און עס
האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אין דעם מירער חשבון אַריינ־
געשטעלט סומעס, וואָס וואָלטן געקלעקט אויף צוויי רעמאָנטן. פאַרשטייט
זיך, אַז מען האָט געשיקט אַ טשעק אויף דער פולער סומע, וואָס האָט
פיגורירט אין חשבון, דערביי אָבער האָט מיכאל שערעשאָווסקי אָנגע־
שריבן אַ ידידי־בריוול דעם מירער ראש־ישיבה, אַז ביים קינפטיקן רע־
מאָנט האָט ער בדעה צו שיקן אַרבעטער פון וואַרשע, וואָס געפינט זיך
היבשלעך ווייט פון מיר, אָבער עס וועט זיי לוינען דאָס צו טאָן, ווייל
די באַנק וועט אַזוי אַרום קענען איינשפּאָרן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט...
אויך די בריסקער ישיבה, ווו זייער זיידע און פאָטער האָבן געלערנט,
האָבן גענאָסן פון שטענדיקע יערלעכע סובווענצן, ווייל די ברידער שע־
רעשאָווסקי, וועלכע האָבן שוין אין קיין ישיבה אַליין נישט געלערנט,
האָבן אָבער די דאָזיקע אַנשטאַלטן, ווו זייערע אבות האָבן געלערנט, באַ־
טראַכט ווי עפּעס אַן אייגענע זאַך און האָבן דערמיט שטאָלצירט.

מיט רעליגיעזע אַנשטאַלטן איז ספּעציעל געווען פאַרבונדן רפאל
שערעשאָווסקי, וועמען די קליינע אותיותלעך זענען גאָרנישט געווען
פרעמד. אין דער גרויסער און באמת רייכער ביבליאָטעק פון זיין פּרעכ־
טיקער וווינונג אויף יאַסנאַ 6, האָבן נעבן די ווערק פון דער וועלט־ליטע־
ראַטור, נעבן דער מאָדערנער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור,
גאָר אַ חשוב אָרט פאַרנומען אַלטע ספרים. די דאָזיקע ספרים זענען נישט
סתם אַזוי געשטאַנען אין די ביכער־אַלמערס אַלס דעקאָראַציע, נאָר
רפאל שערעשאָווסקי האָט אָפט ליב געהאַט זיי צו בלעטערן. עס וואָלט
געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז רפאל שערעשאָווסקי איז געווען אַ ייד
מיט טיפן, גרינטלעכן וויסן; ער איז אָבער יאָ געווען אַ ייד מיט אַן אַל־
געמיינעם און אַלזייטיקן וויסן. פון אַלעם האָט ער ליב געהאַט צו נאַשן
צו ביסלעך. אויף יעדער טעמע האָט ער געקענט עפּעס זאָגן, ווייל ער
האָט באמת אַ סך געלייענט, אַ סך געזען און אַ סך געוווסט.

ספּעציעל האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט דער באַקאַנטשאַפט פון
דער געשיכטע פון שטעט, ישובים און משפחות אין פוילן גופא.



רפאל שערעשאווסקי



דער בנין פון שערשעאווסקים באנק.

קומען צו רפאל שערעשאָווסקין און אים סתם דערציילן אַ מעשה וועגן דעם גרויסן יחוס, מיט וואָס מענטשן האָבן אַפּטמאָל ליב זיך צו באַרימען, איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. ער האָט געוווסט נישט בלויז וועגן דער טאַטע און זיידע פון דעם באַרימער זענען געווען, נאָר אויך דעם גאַנצן יחוס פון דער מאַמעס צד.

— איך געדענק נאָך ווי מען האָט ביי מיין טאַטן איינגעלייגט דעם נדן פון אייער באָבען... — פלעגט ער לאַכנדיק זאָגן דעם באַרימער.

ער האָט אַפילו געקענט דערציילן ווי אַזוי די באָבע האָט אויסגעזען אַלס כלה־מיידל. און דערציילן פלעגט ער עס מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַז ער איז געווען פריי פון זיין אַרבעט, און דאָס האָט אָפט געטראָפן, ווייל די געשעפטן זענען סיי־ווי געגאַנגען זייער גוט און מיט זיי האָבן זיך ס'רוב פאַרנומען דער ברודער מיכאל, די שוואָגערס אָדער גאָר די אָנגע־שטעלטע, — פלעגט ער זיינע באַזוכער דערציילן לאַנגע מעשיות פון אַמאָל. דערביי, אַז ער האָט זיך צעלאַכט פון זיינעם אַן אייגענעם וויץ, האָבן אַזש די שויבן אַ ציטער געטאָן און דער עולם אינדרויסן האָט שוין געוווסט, אַז דער „פאַן ראַפאַל", פאַר אַנדערע „ר' רפאל" אָדער גאָר „פאַן סענאַטאָר", לערנט זיינע צוהערער אַ בלעטל געשיכטע. וועגן יידן פונקט ווי וועגן גויים, וועגן גרויסע יחסנים פונקט ווי וועגן פשוטע פאָלקס־מענטשן. טאָמער האָט ער נישט געקענט דעם מענטש אָדער זיין משפחה, האָט ער אָבער זיכער געוווסט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם שטעטל, פון וואַנען די משפחה שטאַמט, וועגן דער גאַס, וועגן דער סביבה.

אַז עמיצער איז געקומען צו שערעשאָווסקין — אַלץ איינס צי דאָס איז געווען מכוח אַ געזעלשאַפטלעכן, פּריוואַטן אָדער געשעפטלעכן ענין, אַז מען איז געקומען בעטן אַ גמילת־חסד, אַ פּראָטעקציע אָדער סתם אַן עצה, — האָט ער קודם־כל געפרעגט ווי מען הייסט, ווער איז דער אורח, פון וועלכער משפחה ער שטאַמט. באַקומענדיק דעם ענטפער, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן דעם באַזוכער זיינעם וואָס ער ווייסט וועגן זיין משפחה. ער האָט גוט געדענקט אַלע פּרטים, די צונעמען פון די מענטשן, זייערע געשעפטלעכע און אַפילו פאַמיליען־ענינים.

נישט איין מענטש איז ביי שערעשאָווסקין געוויר געוואָרן פּרטים וועגן זיין אייגענעם יחוס.

מען דאַרף דערביי וויסן, אַז צו די שערעשאָווסקיס אין באַנק פלעגן קומען הונדערטער מענטשן טעגלעך. רביים און רבנים, גלחים און נאַגעס, געוועזענע גענעראַלן און געוועזענע מיניסטאָרן, פאַבריקאַנטן און סוחרים, רייכע און אָרעמע, פּאָליטיקער און עסקנים, אלמנות און יתומים, יחידים און גאַנצע דעלעגאַציעס.

הגם מיט געשעפטלעכע ענינים האָט זיך רפאל שערעשאָווסקי אין די לעצטע יאָרן ווייניק וואָס פאַרנומען, איז אָבער קיין שום וויכטי־קערע געשעפטס־אָפּעראַציע אָן אים נישט דורכגעפירט געוואָרן. ער איז געווען דער עלטסטער אין דער משפחה און דער עלטסטער אין דער באַנק. זיין וואָרט איז דעריבער פילמאָל געווען דעצידירנדיק.

זיין הויפּט־באַשעפטיקונג, אַפילו אין דער באַנק גופא, זענען געווען כלל־ענינים. מיט דעם האָט ער געלעבט, דאָס האָט אים פאַרשאַפט פאַר־גענגיגן און דערמיט האָט ער געאָטעמט.

5

דאָס אייגנאַרטיקע אין דער פּערזענלעכקייט פון רפאל שערע־שאָווסקי איז געווען זיין אַבסאָלוטע און אויפריכטיקע פאָלקסטימלעכקייט.

נישט זיין גרויס פאַרמעגן, נישט די העכסטע אַמטן, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן און אויך נישט די אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און מלוכהשן לעבן, האָבן אים אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן פון זיין פּאַראינטע־רעסירונג פאַר יידישע פאָלקס־אינטערעסן און פאַרן לעבן פון יידישן מאַסן־מענטש.

זיין אויסערלעכער אויסזען איז געווען פון אַן אמתדיקן פּוילישן שליאַכטשיץ: העל־בלאָנדע האָר, (שפּעטער שוין ווייסע), פּריציש־אַראָפּ־געלאָזטע גרויסע וואָנסן, אַ קליין שפּיציק בערדל, העל־גרויע, אָבער יידיש־קלוגע אויגן.

ער איז געווען אַ נאָמען און אַן אַדרעס נישט בלויז פאַר די פּוילישע יידן גופא, נאָר טאָקע פאַר יידן אין דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן צוטרוי צום „באַנקיר פון דעם פּוילישן יידנטום״.

ווי אַן אילוסטראַציע פון זיין פאַרשידנאַרטיקער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט איז כדאי צו דערמאָנען אייניקע אינסטיטוציעס, ווו רפאל שערעשאָווסקי האָט פאַרנומען פירנדיקע אַמטן: אַזוי איז ער נאָכן טויט פון לודוויק נאַטאַנסאָן געווען דער פאָרזיצער פון דעם ייק״א־קאָמי־טעט פון געוועזענעם קאָנגרעס־פּוילן און שפּעטער אין דעם באַפרייטן פּוילן; איז געווען אַ מיטגליד פון ראַט פון דער יידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל אַלס פאַרשטייער פון נישט ־ ציוניסטן ; אַ מיטגליד פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס; איינער פון די דריי פאָרשטייער פון פּוילישן יידנטום אין ראַט פון „פונדיישן״, וואָס דער „דזשאָינט״ און ייק״אָ האָבן געשאַפן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בכדי צו פינאַנסירן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן אין

פוילן. ווו אַ גרויסע און וויכטיקע יידישע אַסיפה פון פאָרשטייער פון וועלט־יידנטום האָט רפאל שערעשאָווסקי זעלטן דאָרט געפעלט.

אין פוילן גופא האָט שערעשאָווסקי פאַרנומען נישט ווייניקער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַמטן. אינסטיטוציעס פאַר פראָדוקטיוויזאַציע פון יידישע מאסן האָבן אין אים שטענדיק געהאט אַ טרייען מיטאַרבעטער און שטיצער. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און לאַנג־יעריקער פאָרזיצער פון דער צענטראַלע פון יידישן סוחרים־פאַריין אין פוילן; פאָרזיצער פון דער צענטראלע פאַר יידישער יתומים־פאַרזאָרגונג אין פוילן („צענטאָס״); פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, אַפילו אין די צייטן ווען די טעטיקייט פון קאָמיטעט איז דורך דער פוילישער רעגירונג געווען פאַרווערט; פאָרזיצער פון דער צענטראלע פאַר אָנפּראָצענטיקע גמילת־חסדים־קאַסעס אין פוילן; פירנדיקער מיטגליד פון יידישןווירטשאַפט־לעכן קאָמיטעט אין פוילן; פאָרזיצער פון דער בני־ברית־לאָזשע אין משך פון אייניקע קאַדענצן; פאָרזיצער פון דער צענטראַלע פון דער יידישער קאָאָפעראַטיווער באַוועגונג אין פוילן אאַוו. אאַוו. נישט מעגלעך און גאָרנישט נויטיק אויסצורעכענען אַלע אינסטיטוציעס, ווו ער איז געווען טעטיק, ווייל די דאָ אויסגערעכנטע גיבן שוין אַ גענוג קלאָר בילד פון זיין טעטיקייטס־פאַרנעם.

דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז, וואָס דער באַנקיר און גרויס־אינדוסטריעלער רפאל שערעשאָווסקי איז געווען דער פירער פון מעכטיקע יידישע קערפּערשאַפטן, מען קען זאָגן, פון גאַנצע באַוועגונגען, וואָס האָבן געטראָגן מער אַ פּראָלעטאַרישן און קאָלעקטיוון כאַראַקטער, — ווי דאָס איז דער פאַל נישט בלויז מיט די אָנפּראָצענטיקע גמילת־חסדים־קאַסעס, נאָר קודם־כל די יידישע קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין זיך פאָרשטייער פון דער פּראָלעטארישער קלאסן־באַוועגונג און פון די האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן.

אז מען פלעגט שערעשאָווסקין „קיבעצן״, אַז ער וועט נאָך „פּראָלעטאַריזירט ווערן״ אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, האָט ער געענט־

פערט, אַז שוין אין יאָר 1907, בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע, איז ער געווײלט געוואָרן אַלס וואַל־מאַן אַ דאַנק די שטימען פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און פון יידישע פּראָלעטאַריער.

זיין איבערגעגעבנקייט צו כלל־ענינים וועט אפשר אַמבעסטן כאַראַקטעריזירן פאָלגנדיקער עפּיזאָד, וואָס איך האָב בייגעוווינט:

אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פאָרשלאַג וועגן העכערן דעם פּרייז פאַר וואַסער־לייטונג. דער דאָזיקער ענין האָט שטאַרק אָנגערירט די אינטערעסן פון די הויז־אייגנטימער, ווייל אין הסכם מיטן פאָרשלאַג האָט די העכערונג געדאַרפט געדעקט ווערן נישט דורך שכנים, נאָר דורך די הויז־אייגנטימער. די פאָרשטייער פון די פוילישע הויז־אייגנטימער האָבן זיך באַמיט צו געווינען די שטימען פון רעכטן פליגל פון שטאָט־ראַט בכדי זיך צו זיכערן אַ מערהייט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. צווישן די יידישע ראַטמענער איז געווען איינער, סטאַניסלאַוו זיידנבייטל האָט ער געהייסן, וואָס איז געווען אַ דירעקטער פאַרטרעטער פון יידישע הויז־אייגנטימער. צווישן די ראַטמענער פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן בלאָק, וואָס האָט פאַרטרעטן אַלע יידישע בירגערלעכע גרופּן, זענען אויך געווען צוויי אייגנטימער פון אַ סך הייזער אין וואַרשע און וואָס פינאַנציעל זענען זיי געווען פאַראינטערעסירט קעגן דעם נייעם פאָרשלאַג. איינער פון זיי איז געווען רפאל שערעשאָווסקי.

בעת דער אָפּשטימונג האָט שערעשאָווסקי געשטימט פאַרן פאָרשלאַג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, דאָס הייסט קעגן די אינטערעסן פון די הויז־אייגנטימער. די פאַרטיידיקער פון די שכנים־אינטערעסן האָבן געוווּנען דעם קאַמף.

נאָך דער אָפּשטימונג זענען די פאָרשטייער פון די פוילישע און יידישע הויז־אייגנטימער צוגעלאָפן צו שערעשאָווסקין און אים געמאַכט פאָרוואורפן פאַר זיין האַנדלונג. שערעשאָווסקי האָט זיי קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— ביי מיר אין געשעפט בין איך אַ באַנקיר, אינדוסטריעלער און הויז־אייגנטימער. דאָ אין שטאָט־ראַט האָבן אָרעמע יידן געשטימט

אנדענקונגס־דיפלאָם פאַר רפאל שערעשעווסקי צו זיין 25־יעריקן יובל אלס פאָרזיצער
פון דער יידישער האַנטווערקער־שול אויף סטאַווקי־גאַס.

אויף מיר אַ סך מער ווי די רייכע. זיי האָבן מיך געוויילט, אַז איך זאָל פּאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן און נישט מיינע אינטע־רעסן. צוליב מיינע אייגענע הייזער בין איך נישט מחויב צו פאַרראַטן די, וואָס האָבן געהאט צו מיר צוטרוי...

אַזוי האָט געהאנדלט דער וואַרשעווער יידישער באַנקיר רפאל שערעשאָווסקי, וואָס איז מיט זיין גאַנצן מהות געווען אַ יידישער פאָלקס־מענטש און אַ יידישער פאָלקס־עסקן.

6

בטבע איז רפאל שערעשאָווסקי נישט געווען קיין גרויסער קעמפער. ער איז געווען אַ געמיטלעכער מענטש, האָט ליב געהאט אַ וויץ, אַ מעשה, פלעגט לאַכן אויפן גאָר הויכן קול און האָט זיין גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט געזוכט אַריינפאסן אין זיין געמיט.

האָט ער אָבער געדאַרפט אַמאָל קעמפן פאַר עפעס אַן ענין, פלעגט ער איינלייגן וועלטן, פלעגט ער מיט דער גאַנצער עקשנות זיך אַרייַנ־וואַרפן אין דעם קאַמף.

אין משך פון 23 יאָר צייט איז רפאל שערעשאָווסקי געווען ראַט־מאַן פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט. צום ערשטן מאָל איז ער געוויילט געוואָרן אין יאָר 1916, בעת די דייטשע אָקופּאַציע האָט איינגעפירט די ערשטע פוילישע זעלבסטפאַרוואַלטונג און דאַן, אין משך פון די 20 יאָר פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט איז ער אַלס פאַרשטייער פון דעם יידישן סוחרטום שטענדיק געוויילט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן בלאָק.

אין דער וואַרשעווער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט רפאל שערעשאָוו־סקי געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער איז געווען דער בעסטער קענער פון די פינאַנץ־פּראָבלעמען פון דער פוילישער הויפּט־שטאָט און אין משך פון פיל יאָרן איז ער געווען דער רעפערענט פון דעם ביודזשעט פון דער שטאָט וואַרשע. ער איז אויך געווען פאָרזיצער אָדער וויצע־פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־ביודזשעט־קאָמיסיע פונעם וואַרשעווער שטאָט־ראַט.

אין די פאַרפלאָנטערטסטע פינאַנציעלע פּראָבלעמען פון דער וואַר־שעווער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט מען געמוזט אָנקומען צו שערע־שאָווסקין נאָך אַן עצה. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז די וואַרשע־ווער מוניציפּאַליטעט האָט אַ סך מאָל געמוזט אָנקומען אין שערע־שאָווסקיס באַנק נאָך הלוואות.

אַלס אָפיציעלער רעפערענט פון דעם פיל־מיליאָניקן וואַרשעווער שטאָט־ביודזשעט האָט רפאל שערעשאָווסקי, פאַרשטייט זיך, אָפטמאָל געמוזט פאַרטיידיקן פאַרן פלענום פון שטאָט־ראָט אַזעלכע פּאָזיציעס, וועלכע ער אַליין האָט אין דער קאָמיסיע גופא באַקעמפט, בפרט בנוגע פּאָזיציעס, וואָס האָבן געהאט אַ שייכות צו די יידישע אינטערעסן. דע־ריבער האָט שערעשאָווסקי אַ סך מאָל זיך אָפּגעזאָגט צו רעפרעזענטירן די מערהייט פון דער קאָמיסיע, נאָר ער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער מינדערהייט, צו וועלכער עס האָבן געהערט די יידישע בירגערלעכע ראַטמענער, ווי אויך די פּוילישע און יידישע סאָציאַליסטן.

אָבער אַלס אָפיציעלער רעפערענט האָט ער, אומשולדיקערהייט, געמוזט אויסשטיין די אָנגריפן פון דער פּוילישער רעאַקציע, ווען דער ביודזשעט איז פאַר זיי נישט געווען גינסטיק; פון דעם לינקן פליגל, ווייל דער ביודזשעט איז פאַר דעם דאָזיקן פליגל כמעט קיינמאָל נישט געווען גינסטיק; און, פאַרשטייט זיך, אויך פון די יידישע ראַטמענער, ווייל די יידישע אינסטיטוציעס זענען שטענדיק געווען באַעוולהט אין די שטאָטישע ביודזשעטן.

שערעשאָווסקי איז אָבער ארויסגעטראָטן אַלס רעפערענט פון דעם ביודזשעט נישט ווי זיין אידעאָלאָגישער פאַרטיידיקער, נאָר אַלס פינאַנ־ציעלער ספּעץ און דעריבער האָט ער געמוזט פאַרטיידיקן נישט קיין פּרינציפּן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, נאָר פּרינציפּן פון פינאַנ־ציעלן גלייכגעוויכט — אַפילו אין די פאַלן, ווען ער פּערזענלעך איז דערמיט נישט מסכים געווען.

נישט געקוקט אויפן געוואַלדיקן אויטאָריטעט פון שערעשאָווסקין אין די פינאַנץ־ענינים און אויפן דרך־ארץ, וואָס מען האָט געהאט פאַר שערעשאָווסקין אין אַלע קרייזן, האָט עס נישט שטענדיק געשמעקט די פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס אַ ייד איז דער הויפּט־רעפערענט פון די פינאַנצן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט. געווען נישט־פאַרגינערס אין דער היגזיכט און שערעשאָווסקי האָט נישט איינמאָל אָפּגעטראָטן דעם כבוד די פּוילישע נישט־פאַרגינער. אינטערעסאנט איז דערביי, אַז דער הויפּט נישט־פאַרגינער אין דער דאָזיקער הינזיכט איז געווען דער ענ־

דעקישער ראַטמאַן טאַדעוש הירשעל, וואָס האָט געשטאַמט פון... יידי־שע טאַטע־מאַמע. ער איז שוין טאַקע געבוירן געוואָרן ווי אַן אמתער גוי, אָבער זיין עלטערער ברודער איז נאָך געבוירן געוואָרן אַלס יידיש קינד איידער די טאַטע־מאַמע האָבן זיך באַוויזן צו שמדן.

איך געדענק, ווי אין די דרייסיקער יאָרן איז אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט מצד דעם רעכטן בלאָק געווײלט געוואָרן אַלס ראַטמאַן דער געוועזענער פוילישער פינאַנץ־מיניסטער, דער זייער אויטאָריטאַטי־ווער פוילישער עקאָנאָמיסט, פּראָפעסאָר פריער פון לעמבערגער און שפּעטער פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, ד״ר יעזשי מיכאַלסקי, וועלכער האָט געהערט צו דעם מעסיקן לאַגער פון די לעמבערגער ענ־דעקעס. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דעם שטאָטישן ביודזשעט דאַרף רע־פערירן דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער, פּראָפ. מיכאַלסקי און נישט קיין אַנדער ראַטמאַן, בפרט נאָך, אַז פּראָפעסאָר מיכאַלסקי איז אין יענער קאַדענץ געווײלט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־ביוד־זשעט־קאָמיסיע.

אָבער ווען עס איז געמאַכט געוואָרן דער פאָרשלאַג, אַז פּראָפ. מי־כאַלסקי זאָל רעפערירן דעם ביודזשעט פאַרן פּלענום פון שטאָט־ראַט, האָט ער גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז ווען אין שטאָט־ראַט געפינט זיך אַזאַ פּראַקטישער פינאַנסיסט ווי רפאל שערעשאָווסקי, דאַרף קיין אַנדערער דעם ביודזשעט נישט רעפערירן.

נישט בלויז אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, נאָר אויך אין דעם ערשטן פוילישן סענאַט, וווּ רפאל שערעשאָווסקי איז געווען סענאַטאָר אין די יאָרן 1922 ביז 1928, האָט ער געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל ביים באַהאַנדלען דעם ביודזשעט פון דער פוילישער מלוכה. ער האָט אָפט רעפערירט טיילן פון דעם ביודזשעט און איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אויטאָריטעט אויפן דאָזיקן געביט. מיט זיין מיינונג וועגן די פּראַקטישע טיילן פון דעם ביודזשעט האָט זיך גערעכנט די רעגירונג און אַפילו די קעגנערישע פּאָליטישע גרופּן פון פוילישן סענאַט. מען האָט נישט שטענ־דיק געגומען אין אַכט די פאָדערונגען פון שערעשאָווסקין בנוגע יידישע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, מען האָט זיך אָבער שטאַרק גערעכנט מיט

זײַן פאַכמענישער אָריענטאַציע ביים באַהאנדלען אַלגעמיינע בודזשעט־פראגן.

ווי אַ יידישער עסקן האָט שערעשאָווסקי טריי געדינט די אינטערעסן פון יידישן כלל און ווי אַ פינאנץ־פאַכמאן האָט ער פיל בייגעטראָגן פאַר דער פינאנציעלער אָריענטאַציע פון דער פוילישער מלוכה.

ווי לאַנג פוילן האָט געדארפט האָבן די דאָזיקע לייסטונגען האָט מען עס אויסגענוצט, שפּעטער אָבער האָט מען אָפּגעשטויסן פון זיך די דאָזיקע יידישע בירגער דורך דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וואָס איז געוואָרן דער לייט־מאָטיוו פון דער פוילישער מלוכהשער פּאָליטיק ביז צום אונטערגאנג פון דער מלוכה צוזאמען מיט איר פאַררעטערישן רעזשים.

7

דאָס פריער־געזאָגטע באַווייזט נאָך נישט, אַז רפאל שערעשאָווסקי האָט נישט געהאט זיינע גבירישע קאַפּריזן און אַמביציעס, וואָס זענען דאָך אַזוי אייגן ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, בפרט נאָך, ווען דער עסקן איז אַזוי מאַטעריעל אומאָפּהענגיק און קען נאָך מאַכן אַנדערע אָפּ־הענגיק פון זיך.

וואָלט עס דעריבער געווען אַן אַבסאָלוט אייגזייטיקע און נישט אָביעקטיווע שילדערונג פון דעם מענטש און פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געווירקט, ווען מען זאָל נישט דערמאָנען אויך דאָס נעגאַטיווע.

אַזוי, למשל, איז עס געשען אין יאָר 1930, בעת די וואַלן צום פּוי־לישן סענאַט. וואַרשעווער יידן האָבן נאָר ביי אַ פּאַרייניקטן נאַציאָנאַלן פראָנט געקענט דורכפירן אַן אייגענעם סענאַטאָר. אָבער בעלנים צום דאָזיקן אַמט זענען געווען אַ סך מער. עס האָבן נישט נאָר יחידים גע־שטרעבט דערצו, נאָר אויך פּאָליטישע פּאַרטייען און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געוואָלט, אַז זייער פאָרשטייער זאָל ווערן סענאַטאָר.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעשטעלט אַלס איר קאַנ־דידאַט דעם געוועזענעם סענאַטאָר איינזש. משה קערנער און אגודת־ישראל, די פּאָליטיש גוט־אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע, האָט זיך פּאַראייניקט מיט די יידישע סוחרים, האַנטווערקער און קליינהענדלער און אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון רפאל שערעשאָווסקין. דער קאַמף צווישן ביידע גרופּן איז געווען זייער אַ פאַרביסענער. עס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָסט אַ סך געלט, עס האָט פאַרשאַפט בייז בלוט און דער סוף איז געווען, אַז וואַרשע איז געבליבן אָן אַ יידישן סענאַטאָר, ווייל קיינער פון די קאַנדי־דאַטן האָט נישט געקענט אָנציען די נויטיקע צאָל שטימען.

איך האָב דאָ דערמאָנט נאָר איין עפּיזאָד, דעם וויכטיקסטן אפשר פאַר יענער צייט, ווייל קלענערע וואָלט מען געקענט אויסרעכענען אַ סך

מער, אָבער די צייט האָט זיי אַלע פאַרווישט צוזאמען מיט זייערע הויפּט־העלדן.

רפאל שערעשאָווסקי האָט אָבער יאָ פאַרדינט, אַז אין דעם בינטל זכרונות וועגן זיין טעטיקייט זאָל אויך דערמאָנט ווערן די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם קאַמף קעגן היטלעריזם און בפרט אין דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן קעגן דער נאַצישער פּראָדוקציע.

ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם באָיקאָט־קאָמיטעט אין פּוילן און האָט אין די יאָרן פון היטלערס קומען צו דער מאַכט ביז צום אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה טריי און מיט אן אמתדיק יוגנט־לעכן ברען אָריענטירט און אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער טעטיקייט. אַ ספּעציעלע אַקטיוויטעט האָט רפאל שערעשאָווסקי אַרויסגעוויזן אַלס מיט־גליד פון דעם ערן־טריבונאַל, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן צו משפּטן די יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן, וואָס זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר ברעכן דעם אַנטי־נאַצי־באָיקאָט. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן די מיטגלידער פון ערן־טריבונאַל אַרויסגעוויזן אַן אמתדיקע מסירת־נפש, נישט דערשרעקנדיק זיך פאַר קיין שום דראָאונגען מצד די באָיקאָט־ברעכער און אפילו מצד דער מאַכט, וועלכע איז דאַן געווען פאַראינטערע־סירט צו אונטערדריקן דעם אַנטי־נאַצי־באָיקאָט אין פּוילן.

אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם אַנטי־היטלער־קאָמיטעט אין פּוילן איז מיר דאַן אויסגעקומען זיך צו טרעפן כמעט טאָג־טעגלעך מיט שערעשאָווסקין אויף זיצונגען און באַראַטונגען. מיר זענען אָפט צוזאמען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, בכדי צו פּראָפּאַגאַנדירן און אָרגאַניזירן דעם באָיקאָט, מיר האָבן זיך אויך צוזאמען באַטייליקט אין די יידישע וועלט־באַראַטונגען אין גענף, לאָנדאָן און אמסטערדאַם. דער דאָזיקער קאָנטאַקט האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט אים צו אָבסערווירן פון דער נאָענט, אים צו דערקענען און ליב צו באַקומען. מיט זיין לאַנג־יעריקער געזעל־שאַפטלעכער דערפאַרונג און מיט זיין פּערזענלעכן אויטאָריטעט, האָט רפאל שערעשאָווסקי בלי־ספק פיל מיטגעווירקט, אַז דער אַנטי־היטלער־

באַיקאַט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאָלקס־באַוועגונג אין פולסטן זין פון וואָרט.

אויך אין יאָר 1938, ווען היטלער האָט דורכגעפירט דעם גירוש פון פוילישע יידן אין דייטשלאַנד, טרייבנדיק זיי צו דער פוילישער גרענעץ, ווו עס איז אויפן פּאַס פון „קיינעמס לאַנד" געשאַפן געוואָרן דער טרויעריק־באַקאַנטער זבאַנשינער פליטים־לאַגער, געפינט זיך רפאל שערעשאָווסקי ווידער אין די רייען פון די אקטיווסטע עסקנים. ער האָט סיי מיט פינאַנציעלער הילף, סיי דורך זיין פערזענלעכער טעטיקייט געזוכט צו לינדערן די נויט פון די טויזנטער פאַרטריבענע פוילישע יידן.

די זבאַנשינער טראַגעדיע איז געווען אַ פאָרשפּיל צו דער גרויסער יידישער טראַגעדיע. מיט אַ יאָר שפּעטער זענען מיליאָנען פוילישע יידן געוואָרן נע־ונד. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער רייכער וואַרשעווער באַנקיר רפאל שערעשאָווסקי, וועלכער האָט זיך, צוזאַמען מיט זיין פרוי, קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.

אין זיין בוך „געברענטע טריט" שילדערט ז. סעגאַלאָוויטש*) די איבערלעבונגען פון דער גרויסער פליטים־וואַנדערונג אין יאָר 1939 און דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט רפאל שערעשאָווסקין אין קאָוונער קאַפע „מאָניקאַ":

„אין „מאָניקאַ" זענען איצט פאַראַן אַ סך פליטים. מען קומט פון ווילנע. מען וויל וויסן, צי עס וועלן זיין מעגלעכקייטן אַרויסצופאָרן. אין „מאָניקאַ" זענען אַ סך רוסישע אָפיצירן, אַ סך באַאַמטע און קאָמיסאַרן. אַלץ איז דאָ אויסגעמישט. ביי איין טישל זיצט מיט מיינע באַקאַנטע דער געוועזענער אַלטער באַנקיר פון וואַרשע רפאל שערעשאָווסקי. ער איז אויך אַ געוועזענער סענאַטאָר. בלייך איז ער און אַלט. די וואָנסן אַראָפּגעפאַלענע אין אומאָרדענונג. דער בליק אויסגעלאָשן"...

*) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט, ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", באַנד 22, בוענאָס־איירעס, 1947.

נאָך חדשים וואַרטן אויף אַ וויזע, נאָכן שרייבן עטלעכע מאָל „אויטאָביאָגראַפיעס", האָט שערעשאָווסקי דורכן ראָטן־פאַרבאַנד, ווי אַ פּשוטער פּליט, זיך דערשלעפּט מיט זיין פרוי קיין יאַפּאַן און פון דאָרט זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וווּ זיי האָבן שפּעטער פאַרענדיקט זייער לעבן.

אין חודש יוני 1947, זייענדיק אין ניו־יאָרק, האָב איך זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן מיטן אַמאָליקן „באַנקיר פון פוילישן יידנטום" רפאל שערעשאָווסקי.

8

ווי אזוי ער לעבט אין ניו־יאָרק, וואָס ער טוט — האָב איך שוין פריער געוווסט פון די גרוסן, וואָס איך האָב אָפּגענומען וועגן שערע־שאָווסקין אין משך פון די מלחמה־יאָרן און אין די ערשטע פּאָר טעג פון מיין פאַרברענגען אין ניו־יאָרק.

איך האָב געוווסט וועגן זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק צוזאַמען מיט זיין פרוי, די פאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע טוערין, די קלוגע פרוי בערטא, געראַטעוועטע קוים מיטן לעבן. איך האָב געוווסט, אַז דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האָבן אין ניו־יאָרק נישט געהאַט קיין שום מיטלען צום לעבן און האָבן זיך אויסגעהאַלטן דערפון, וואָס גוטע פריינט, דער „דזשאָינט" און אפשר אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי „געבאָרגט"... איך האָב אויך געוווסט, אַז רפאל און בערטא שערעשאָווסקי וווינען ערגעץ־ווו אין אַ קליין צימערל, וואָס מען האָט אין יענע מלחמה־יאָרן אויך קוים געקענט באַקומען אין ניו־יאָרק. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז רפאל שע־רעשאָווסקי איז ערנסט קראַנק, אַז זיין פרוי בערטאַ איז פּאַראַליזירט גע־וואָרן, אַז זי איז געשטאָרבן און אַז ער איז געבליבן איינער אַליין, ווייל קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

אַזעלכע און ענלעכע טרויעריקע פּרטים וועגן די שערעשאָווסקיס האָב איך גוט געוווסט. איך האָב אָבער נישט געוווסט, וואָס עס טראַכט דער געוועזענער יידישער מיליאָנער פון פּוילן, וואָס כאָטש ער לעבט אין דעם גרעסטן און מעכטיקסטן יידישן צענטער אויף דער וועלט, איז ער אָבער דאָך אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן.

איך בין זיך מודה, אַז עס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען צו גיין באַזוכן רפאל שערעשאָווסקין גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק.

קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר איז מיר אויסגעקומען זיך צוזאַמענטרעפן מיט שערעשאָווסקין און זיין פרוי סיי ביים דערפילן מיינע זשורנאַליס־

טישע פּליכטן, סיי אויך אין דער געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט, אין פריידיקע אומשטענדן און אין טרויעריקע אומשטענדן.

געוועז צייטן ווען מיר פלעגן זיך טרעפן זייער אָפט; געוועזן אויך צייטן ווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן פלעגן אונדז צעטיילן אויף אַ געווי־סער צייט, בכדי זיך שפּעטער ווידער צוזאַמענטרעפן ביי געמיינזאַמער כלל־אַרבעט. געוועזן פון אַלעם צו ביסלעך.

ווען איך האָב זיך, בכן, געדאַרפט איצט טרעפן אין ניו־יאָרק מיטן אַמעריקן וואַרשעווער פינאַנץ־פּאַטענטאַט האָב איך געוואַרט אויף אַ גע־לעגנהייט, אויף אַ צופעליקן צוזאַמענטרעף. ליידער האָט זיך אין די ערשטע טעג פון מיין ווײַלן אין ניו־יאָרק אַזאַ געלעגנהייט נישט גע־מאַכט. חברים און פריינט האָבן מיר אָבער איבערגעגעבן, אַז רפאל שע־רעשאַווסקי פילט זיך געקרענקט, וואָס איך בין נישט געקומען צו אים מיטן ערשטן וויזיט. מיט אַ שווער געמיט האָב איך צו אים טעלעפאָנירט און געמאַכט די באַשטעלונג. עפּעס האָב איך געפילט ווי מיין שטימע ציטערט, כאָטש זיין שטימע איז דאַן געווען אַזוי פריידיק, אַזוי מונטער. גלייך, גלייך וויל ער מיך זען. שוין עטלעכע טעג ווי ער וואַרט אויף מיר...

בין איך אַהין אַוועק. ווייט פון צענטער, אויף דער 113טער גאַס. איך האָב געפילט, ווי הענט און פיס ציטערן ביי מיר, ווען די ווינדע האָט מיך אַרויפגעטראָגן צום גאָרן פון זיין וווינונג. כ׳קום צו צו דער טיר, כ׳וויל אָנקלינגען, אָבער די טיר איז אָפן. אין דער האַלב־אָפענער טיר זע איך ווי רפאל שערעשאַווסקי זיצט אין אַ שטול און דרימלט.

איך בלייב שטיין אַ ווײַלע און קלאַפּ אָן לייכט, קוים הערבאַר. שע־רעשאַווסקי שפּרינגט אויף, לויפט מיר אנטקעגן, פאַלט־צו צו מיר, דריקט מיך שטאַרק צו זיך, צעקושט זיך מיט מיר און שעפּטשעט ווײַ־נענדיק:

— מאַרעק! מאַרעק! ענדלעך זעען מיר זיך ווידער...

דאַכט זיך מיר, אַז נישט מיין פאָטער און אַפילו נישט מיין מוטער פלעגן מיך אַזוי באַגריסן ווען איך האָב מיך אין די אַמאָליקע יאָרן צוריק־געקערט פון עפּעס אַ ווייטער רייזע.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע ביז מיר בײדע האָבן זיך באַ־רואיקט. מען הויבט אָן צו רעדן, כאָטש דער אָנהויב פון אונדזער שמועס קלעפּט זיך נישט אינגאנצן. אָט, מען האָט פּשוט געזוכט זיך צו באַ־פרײַען פון דעם רושם פון דער ערשטער באַגעגעניש.

פראַגן, תשובות — אַלץ בכדי צו קענען אָנקניפּן אַ נאָרמאַלן שמועס.

איך קוק זיך אײַן אין שערעשאָווסקין. אַ שאָטן פון דער אַמאָליקער שײַן. אויסגעדאַרט, דאָס פּנים אײַנגעפאַלן, די אַמאָל שײַן־פאַרקעמטע פריצישע וואָנסן זענען פאַרנאַכלעסיקט.

איך וואַרף אַ בליק אויפן צימער. קלײן, שמאָל, אַ טישל, צוויי בענקלעך, אַ פּשוט שענקל, אויף וועלכן עס ליגן עטלעכע ביכער און אין ווינקל אַן אײַזערן בעטל. שערעשאָווסקי באַמערקט ווי מײַן בליק פאַלט אויפן בעטל אין ווינקל.

— דאָס איז מײַן צימער — זאָגט ער — דאָ שלאָף איך, דאָ פאַר־ברענג איך. אַ גוטע באַקוועמע וווינונג. אין ניו־יאָרק איז הײַנט שווער צו באַקומען בעסערע וווינונגען. איך ווױן דאָ בײַ מײַן שוועגערין, די אשכנזי. איר געדענקט דאָך די אשכנזיס פון דעם „באַנק דיסקאָנטאָווי". מען היט מיך דאָ אָפּ, ס'איז מיר דאָ גוט. סוף כל סוף דאַרף איך דאָך נישט קײן סך און מסתמא וועט עס דאָך שוין לאַנג נישט דויערן... — האָט ער מיט אַ טרויעריקן שמײכל צוגעגעבן. — מײַן צײַט איז שוין לאַנג אַריבער... קײן נוצן קען איך דאָך שוין נישט ברענגען...

איך פּרוּוו פּראָטעסטירן קעגן די אויספירונגען:

— סטײטש, פּאַניע ראַפאַלע, איר קענט דאָך נאָך ברענגען גרויס נוצן דער געזעלשאַפט: מיט אײַער דערפאַרונג, מיט אײַער מענטשן־קענ־טעניש, מיט אײַער וויסן...

— נײן, מאַרעק טײַערער, דאָ אין אַמעריקע שפּילט דאָס אַלײן קײן שום ראָלע נישט... איך בין דאָך נישט מער ווי אַ געוועזענער מענטש, לעב איך טאַקע מיט די זכרונות וועגן דעם אַמאָל... עס קומען צו מיר אָפט וואַרשעווער פרײַנט, זשורנאַליסטן, שרײַבער, כלל־טוער, זיצט מען און מען שמועסט. כ'גײ אויף פאַרזאַמלונגען, כ'הער זיך צו

וואָס יידן רעדן, אַמאָל נעם איך אויך אַ וואָרט, כאָטש קיין דרשות קען איך שוין נישט האַלטן.. נישטאָ מער די אַמאָליקע כוחות...

שערעשאָווסקי איז אַריין אין אַ צווייטן צימער, געבראַכט אַ פּושקע קאָנדענסירטע פּרוכטן, מיר געגעבן אַ ביסל, זיך גענומען:

— עסט, מאַרעק, ס'איז גוט. ס'האָט אַ סך וויטאַמינען, ס'פּרישט אָפּ. קיין דינסטן זענען דאָ נישטאָ, מוז מען זיך אַליין באַדינען...

ער האָט עס געזאָגט ווי ער וואָלט געוואָלט דערמאָנען די דינער־שאַפט, וואָס עס פלעגט אונדז באַדינען אין זיין וווינונג אין וואַרשע.

זינט יענעם פאַרנאַכט האָבן מיר זיך שוין אָפט געטראָפן.

נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד און אויף די גרויסע זומערדיקע היצן, איז ער געקומען און פאַרבראַכט ביז שפּעט ביי־נאַכט אויף אַ צוזאמענקונפט, וואָס די רעשטלעך פון „טלאָמאצקע 13“, דער פאַריין פון פּויליש־יידישע שרייבער־פּליטים אין ניו־יאָרק האָט לכבוד מיר איינגעאָרדנט און אויף אַ צווייטער אויפנאַמע, וואָס דער ראַט פון וואַרשעווער יידן אין ניו־יאָרק האָט איינגעאָרדנט.

בעתביידע צוזאמענקונפטן האָט ער גענומען אַ וואָרט. ער האָט גערעדט וועגן אונדזערע באַגעגענישן אין וואַרשע, וועגן אונדזער גע־זעלשאַפטלעכער צוזאמענאַרבעט, וועגן די פריידן, קאַמפן און האָפע־נונגען פון דעם אַמאָליקן לעבן.

זיין זכרון איז געווען פריש, זיין געמיט מונטער, זיין שפּראַך פאָלקס־טימלעך, זיינע געדאַנקען טרעפלעכע, שאַרפזיניקע. אין דער סביבה, ווו מען האָט גערעדט וועגן דעם אַמאָל, פלעגט ער שטענדיק אויפלעבן.

ער האָט זיך גאָרנישט געפילט געטראָפן ווען ברוך שעפנער, דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט ביי די שרייבער־פּליטים, האָט געמאַכט אַ פּאָר וויצן וועגן זיינע אַמאָליקע מיליאָנען, אַז מיר אַלע האָבן זיך איצט, אין דער פרעמד, אויסגעגליכט מיט די קאַפּיטאַלן. ער האָט גוטמוטיק אָנגע־נומען די דאָזיקע וויצן.

בעת אונדזערע ווייטערדיקע צוזאַמענטרעפן פלעגט ער זיך אויס־פרעגן וועגן די יידן אין אַרגענטינע, וועגן די אינסטיטוציעס, וועגן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס

ער האָט גוט געקענט אַלס פּאַרזיצער פון ייק״א אין פּוילן, נו, און וועגן די אַרגענטינער יידישע גבירים...

איך האָב אים אינפאָרמירט וועגן אַלעם. וועגן די גרויסע אויפטוען אינעם אַרגענטינער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן די פּרעכטיקע אינסטי־טוציעס, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אַרגענטינע און וועגן די שאָטן־זייטן פון דעם אַרגענטינער יידישן לעבן. דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע.

ער האָט געוואָלט וויסן, למשל, צי זענען פאַראַן אין אַרגענטינע מע־צענאַטן, וואָס זאָלן אַליין אויסהאַלטן אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אַליין בויען אינסטיטוציעס.

ער האָט זיך פאַר מיר דאָן מתוודה געווען:

— ווען איך האָב כוח, וואָלט איך אַוועק צו די יידישע גבירים, כ׳וואָלט זיי באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס וויפל איך האָב פאַרמאָגט און איך וואָלט זיי נאָך בעסער באַוויזן וואָס פון דעם אַלעם איז געוואָרן. איך האָב אין די גוטע צייטן געהאַט דאָס געפיל, אַז איך טו גענוג פאַרן כלל, אַז איך גיב גענוג פאַר יידישע כלל־זאַכן. איר ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, אַז עס זענען געווען אינסטיטוציעס, וואָס איך פלעג דעקן זייער בודזשעט; אַז עס זענען געווען אינסטיטוציעס, וואָס ווען נישט איך און מיין פרוי, וואָלטן זיי נישט עקזיסטירט. דערמאָנט אייך דאָס קינדער־שפּיטאָל אויף שליזקע. איר געדענקט ווי מיר האָבן עס איינגעאָרדנט? איך ווייס אויך, אַז מען האָט שטענדיק געוואָלט מער, אָבער... איצט, ווען איך לעב דאָ אַליין און טראַכט וועגן דעם פאַרגאַנגענעם, פיל איך, אַז וויפל מיר האָבן געטאָן, איז עס ווייניק אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר האָבן געדאַרפט און געקענט טאָן. גלויבט מיר, מאַרעק, איך באַדויער נישט מיין פאַרמעגן; איך האָב שוין לאַנג געמאַכט שלום מיט מיין איצטיקן גורל. איך באַדויער בלויז פאַרוואָס האָב איך דאָס פאַרמעגן באַצייטנס נישט פאַרברויכט, בכדי אונדזער כלל צו העלפן. איך מיט מיין פרוי האָבן דאָך שטענדיק נישט געדאַרפט קיין סך פאַר זיך, טאָ פרעג איך מיך אַליין, צו וואָס איז געווען דאָס זאַמלען? ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ווען איך בין נאָך דאָ געווען אַ גאַסט, פלעגט מען מיך אָפט איינלאַדן צו היגע רייכע יידן. האָב איך מיט זיי אייַנגעטענהט וועגן דער ווערטלאָזיקייט

פון גרויסע פאַרמעגנס. עס איז געווען דער אָנהויב פון דער מלחמה און מען האָט געמיינט, אַז מיט געלט וועט מען קענען ראַטעווען יידן. איך האָב דאָך שוין קיין געלט נישט געהאַט, האָב איך אָבער געוואָלט דעם ענין אויפקלערן די היגע יידן, וואָס האָבן יאָ געלט. נו, מיינט איר וואָס איז געווען דער סוף? מען האָט מיך אָנגעהויבן אויסמיידן, מען האָט מיך אויפגעהערט איינצולאַדן. די היגע יידן גיבן אַ סך געלט, אָבער ווייט נישט דאָס, וואָס זיי קענען און וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבן. אָ, ווען די רייכע יידן וואָלטן געקענט זיך איינלעבן אין דער נשמה, אין די געדאַנקען פון איינעם, וואָס איז אויך אַמאָל געווען אַזוי רייך ווי זיי, און אפשר נאָך רייכער פון זיי, וואָלטן זיי דאָס זיכער פאַרשטאַנען און דאָס וואָלט זיכער געבראַכט גרויס נוצן אונדזער פאָלק.

אינטערעסאַנט איז, אַז רפאל שערעשאָווסקי האָט זיך פאַר מיר קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף זיין איצטיקן גורל, אויף זיין אָרעמקייט אין אַמעריקע, אויף זיין אָפּהענגיקייט פון פרעמדער הילף. איך האָב גע־האַט דאָס אַבסאָלוטע געפיל, אַז ער האָט בלויז באַדויערט, וואָס ער האָט זיין אַמאָליקע רייכקייט נישט אויסגענוצט. ער האָט זיך פשוט מיט אַ גוטן געמיט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ וויץ ווי געפּרוווט פאַרענטפערן פאַר זיין אַמאָליקער רייכקייט.

איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דעם, אַז ער זאָל פאַר דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" אָנשרייבן זיינע זכרונות. אויך ד"ר מאַקס ווײַנרייך האָט מיט אים פאַרהאַנדלט, אַז ער זאָל שרייבן זיינע זכרונות פאַרן „ייוואָ". ער האָט דאָך געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן, ער האָט דאָך אַזוי פיל געזען, אַזוי פיל געדענקט. ער האָט עס געוואָלט טאָן. אָבער אַליין שרייבן איז אים שוין שווער געווען. ער האָט געוואָלט דיקטירן, בכדי עס זאָל שפּעטער צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ בוך. עס וואָלט בלי ספק געווען איינס פון די וויכטיקסטע זכרונות־ביכער וועגן דער געשיכטע פונעם פוילישן יידנטום. ליידער איז עס נישט געטאָן געוואָרן.

עס איז דורך דעם פאַרלוירן געוואָרן אַ גרויסער היסטאָרישער אוצר, וועלכן עס האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין איינער פון די אָריגינעלסטע, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן.

9

גאַר אַנדערש איז געווען דער צווייטער פירנדיקער מיטגליד פון דער משפּחה — מיכאל שערעשאָווסקי. מיט עלף יאָר ייִנגער פון זיין עלטערן ברודער, האָט ער בלי־ספק אויך געהערט צו די אָריגינעלסטע געשטאַלטן פון דעם וואַרשעווער יידנטום. הגם זיין נאָמען האָט אָפטמאָל פיגורירט אין די לייטונגען פון פיל געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָט ער זיך אָבער מיט קיין כלל־טוערײַ אין דעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט כמעט נישט פאַרנומען. מען האָט זיך פּשוט באַנוצט מיט זיין נאָמען — נישט פרעגנדיק ביי אים אפילו קיין הסכמה. די פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט האָט ער איבערגעלאָזט זיין עלטערן ברודער רפאל און אין דער פילאַנטראָפּישער אַרבעט האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף זיין פרוי העלענאַ, די טאָכטער פון דעם וואַרשעווער ראש־הקהל ר׳ לייביש דאַווידזאָן.

ער האָט זיי אָבער אין יעדער הינזיכט געהאָלפן סיי מיט עצות, סיי אויך מיט ממשותדיקע מעשים. די משפּחה־סאָלידאַריטעט ביי די שערע־שאָווסקיס איז געווען זייער גרויס און אַלץ, וואָס עמיצער פון זיי האָט געטאָן, האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דער גאַנצער משפּחה.

קיין שום יידישער געזעלשאַפטלעכער ענין איז אים נישט געווען פרעמד, ווייל ער האָט ליב געהאַט מיט יעדער זאַך זיך צו אינטערעסירן, וועגן אַלעם צו וויסן. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער אָבסערוואַטאָר פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דורך און דורך אַ פּוילישער ייד, אַ קינד פון וואַרשע מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. וועגן אים האָט מען מיט רעכט געזאָגט, אַז ער קען וואַרשע נישט בלויז לויט דער געשיכטע פון דער שטאָט און פון די משפּחות, נאָר ער קען יעדן שטיין אויף די וואַר־שעווער גאַסן.

אָן אומגעהויערער אונטערנעמונגס־גייסט, איז ער געווען דער פּאַק־

טישער פירער פון דער באַנק און פון די פאַרצווייגטע געשעפטן פון דער משפּחה־באַנק. אַ פאַנטאַסטיש בליץ־שנעלע אָריענטאַציע אין פינאַנץ־ענינים, און — אַ ירושה־זאַך אין דער משפּחה — אַ פענאָמענאַלער זכרון און מאַטעמאַטישע פעאיקייטן. די פאַרפלאָנטערטסטע רעכענונגען פלעגט ער אויף דער מינוט אויפקלערן, נישט געדאַרפט קיין פּאַפּיר מיט קיין בלייפעדער, בכדי צוזאַמענצורעכענען חשבונות.

אַ האַרציקער שמועסער, פול מיט הומאָר, שאַרפזיניק און קלוג. פּשוט אין זיין באַציאונג מיט מענטשן, האָט ער ליב געהאַט די גאַס, די קאַפעען און דאָס באַהעמישע לעבן.

אין באַנק איז ער זעלטן ווען עס איז געזעסן אין זיין דירעקטאָרן־קאַבינעט. ער האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן צווישן דעם פּערסאָנאַל פון דער באַנק, אין דער קאַסע, צווישן די בוכפירער, און אַז מען האָט גע־דאַרפט רעדן מיט אים, איז נישט נייטיק געווען אָנצוקומען צו קיין פאַר־טיערן און סעקרעטאַרן. דערביי האָט ער עס זיכער געטאָן אָן שום גע־קינצלטקייט, אָן שום זייטיקע כוונות, ווייל ער האָט קיינמאָל צו קיין אָפיציעלע אַמטן נישט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור (הגם מען האָט עס אים אָפט פאַרגעלייגט), האָט קיין פּאָפּולאַריטעט נישט געזוכט, האָט קיין שטימען נישט געדאַרפט.

אַזוי איז ער געווען, אַזוי האָט ער ליב געהאַט מענטשן און אַזוי האָבן אים מענטשן ליב געהאַט. טאַקע צוליב זיין פּשטות.

די איינציקע אָפיציעלע אַמטן, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער עפנטלעכקייט, זענען געווען פון ריין־ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער: אַלס מיטגליד פון ראַט פון דער וואַרשעווער בערזע במשך פון גאַנצע 20 יאָר, אַלס האַנדלס־ריכטער פון וואַרשעווער קרייז־געריכט, עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע קאָמיטעטן אד״ג.

ווען איך האָב מיך געווענדט צו מיכאל שערעשאָווסקיס זון, יעזשי, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אַמט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער משפּחה, און איז היינט אַ באַ־שיידענער באַאַמטער אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, אַז ער זאָל אָנגעבן מיר אַ ביסל ביאָגראַפישע דאַטן וועגן זיין פאָטער, האָב איך באַקומען צוגע־

שיקט פאָלגנדיקע נאָטיצן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן דעם דאָזיקן מענטש:

„וועגן מיין פאָטער קען מען קיין ביאָגראַפיע נישט שרייבן. וועגן אים קען מען שרייבן גאַנצע בענד מיט פעליעטאָנען. יעדער איינער, וואָס האָט אים געקענט, וואָלט געקענט עפּעס אָנשרייבן. פּשוט, אָן אַ סך גריבלענישן, מיטן זעלביקן דערציילערישן סטיל, וואָס ער אַליין האָט זיין גאַנץ לעבן באַנוצט. מיין פאָטער האָט שטענדיק געהאַט פאַר יעדן איינעם עפּעס צו דערציילן, וואָס האָט יענעם געקענט אינטערעסירן.

ער איז געווען אַ מענטש מיט איינגעבוירענער אינטעליגענץ און אומגעהויער שנעלער אָריענטאַציע. ער איז געווען אַ מענטש פון טאַט און נישט פון דיסקוסיעס. זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען צוגלייך גרויס צווישן יידן פּונקט ווי צווישן פּאָליאַקן. ער האָט גערעדט צו יעדן מיטן זעלביקן אופן, אַלץ איינס צי דאָס איז געווען אַ הויז־וועכטער אָדער דער פירשט לובאָמירסקי. פריי פון יעדן סנאָביזם, וואָס ער האָט אויך פיינט געהאַט ביי אַנדערע. דאָס איז אַ זעלטענער שטריך ביי אַ רייכן פּוילישן ייד. ער האָט פיינט געהאַט כיבודים און אַמטן, וועלכע מען נעמט־אָן און וועלכע מען פירט נישט אויס. ער האָט נישט אָנערקענט קיין קלאַסן־אונטערשיידן. אַלע זענען פאַר אים געווען גלייך. מעגלעך, אַז דאָס איז אויך דער סוד פון דער ליבע, וואָס מענטשן האָבן צו אים געהאַט. ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו אַרבעטן און דאָס ווי אַ פּשוטער מענטש און נישט ווי אַן אָנגעבלאָזענער בעל־הבית.

אין דער הינזיכט איז ער געווען גאָר אַנדערש ווי זיין עלטערער ברודער רפאל, וועלכער האָט ליב געהאַט פּאָפּולאַריטעט. מיין פאָטער האָט ליב געהאַט צו זיין אין שאָטן, אַנאָנים...“

יעזשי שערעשאָווסקי האַלט, אַז זיין פאָטער איז געווען דער הויפּט־גורם פון דער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון זייער באַנק. ער האָט אויך אַ דאַנק זיין אינטואיציע און ריכטיקער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע עט־

לעכע מאָל פאַרהיט דאָס לאַנד פון גרויסע עקאָנאָמישע צוזאַמענברוכן. אַזוי דערציילט מיר יעזשי שערעשאָווסקי זייער אַ כאַראַקטעריסטישן עפּי־זאָד ווי אַזוי זיין פאָטער, נאָך דאַן אַ יונגער מענטש, ס״ה 34 יאָר אַלט, האָט ביים אָנהייב פון דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ממש געצוווּנגען די צאַרישע רעגירונג צו דערקלערן דעם מאָראַטאָריום אויף אַלע חובות, בכדי אויסצומיידן אַ צוזאַמענברוך פון דעם ווירט־שאַפטלעכן לעבן. די צאַרישע רעגירונג איז תחילת געווען קעגן דעם מאָ־ראַטאָריום־פּראָיעקט. האָט ער צוזאַמען מיטן פירשט סטאַניסלאַוו לובאָ־מירסקי באַשלאָסן צו באַזוכן אַלע האַנדלס־ריכטער אין וואַרשע און אויף זיי משפיע געווען, אַז זיי זאָלן עטלעכע טעג נישט קומען אין געריכט אַריין און במילא זאָלן נישט באַהאַנדלט ווערן קיין פּראָצעסן. אַ דאַנק דעם איז דאַן אויסגעמיטן געוואָרן דאָס דערקלערן באַנקראָט דעם גרעסטן טייל וואַרשעווער סוחרים. ערשט שפּעטער איז דערקלערט געוואָרן דער אָפיציעלער מאָראַטאָריום אויף חובות.

אַ צווייטן עפּיזאָד פון יענער צייט דערציילט מיר יעזשי שערע־שאָווסקי וועגן זיין פאָטער, אַז ווען די רוסישע מלוכה־באַנק איז נאָך דער ערשטער דייטשער אָפענסיווע אין יאָר 1914 געהיים אַנטלאָפן פון וואַר־שע, איז מיכאל שערעשאָווסקי, לויט דער באַפולמעכטיקונג פון אַלע וואַרשעווער בענק, נאָכגעלאָפן קיין שעדלעץ די רוסישע מלוכה־באַנק און אַרויסבאַקומען פון דאָרט די נייטיקע געלט־פאָנדן פאַר אַלע בענק.

אויך אין באַפרייטן פּוילן האָט מיכאל שערעשאָווסקי אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו אויפן פינאַנציעלן און ווירטשאַפטלעכן געביט און נישט איינמאָל איז אים געלונגען משפיע צו זיין מ׳זאָל אָפּרופן געוויסע געפּלאַנטע גזירות, וואָס וואָלטן אין דער ערשטער ריי אָנגערירט די עקאָ־נאָמישע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער איז אין אַזעלכע פאַלן קיינמאָל נישט אַרויסגעטראָטן אַלס אָפיציעלער פאָרשטייער פון אַ וועלכער עס איז פּאַרטיי אָדער גרופּע, נאָר שטענדיק מיט זיין פּערזענ־לעכן אויטאָריטעט, אַלס פאַכמאַן, אַלס עקספּערט, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך אָפּטמאָל צוגעהערט, נאָך וועמענס עצה מען איז אַזוי אָפט געקומען.

וואָס ער זאָל נישט האָבן געטאָן, האָט ער געהאַט אין זינען יידישע אינטערעסן און האָט געוווסט און געקענט מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך קעגנשטעלן יעדן אַנטיסעמיטישן אָנגריף. וואָס האָט אין די פּאַרשי־דענע צייטן פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט געהערט צו די גאָר אָפּ־טע דערשיינונגען.

מען וואָלט געקענט דערציילן אַ סך כאַראַקטעריסטישע און אינטע־רעסאַנטע עפּיזאָדן וועגן מיכאל שערעשאָווסקין, „די גרויע עמינענץ" פון דעם פּויליש־יידישן פינאַנץ־לעבן. אָבער איך מיין, אַז זיין זון איז טאָקע גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז וועגן זיין פאָטער דאַרף מען נישט שרייבן קיין ביאָגראַפיע. וועגן זיין פאָטער דאַרף מען שרייבן פּעליעטאָנען.

מיכאל שערעשאָווסקי איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון מענטשלעכער געמיטלעכקייט. אַפילו אין די שווערע מאָמענטן פון זיין באַנק־טעטיקייט האָט ער געזוכט צו נעמען די זאַכן מיט אַ וויץ, מיט אַ קיבעץ. אָבער קיינמאָל נישט לייכטזיניק, ווייל ער איז בטבע געווען זייער אַן ערנסטער און פּראַקטישער מענטש. ער האָט זיך באַצויגן צום לעבן זייער רעאַל און געוווסט דערפון צו געניסן. ער האָט אָבער שטענ־דיק געוווסט אונטערצושיידן דאָס גוטע פון דעם שלעכטן, דאָס נייטיקע פון דעם פּוסטן.

און דאָך...

10

עס איז דאָך פאַראַן אַן „אָבער".

ביי זייער גאַנצער פראַקטישקייט זענען דאָך די קלוגע שערעשאָווס־קיס געווען קורצזיכטיק. זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געווען קאָנצענטרירט אין פוילן און דורך דעם האָבן זיי טריי אָפּגעהיט דאָס געזעץ, אַז פּויליש בירגער טאָרן נישט האָבן קיין קאַפּיטאַלן אין אויסלאַנד. אַ סך פאַרמעגלעכע יידן האָבן אַזוי געהאַנדלט און זענען טאַקע נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

איז אַזעלכע רייכע באַנקירן און געשעפטס־אונטערנעמער נישט אָנגעשטאַנען עובר צו זיין אויפן לאַנד־געזעץ — קען מען עס נאָך פאַרשטיין. קיינער האָט דאָך נישט פאָרויסגעזען און בכלל נישט געגלויבט, אַז עס קען קומען צו אַזאַ חורבן.

אָבער אַז 'מען האָט געבעטן די שערעשאָווסקיס, זיי זאָלן עפּעס אינוועסטירן אין ארץ־ישראל, קויפן אַ שטיקל נחלה דאָרט, האָט עס זיי נישט אינטערעסירט. קיין ציוניסטן זענען זיי נישט געווען, הגם זיי האָבן געהערט צו די באַדייטנדיקעביישטייערער אויף די נאַציאָנאַלע פאָנדן און אויף פאַרשידענע ארץ־ישראל־אינסטיטוציעס. אָבער קיין קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס האָבן זיי דאָרט נישט געוואָלט מאַכן. געשעפטן האָבן זיי געהאַט בעסערע ביי זיך אין לאַנד. דער איינציקער אַקטיווער ציוניסטישער טוער אין דער שערעשאָווסקי־משפחה, איינער פון די הויפּט־טוער פאַר דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער העברעאישער שפּראַך און קולטור, איז געווען דער שוואָגער פון רפאל און מיכאל — אינזש' אליהו לעשצינסקי, וועלכער וווינט היינט אין ישראל.

דערביי האָט דער גורל געוואָלט, אַז דער מלחמה־שטורעם זאָל נאָך אַ שווערער פּליטים־וואַנדערונג פאַרוואַרפן מיכאל שערעשאָווסקין מיט

זיין פרוי דווקא קיין ישראל, ווו זיי האָבן דורכגעמאַכט די גאַנצע מלחמה־צייט. ווי שטענדיק ווייט פון פּאָליטיק, האָט מיכאל שערעשאָווס־סקי, נישט געקוקט אויף זיינע זייער באַגרענעצטע פינאַנציעלע מיטלען, זיך במשך פון די מלחמה־יאָרן פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישן די יידישע פּליטים פון פּוילן, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר און מיטגרינדער פון דער לאָזשע „בני־ברית" אין תל־אביב, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּראָפ׳ ד"ר משה שאָר.

נאָך דער מלחמה, נאָך איידער מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן אַלס אומאָפּהענגיקע מדינה, האָט זיך מיכאל שערעשאָווסקי מיט זיין פרוי אַרויסגעלאָזט איבער אייראָפּע און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן איז געווען — באַזוכן וואַרשע, זיין וואַרשע. ריכטיקער געזאָגט: די חורבות פון זיין אַמאָליקער וואַרשע, צו וועלכער ער איז געווען אַזוי צוגעבונדן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטלעכע פון זייערע פאַבריקן אין פּוילן זענען נישט חרוב געוואָרן, ווייל די נאַציס האָבן זיי געדאַרפט פאַר זייערע קריגס־צוועקן און דעריבער שטאַרק אָפּגעהיט. די נאַציס האָבן שוין נישט באַוויזן חרוב צו מאַכן די פאַבריקן פאַר זייער אַנטלויפן פון פּוילן און די נייע פּוילישע מאַכט האָט די דאָזיקע פאַבריקן נאַציאָ־נאַליזירט. דאָך איז מיכאל שערעשאָווסקין געלונגען צו באַקומען פון דער פּוילישער רעגירונג אַ געוויסע אַנטשעדיקונג, און דערצו נאָך אין עפעק־טיווע דאָלאַרן, וועלכע זענען אויסגעצאָלט געוואָרן אין אויסלאַנד, און דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו זיכערן זיך אַ באַשיידענע עקזיסטענץ אויף דער עלטער.

וואָס אַזאַ ייד ווי מיכאל שערעשאָווסקי האָט איבערגעלעבט, באַ־זוכנדיק די חורבות פון זיין געבורטס־שטאָט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק, בעת דער מסיבה, וואָס די רעשט־לעך פון די וואַרשעווער יידן האָבן אין יאָר 1948 איינגעאָרדנט לכבוד אים אין נאָזשיקס שול אויף טוואַרדע 6. הגם נישט קיין רעדנער, האָט מיכאל שערעשאָווסקי בעת יענער מסיבה זיך ממש צעזונגען וועגן דער געשיכטע פון וואַרשע, דערמאָנט די פאַרזאַמלטע די גאַסן, משפחות, איינ־

סטיטוציעס, געשעעענישן, עפּיזאָדן — וואָס ער האָט אין זיין שטענדיק פּענאָמענאַלן זכרון אַזוי גוט געדענקט. מענטשן האָבן זיך צוגעהערט און זיך צעוויינט, ווייל דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, דער אַמאָל פון זייער אייגענעם לעבן. וועגן דער פאַרזאַמלונג אין נאַזשיקס שול זענען געווען אויספירלעכע באַריכטן אין דער דעמאָלטיקער צייטונג פון די רעשטלעך פּוילישע יידן „דאָס נייע לעבן" און קאָרעספּאָנדענצן אין דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע.

האָב איך בכן געוווסט וועגן דער רירנדיקער פאַרזאַמלונג און וועגן שערעשאָווסקיס איינדרוקספולער רעדע. דאָך, ווען מיר האָבן זיך גע־טראָפן סוף 1948 אין ריאָ דע זשאַנעירא, האָט ער פאַר מיר איבערגע־חזרט די גאַנצע רעדע, ווייל ער האָט אַלץ נאָכאַמאָל איבערגעלעבט.

מיכאל שערעשאָווסקי האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי פאַרלאָזט פּוילן, זיי האָבן נאָך — ווי אין די אַלטע גוטע צייטן — באַזוכט קאַרלסבאַד און פון דאָרט געקומען קיין בראַזיל, וווּ עס געפינען זיך זייערע קינדער.

די באַגעגעניש האָט זיכער געהערט צו די שטאַרק עמאָציאָנירנדיקע סיי פאַר מיר, סיי פאַר אים. אונדזער געמיינזאַמער פריינד, דער אַמאָל אַזוי פּאָפּולערער וואַרשעווער אַדוואָקאַט, הענריק שולץ, האָט מיך באַ־גלייט אין דער קליינער, באַשיידענער, אָבער מיט אַ סך געשמאַק איינ־געאָרדנטער דירה, וואָס די קינדער האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אין דער עלע־גאַנטער געגנט קאָפּאַקאַבאַנאַ.

שערעשאָווסקי האָט מיר על רגל אחת דערציילט זיינע איבערלעבונ־גען, זיך אויסגעפרעגט וועגן מיר און געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן יידישן לעבן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וועגן די אינסטי־טוציעס און וועגן די מנהיגים. ער האָט מיר דערציילט, אַז צווישן די ערשטע זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן נאָכן קומען קיין ריאָ און נאָכן אָפּ־פרייען זיך מיט די קינדער, איז געווען זיין באַזוך אין כהנס בוכהאַנד־לונג, וווּ ער האָט אַ בלעטער־געטאָן די נייע יידישע ביכער און זיך פאַר־שאַפט אַ פּעקל יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון נאָרד־אַמעריקע.

קיין באַשטימטע פּלענער וואָס ער וועט ווייטער טאָן האָט ער נאָך נישט געהאַט. פאַר אַ מענטשן, וואָס איז שוין דאָן געווען נאָענט צו די

זיבעציק, איז עס נישט אַזוי לייכט זיך צו קענען שנעל אַקלימאַטיזירן אין דער אַזוי נייער און אַזוי פרעמדער סביבה. די איינציקע פרייד זיינע אין יענע ערשטע צייטן איז געווען, אויסער זיינע באַגעגענישן מיט די קינדער און אייניקלעך, אויך מיט פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין בראַזיל און האָבן גוט געקענט דעם אַמאָליקן וואַרשעווער באַנקיר. ער האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעלעבט מיט די זכרונות וועגן דעם פאַרשווונדע־נעם נעכטן.

גלייכצייטיק האָט ער אָבער געמאַכט פּלענער פאַר זיין צוקונפט, שטודירט די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, אָנגעקניפּט קאָנטאַקטן מיט מענטשן און ווידער געוואָלט ווערן באַוועגלעך און אַקטיוו ווי אין זיינע אַמאָליקע גוטע יאָרן. ער האָט זיך אויך געקליבן שרייבן זיינע זכרונות וועגן וואַרשע.

עס איז אים אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג צו געניסן פון דעם נייעם פאַר אים לעבן און צו קענען רעאַליזירן וועלכע עס איז פון זיינע נייע פּלענער.

אין דער נאַכט פון 8טן אויפן 9טן מערץ 1949 איז מיכאל שערע־שאָווסקי געשטאָרבן נאָך אַ דריי־טאָגיקער קראַנקייט, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ האַרץ־אַטאַק.

אויפן בית־עולם פון וויטן ריאָ האָט ער געפונען זיין אייביקע רו.

מיטן טויט פון די צוויי ברידער רפאל און מיכאל שערעשאָווסקי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין וואַרשע.

מיט די דאָזיקע זכרונות לעבט איצט איינע פון די לעצטע פון דעם דאָזיקן גרויסן דור — די אלמנה פון מיכאל שערעשאָווסקי — העלענאַ פון די דאַווידזאָנס און די קינדער זייערע, וואָס וווינען אין בראַזיל, ראַנג־לענדיק זיך פאַר זייער באַשיידענער עקזיסטענץ אין אַ נייער סביבה און נייע אומשטענדן.

ברעגמאַן

1

אויף די פלאכע פויליש־ליטווישע שליאכן איז אַמאָל געווען אַ שטעטל.

דער אַמאָל איז נישט אַזוי ווייט, ס״ה געציילטע יאָרן, אָבער אין דער פּערספּעקטיוו פון די געשעענישן דאַכט זיך, אַז גאַנצע דורות זע־נען שוין פאַריבער פון יענער צייט זינט דאָס שטעטל איז אָפּגעווישט גע־וואָרן פון דער אויבערפלאַך. דאָס שטעטל אַלס אַזעלכעס עקזיסטירט נאָך אפשר היינט צו טאָג. מעגלעך, אַז עס לעבן און אַרבעטן דאָרט מענטשן; אַז קינדער שפּילן זיך אויף די נישט־אַספּאַלטירטע און נישט־ברוקירטע געסלעך. מעגלעך, אַז דאָס געזאַנג פון קינדער הילכט אויך היינט אָפּ אין דאָס אומבאַקאַנטע; אָבער פאַר אונדז האָט דאָס שטעטל אויפגעהערט צו עקזיסטירן סיי געאָגראַפיש, סיי פיזיש. אַזוי ווי הונדער־טער ענלעכע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, וווּ עס האָט אַמאָל פּול־סירט אַן אַקטיוו יידיש לעבן, וואָס איז אין דעם לעצטן מלחמה־שטורעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אַש.

אויב דאָס שטעטל עקזיסטירט נאָך יאָ ערגעץ, איז עס אין זכרון פון יענע מענטשן, וואָס שטאַמען פון דעם שטעטל און זענען פון דאָרט באַ־צייטנס אַוועק, זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע וועלטן, און ווען זיי דערמאָנען זיך זייערע קינדער־און יוגנט־יאָרן, דערמאָנען זיי במילא זייער היים־שטעטל. מען מאַכט יזכור־ביכער נאָך די אַלע שטעט און שטעטלעך, ווייל ווען דער איצטיקער דור וועט פאַרשווינדן, וועט צוזאַ־מען מיט אים אויך פאַרשווינדן דער לעצטער זכר נאָכן שטעטל.

וועגן איינער אַן אינטערעסאַנטער, כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט משונה־דיקער משפחה פון אַזאַ מין שטעטל וויל איך דאָ איצט דערציילן.

די משפחה הייסט ברעגמאַן און דאָס שטעטל הייסט אמדור. אַז מען וויל זיין פּינקטלעכער, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן, אַז ביידע הייסן שוין נישט, נאָר האָבן געהייסן. אַמאָל. אַמאָל...

אמדור געפינט זיך נעבן גראָדנע און האָט געהערט צו דעם מין יידישע שטעטלעך, ווו כמעט די גאַנצע שטעטלדיקע באַפעלקערונג איז געווען אַ יידישע און די געציילטע קריסטלעכע משפחות האָבן געוווינט כמעט מחוץ דעם שטעטל.

דאָס שטעטל האָט די געשיכטע פון הונדערטער יאָרן און לעגענדעס פלעגן זיך וועבן וועגן די באַזוכן, וואָס פוילישע קיניגן פלעגן דאָרט מאַכן, בעת זייערע נסיעות איבערן לאַנד, בפרט בעת די פויליש־ליטווישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען אין גראָדנע, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פון פויליש־ליטווישן מלוכהשן און קולטורעלן לעבן.

אויך אין דער יידישער געשיכטע, בפרט אין דער געשיכטע פון די חסידיש־מתנגדישע קאַמפן, האָט דאָס קליינע שטעטל געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע.

מיט גאַנצע 170 יאָר צוריק איז אמדור געווען אַ וויכטיקער חסידישער צענטער און עס האָט דאָרט געפירט דעם רבישן הויף אַן אָריגינעלע געשטאַלט פון דעם חסידיזם, ר׳ חיים חייקאָ.

פּראָפ. שמעון דובנאָוו דערציילט וועגן דעם אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם" (ביבליאָטעק פון ייוואָ, ווילנע, 1938) אַ רייע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן:

„די רדיפות מצד די מתנגדים האָבן געשטאַרקט דעם פאַנאַטיזם אין לאַגער פון חסידים און האָבן געשאַפן דעם טיפּ פון אַ „צדיק" אַ מורה, וואָס האָט פיינט די רבנים פון גאַנצן הארצן. אַזאַ מורה איז געווען ר׳ חיים חייקאָ (חייקל) פון אמדור, וואָס זיין השפעה אין גראָדנער קרייז האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מתנגדים און האָט זיי געצוווּנגען צו פאַרבאָטן יידן צו פאָרן אין דעם געפערלעכן אָרט. זיין תורה האָט ר׳ חייקל איבערגענומען פון מעזריטשער מגיד און שפּעטער פון די קאַרלינער ר׳ אהרון און ר׳ שלמה. אין דער לעבנס־צייט פון מגיד האָט חייקאָ געהערט צו ר׳ ישראל פּאָלאָצקערס גרופּע „מיסיאָנערן" און פלעגט צוציען קיין מעזריטש יונגעלייט, כדי זיי דאָרט צו מאַכן פאַר חסידים. אַז ער איז אַליין געוואָרן אַ „רבי" אין אמדור, פלעגט ער אַרומ־

שיקן „מיסיאָנערן" צו קלייבן מאמינים פאַר דעם נייעם צענטער. דאָ איז ער געווען דער ראש צווישן פייערדיקע חסידים, וואָס זענען נאָך שטאַרקער צוגעבונדן געוואָרן צו זייער רבינס תורה, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט די רדיפות אויף דער פאַרשטויסע־נער סעקטע. אין אמדור פלעגט מען פאַרשפרייטן שנאה פאַר שנאה. און ר' חייקל אַליין איז נישט געווען אָפּגעהיט אין זיינע רייד קעגן די פאַנאַטישע רבנים. אין די קרייזן פון די מתנגדים פלעגט מען ריידן שלעכטס אויף ר' חייקלען און זיינע חסידים: „זייער רבי ר' חייקא פון אמדור, וואָס איטלעכער, וואָס איז ניט פון זייער „כת" וועט אויף אים עדות זאָגן, אַז ער איז אַ שוטה, אַ רשע, אַן עם־הארץ און גראָבער יונג."

„חייקאָ פון אמדור איז געווען אַ מלמד און האָט זיך מפרנס געווען מיט גרויס מי. וואָס האָט געטאָן דער דאָזיקער אָרעמאַן? איז ער אַוועק קיין קאַרלין און האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט דעם סדר פון דער עבודה... און ער האָט אָנגעהויבן פאַנגען נשמות מיט זיין גלאַטער צונג, און עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום אים מענטשן ליידיקגייער און פוסטעפּאַסניקעס (ריקים ופוחזים) און ער האָט גענומען זאָגן פאַר זיי זיין תורה. ער האָט אַרומגעשיקט פאַרפירערס אין די איבעריקע קהלות און אין דער לעצטער צייט האָט ער געשיקט זיין משרת איבערצוריידן און צו פאַרפירן... און זיין משרת האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט טרעפן דעם ווילנער גאון, וועט ער אַריינשטעכן אַ מעסער אין זיין בויך."

„דער בן־דור דערציילט נאָך ווי אַזוי ר' חייקל האָט זיך געפירט צווישן זיינע חסידים: דער אמדורער צדיק פלעגט נעמען „פדיון נפש" פון אַלע, וואָס זענען צו אים געקומען און דערפון פלעגט ער האָבן פרנסה „מיט גרויס כבוד און אָן שום מי". ער פלעגט נאָר זיצן אויף אַ שטול אַרומגעקלעפּט מיט גאָלד־פּאַפּיר אין זיין חדר־מיוחד און זיינע תלמידים זענען געשטאַנען אַרום אים רעכטס און לינקס"... „אמת איז — איז דער מתנגדישער מחבר מודה — אַז פון דעם געלט, וואָס ער נעמט ביי די גבירים אויף

פדיונות, גיט ער אַוועק און איז מפרנס אָרעמעלייט וואָס זיצן
ביי אים. וואָרעם דאָס איז זייער שטייגער: אַז אַ מענטש קומט
צו זיי, פאַרהאַלט ער זיך אַ יאָר אָדער אַ האַלב יאָר ולכל הפחות אַ
פערטל יאָר, און וואָס מער עמיצער זיצט ביי זיי, אַלץ מער האַלטן
זיי פון אים... און די אָרעמעלייט צווישן זיי קריגן הספקה לויט
זייער מעלה נאָך, ווער אַ האַלבן גילדן און ווער צוואַנציק גדולים
(גראָשן) פויליש, און דער באַזונדערס חשובער נעמט אַ גילדן.
און זיי גיבן אַלע אַוועק וויפיל זיי האָבן ר׳ חייקלס שווער, וואָס
ער איז באַרימט פאַר אַ גרויסן עם־הארץ און ער קאָכט פאַרן
געלט אַ גרויסן קעסל געקעכץ, וואָס ווערט אָנגערופן „קרופּניק"
און אַלע עסן צוזאַמען. און דערפון האָט אויך זיין שווער פּרנסה
מיט גרויס כבוד פאַר זיין טרחה ביים געבן זיי עסן. און אַלע
קלויבן זיך צונויף ביינאַכט און שלאָפן אויף איין בוידעם."

די דאָזיקע שילדערונג זאָגט עדות אויפן צושטאַנד פון דער אמדורער
חברה אין דער קורצער צייט צווישן 1772 און 1787, וואָרום איז יאָר
1787 איז געשטאָרבן ר׳ חייקל"...

נישט סתם קיין קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים איז עס געווען.
אַמדור איז געווען אַ מיטלפונקט פון דעם דאָזיקן קאַמף און די גרעסטע
רבנישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט מיטן ווילנער גאון בראש האָבן
אויסגערופן אַ חרם קעגן די חסידים און זייערע רביים. נישט בלויז מען
האָט נישט געטאָרט זיין אין די ד׳ אמות פון די חסידישע הויפן, נאָר
מען האָט בכלל נישט געטאָרט קומען אין אַ שטעטל, ווו דער רבי מיט
זיין הויף האָט זיך געפונען. אמדור האָט געהערט צו די „פאַרבאָטענע"
שטעטלעך, ווייל די השפעה פון ר׳ חייקאַ איז געווען געוואַלדיק גרויס.

דורות לאַנג, ווען דאָס חסידות איז שוין לאַנג, לאַנג געווען פאַר־
שוונדן פון אמדור, האָט מען זיך דערציילט אין די בתי־מדרשים און
קלויזן לעגענדעס וועגן דעם אַמאָליקן אַמדורער רבין, וואָס האָט אַזוי
באַרימט געמאַכט דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל, וואָס האָט ווייטער גע־
לעבט, אָבער זיך גאָרנישט אַנטוויקלט. דער לעבנס־שטייגער פון דעם
שטעטל האָט זיך בלויז כסדר געענדערט און זיך צוגעפּאַסט צו די באַדינ־

גינגען פון דער צייט. עס האָט זיך ווייניק וואָס אונטערשיידט פון אַלע ענלעכע שטעטלעך פון אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטערדיקן פּוילן. מיט אַלע מעלות און אַלע חסרונות פון דעם כאַראַקטער פון דעם מין שטעט־לעך. און פּונקט ווי אַלע ענלעכע שטעטלעך האָט אויך אמדור צוגע־שטעלט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו און אַ צאָלרייכן עלעמענט פאַר עמיגראַציע. ווער אין די גרעסערע שטעט פון דער שכנות, ווער מעבר לים. יוער — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — קיין ארץ־ישראל. געווען דאָרט קעמפער און געווען דאָרט בעלי־חלומות. געווען פון אַלעם צוביסלעך. ווי דאָס איז געווען דער שטייגער פון יידישן לעבן אין יענער צייט.

ווען איינער אַ משפחה, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם דאָזיקן שטעטל אמדור און האָט געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן, וויל איך דאָ איצט דערציילן.

2

צו די עלטסטע יידישע משפחות פון דעם קליינעם פּויליש־ליטווישן שטעטל האָט געהערט די משפּחה ברעגמאַן. קיין גענויע פּרטים וועגן דעם יחוס פון דער משפּחה זענען נישט פאַראַן. פון וואַנען האָט זיך די דאָזיקע משפּחה גענומען אין אמדור ווייסט מען נישט. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער פאַמיליען־נאָמען ברעגמאַן איז אויך נישט באַקאַנט. דאָס איינציקע, וואָס מען ווייסט, איז, אַז די דאָזיקע משפּחה האָט געהערט נישט בלויז צו די רייכסטע אין שטעטל, נאָר אין דער גאַנצער געגנט. און רייכקייט איז אין יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט מעשים טובים.

האָט טאַקע ר׳ לייזער ברעגמאַן זיך אויסגעצייכנט מיט די דאָזיקע מעלות. אין יענער צייט איז ווייניק געווען צו געבן צדקה אָדער סתם זיך באַטייליקן אין כלל־ענינים. אַ גבירישע משפּחה האָט געוואָלט עפּעס אויסבויען אויף אייגענעם חשבון, האָט געוואָלט פאַרבינדן דעם נאָמען מיטן שטעטל, פון וואַנען מען שטאַמט און ווו מען לעבט. האָט טאַקע ר׳ לייזער ברעגמאַן אויסגעבויט אין אמדור אַ גרויסן הילצערנעם בית־המדרש, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען און האָט עקזיסטירט פיל צענדליקער יאָרן ביז צום איצטיקן חורבן. ער האָט אויך אויסגעבויט די ערשטע פאַר יענע צייטן מאָדערנע באָד אין שטעטל, און זיין הויז איז געווען אָפן פאַר פיל נויטליידנדיקע — סיי פאַר די אָרטיקע, סיי פאַר פרעמדע, דורכרייזנדיקע יידן.

ר׳ לייזער ברעגמאַן האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט דער רעגירונג, געווען אַ צושטעלער און פלעגט אָפט צופאָרן קיין גראָדנע, ווו ער האָט אויך געהאַט אַ טייל פון זיין פאַרמעגן. ער האָט דאָרט געבויט הייזער און געהאט געשעפטן. מיט דער צייט האָט אַ גאַנצע גאַס מיט הייזער און געשעפטן געהערט צו ברעגמאַנען און מען האָט די גאַס גערופן טאַקע ברעגמאַנס גאַס. הגם אָפיציעל האָט די גאַס געהאט אן אַנ־

דער נאָמען. האָט קינד און קייט אין גראָדנע געוווסט, אַז דאָס איז ברעגמאַנס גאַס. ר׳ לייזער האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַזעצט מיט זיין משפּחה אין גראָדנע און אויך דאָרט אויסגעבויט אַ שול, וואָס האָט אויך געטראָגן זיין נאָמען און מיטגעווירקט צו שאַפן אַ רייע וויכטיקע יידישע אנשטאַלטן.

ר׳ לייזער האָט געהאַט אַ צאָלרייכע משפּחה. איינער פון זיינע קינדער, שבתי, איז געווען דער שפּעטערדיקער וואַרשעווער ראש־הקהל. געבוירן געוואָרן איז שבתי אין אמדור אין יאָר 1857. די קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין זיין געבורטס־שטעטל און דאָרט געלערנט אין אַ חדר. ווען די משפּחה איז אַריבער קיין גראָדנע, האָט דאָרט שבתי פאָרגעזעצט זיינע לימודים און איז אריין אין פאָטערס געשעפטן, וועלכע ער האָט נאָכמער געהאָלפן אַנטוויקלען. געווען זענען זיי צושטעלער פאַר דער רוסישער אַרמיי און בעת די מלחמה־צייטן פלעגט מען דערביי מאַכן ריזיקע פאַרמעגנס. שבתי ברעגמאַן פלעגט אָפט פאָרן קיין פּעטערבורג און האָט געהאַט, ווייזט אויס, זייער גוטע באַציאונגען מיט דער צאַרישער מאַכט, ווייל ער האָט באַקומען די רעכט צו וווינען און פריי זיך צו באַוועגן אין אַלע שטעט, וווּ סתם־יידן האָבן נישט געטאָרט זיך געפינען. ער האָט אַפילו באַקומען דעם טיטול פון „ערן־בירגער" („פּאָטשאָטני גראזשדאַנין"). דאָס איז געווען אַזאַ מין כבוד, פאַר וועלכן מען האָט געדאַרפט גוט באַצאָלן. ווי פלעגט מען עס זאָגן אין אַמאָליקע צייטן? אַז מען וויל גוט פאָרן, מוז מען גוט שמירן... עס האָט טאַקע געקאָסט אַ סך, אָבער עס האָט געלוינט...

די געשעפטן פון שבתי ברעגמאַן זענען אַוועק אַזוי גוט, אַז גראָדנע איז שוין אויך געווען פאַר אים אַ צו קליינער כרך. אַ געוויסע צייט האָט ער געוווינט אין ווילנע און דאַן זיך באַזעצט אין וואַרשע, וווּ ער איז שנעל געוואָרן זייער אַ חשובער תושב און זייער אַן אַקטיווער עסקן.

אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז שבתי ברעגמאַן אַריינגעצויגן געוואָרן גאָר פרי, נאָך אַלס שילער און שפּעטער יונגער סוחר אין גראָדנע. דאָס איז געווען אין יענע שטורמישע יאָרן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, ווו קיין שום יונגער אינטעליגענטער מענטש האָט זיך נישט

געקענט געפינען מחוץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווער עס איז געגאַנגען אין די רעוואָלוציאָנערע רייען, ווער עס איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער השכלה־באַוועגונג און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. שבתי ברעגמאַן האָט געהערט צו דער לעצטער גרופּע און מיר זעען אים צווישן די ערשטע עסקנים פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג. באַזעצנדיק זיך שפּעטער אין וואַרשע, ווערט ער אַקטיוו אין די וויכטיקסטע יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און הגם ער גייט ווייטער־אָן ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד, דערנעענטערט ער זיך צו די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן און עס געשעט מיט אים אַן אינטערעסאַנטע טראַנספאָרמאַציע.

פון ר' שבתי ווערט ער גאָר סעבאַסטיאַן... אין די דרום־אַמערי־קאַנער לענדער געהערט עס היינט צו גאַנץ נאָרמאַלע דערשיינונגען, אַז שבתי זאָל זיך רופן סעבאַסטיאַן און שכנא זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין סאַנטיאַגאָ אָדער גאָר סאַלוואַדאָר; טיפּיש קריסטלעך־רעליגיעזע נעמען. אָבער אין דעם יידישן לעבן פון אַמאָל, אַפילו ווען יידן פלעגן פאַר־גוישן זייערע נעמען, פלעגט עס זעלטן ווען דערגריין צו אַזאַ עקסטרעם, ווי דאָס איז געווען מיט ר' שבתי ברעגמאַן. אָבער שבתי ברעגמאַן איז געוואָרן אַ ייד אַ שתדלן צוליב זיינע גרויסע געשעפטלעכע פאַרבינדונ־גען מיט דער צאַרישער מאַכט, און אַ דאַנק זיין אַקטיוון אַנטייל אין דעם וואַרשעווער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווערט ער שוין אין יאָר 1901 דאָזאָר אין דער וואַרשעווער קהילה, מיטווירקנדיק אַקטיוו מיט די דעמאָלסטיקע אַסימילאַטאָרישע קהלה־מושלים. ער איז אויך גע־וואָרן אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס, געווען זייער אַקטיוו אין דער שאַפונג און באַרייכע־רונג פון דער באַרימטער יודאַאיסטישער ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע. אין יאָר 1919 ווערט ער געוויילט אַלס פאַרזיצער פון דעם סינאַגאָגע־קאָמיטעט און דעם אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן גאַנצע 20 יאָר, ד. ה. ביז צום חורבן פון וואַרשע.

אין דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג איז שבתי ־ סעבאַסטיאַן ברעגמאַן געווען טעטיק אַלס דאָזאָר 25 יאָר צייט און די לעצטע דריי

יאָר פון די 25 איז ער געווען דער ראש־הקהל. ער איז געווען דער לעצטער ראש־הקהל פון דער אַסימילאַטאָרישער עפּאָכע אין דער וואַר־שעווער יידישער קהלה.

ווען פוילן האָט אויפגעלעבט איז שוין אין יאָר 1919 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג וועגן דער נייער וואַל־אָרדינאַציע צו דער קהלה אויפן יסוד פון אַלגעמיינע, דעמאָקראַטישע, פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן פאַר אַלע מיטגלידער פון דער קהלה. אָבער די פּוילישע מאַכט האָט זיך נישט געאיילט אין דער פּאַקטישער דורכפירונג פון די וואלן צו די יידישע קהלות, כדי נישט צו געבן קיין מעגלעכקייט דער יידישער באַ־פעלקערונג צו האָבן זייער אייגענע נאַציאָנאַלע טריבונע, פון וועלכער עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די פאָדערונגען פון די פאַרשידענע שאַטי־רונגען אין דעם יידישן לעבן. האָט מען אָפּגעשלעפּט ווי לאנג עס האָט זיך געלאָזט און דערווייל האָבן די אַלטע דאָזיקע פאַרוואלטעט און געבעל־הביתעוועט איבערן קהל. ערשט אין יאָר 1926 זענען צושטאנד געקומען די נייע קהלה־וואַלן און אויף שבתי ברעגמאַן איז אויסגעפאלן די מיסיע צו דערעפענען פייערלעך די ערשטע זיצונג פון דעם ניי־גע־וויילטן דעמאָקראַטישן קהלה־ראַט. זיין פונקציע איז באַשטאַנען אין פאַרלייענען דעם דעקרעט פון בילדונגס־מיניסטער סטאַניסלאַוו גראַב־סקי, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער מיניסטער פאַר רעליגיעזע אָנגעּ־לעגנהייטן, און אַזוי אַרום איבערגעבן די מאַכט די ניי־געוויילטע קהלה־פאַרשטייער. שבתי ברעגמאַן, אין באַגלייטונג פון די איבעריקע דאָזאָ־רעס און פאַרשטייער פון דער מאַכט, איז אַריינגעקומען אין זאַל און פאַרנעמענדיק דאָס אָרט ביים פּרעזידיום־טיש, האָט ער מיט אַ ציטער־דיקער שטימע געוואָלט דערעפענען אין פויליש די זיצונג פון קהלה־ראַט און פאַרלייענען דעם דעקרעט פון דער רעגירונג. עס איז אָבער אויסגע־בראָכן אַ שטורם אין זאַל, ווייל דאָס רוב פאַרזאַמלטע פּרנסים, די אַר־בעטער־פאַרשטייער, פאָלקסטימלעכע ציוניסטן, פאָלקיסטן, האַנטווערקער און פיל פון די רעליגיעזע פּרנסים, האָבן געפאָדערט, אַז ער זאָל רעדן יידיש. דער אין אמדור געבוירענער ראש־הקהל שבתי־סעבאַסטיאַן ברעגמאַן האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן און דווקא געוואָלט רעדן נאָר פויליש. אויך די פּרנסים האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן און גע־

האַלטן אין איין שטורעמען: „יידיש! יידיש!" מען האָט עטלעכע מאָל גע־מוזט איבעררייסן די זיצונג, מען האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, געפירט אונטערהאַנדלונגען, אָבער אַלץ אָן רעזולטאַט. דער „ליטווישער פּאַ־ליאַק", דער אַמאָליקער גוטער ברודער מיט הויכע צאַרישע באַאַמטע, האָט געהאַלטן, אַז אין פּוילן דאַרף מען רעדן נאָר פּויליש און נישט גע־וואָלט בשום אופן נאָכגעבן. נאָך פיל שעהדיקע סקאַנדאַלן איז מען געקומען צו אַן אָריגינעלן הסכם: שבתי־סעבאַסטיאַן ברעגמאַן וועט זיך באַגרעניצן בלויז מיטן לייענען דעם אָפיציעלן טעקסט פון דעם דעקרעט אָן שום אייגענע קאָמענטאַרן און דרשות. די אָפּאָזיציע וועט ווייטער טומלען, אַז מען זאָל נישט הערן וואָס דער ראש־הקהל לייענט און פאַרן פּראָטאָקאָל וועט עס הייסן, אַז דער פּרעזוס פון דער קהלה האָט אויס־געפירט זיין פליכט, „פייערלעך" דערעפנט דעם נייעם קהלה־ראַט און איבערגעגעבן די מאַכט די נייע פאָלקס־פאָרשטייער. אַזוי אַרום איז דער קריזיס געלייזט געוואָרן.

אָבער ווי אינטערעסאַנט דער דאָזיקער עפּיזאָד זאָל נישט זיין פאַר דער געשיכטע פון דעם אַמאָליקן שפּראַכן־און קולטור־קאַמף אין פּוילן, האָב איך אים דאָ ציטירט צוליב נאָך אַ כוונה: בכדי צו באַווייזן ווי אַזוי דווקא ליטווישע יידן האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַסימילאַטאָרישער עבודה צו פּאָלאָניזירן דאָס יידישע לעבן.

די משפּחה ברעגמאַן האָט דערין געהאַט גאָר אַן אָנגעזעענעם חלק.

3

עס איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג:

די פּוילישע אַנטיסעמיטן פלעגן אין משך פון יאָרן און יאָרן רודפן יידן צוליב די אַזוי־גערופענע ליטוואַקעס. נאָך די גירושים אין מאָסקווע, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און ליטע, פלעגן קיין וואַרשע אָנקומען גרויסע מאַסן רוסישע און ליטווישע יידן. טייל פון זיי האָט אויסגעוואַנדערט ווייטער, אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער און קיין אַמעריקע. ליטווישע יידן זענען ס׳רוב אַוועק קיין דרום־אַפריקע. אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי איז פאַרבליבן אין פּוילן, בפרט אין וואַרשע און לאָדזש. נעבן יידיש איז זייער שפּראַך געווען רוסיש. האָבן די פּאָליאַקן פאַרגעוואָרפן, אַז די ליטוואַקעס רוסיפיצירן פּוילן. העלפן די רוסישע אונטערדריקער צו באַפעסטיקן אין פּוילן די רוסישע שפּראַך און די רוסישע קולטור. אין פלוג גענומען איז עס אויך אין ערשטן דור געווען ריכטיק. די ניי־אָנגעקומענע איז די רוסישע שפּראַך געווען אַ סך נענטער ווי די פּוילישע, הגם רוסלאַנד איז פאַר זיי געווען אַ שטיף־מוטער. אָבער גאַר שנעל האָבן זיך די דאָזיקע רוסיש־רעדנדיקע ליטוואַקעס פּאָלאָניזירט און שוין דער צווייטער דור האָט באַטראַכט פּויליש פאַר זיין מוטער־שפּראַך. וואָס דאַרף מען מער, די עלטערן פון דעם גרעסטן פּוילישן פּאָעט יוליאַן טווים, דעם וווּנדערבאַרן קענער פון דער פּוילישער שפּראַך, זענען געווען ליטוואַקעס, איינגעוואַנדערטע אין לאָדזש.

אָבער געווען צווישן די דאָזיקע ליטוואַקעס אַזעלכע, וואָס האָבן נישט בלויז באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און זיך באַהאָפטן מיט דער פּוילישער קולטור, נאָר וואָס האָבן אויך גענומען אויף זיך די מיסיע צו פּאָלאָניזירן דאָס גאַנצע יידישע לעבן. האָט שבתי ברעגמאַן טאַקע זיך געקאָנט באַרימען דערמיט, וואָס ער האָט געהערט צו די פּיאָנערן פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג; וואָס ער האָט געהערט צו די פּראָטעקטאָרן פון „בצלאל" אין ירושלים און אַז זייענדיק אין אָדעס, האָט ער זיך

אָנגעשלאָסן אָן דער דאָרטיקער פּראָ־פּאַלעסטינע־באַוועגונג. אָבער ווען ער איז אַריין אין דעם וואַרשעווער יידישן לעבן, האָט ער געהאַלטן, אַז מען דאַרף באַקעמפן דעם „זשאַרגאָן״, אַז מען דאַרף לערנען די קינדער פּויליש, אַז מען דאַרף רעדן פּויליש און זיך באַהעפטן מיט דער פּוילישער קולטור. אַליין האָט ער גערעדט אַ גאַנץ נעבעכדיקן פּויליש. אַפילו נישט קיין ליטווישן פּויליש, וואָס האָט אויך געהאַט אַ געוויסן חן און וואָס אַ סך פּאָליאַקן פון די ראַנד־לענדער האָבן אַזוי גערעדט. אַפילו פּילסודסקי אַליין האָט געהאַט אַזאַ ליטווישע אויסשפּראַך. אָבער אונדזער „פּאַן סעבאַסטיאַן״ האָט געהאַט דאָס, וואָס מען פלעגט אין וואַרשע רופן, אַ ליטוואַצקע (און נישט ליטווישע) אויסשפּראַך. דאָס הייסט, אַ צעקאַליעטשעטע, מיט אַ ספּעציפישן זינגענדיקן ניגון. גראַמאַטיקאַליש האָט ער אַפילו גאָר גוט באַהערשט די שפּראַך, נאָר צוליב דער אויסשפּראַך איז ביי אים אַלץ אַרויס קאַפּויער. זיין פּאָלאָניזאַטאָרישע כוונה איז געווען גרעסער ווי די מעשה...

אָבער אין שבתדיקע און יום־טובדיקע טעג האָט ער מאַרשירט דורך די וואַרשעווער גאַסן מיטן צילינדער אויפן קאָפּ אין דער ריכטונג פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע און זיין שיינע, ברייטע פוך־ווייסע באָרד האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דורכגייער. יידן האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם „פּאַן פּרעזעס סעבאַסטיאַן״... ער איז געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1940, שוין אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע אין עלטער פון 83 יאָר.

דריי זין האָט געהאַט שבתי־סעבאַסטיאַן ברעגמאַן. איינער איז יונג געשטאָרבן, אַ צווייטער האָט געלעבט ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד און בלויז דער עלטסטער ד״ר לודוויק ברעגמאַן איז געווען טעטיק אין וואַרשע. הגם געבוירן אין ווילנע, איז ער דאָך געווען אינגאַנצן פאַרפּויליַשט. אויב ער האָט יאָ פאַרשטאַנען אַביסל יידיש און אַמאָל געקענט שלעכט אויסריידן אַ פּאָר יידישע, ס׳רוב דייטשמערישע אויסדריקן, איז עס ניט געווען צוליב זיין ווילנער געבורטס־שטאָט, נאָר דווקא צוליב זיין לאַנגיעריקער אַרבעט אין וואַרשעווער יידישן שפּיטאָל, ווו ער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר נערוון־קראַנקע. אַלס מעדיקער האָט ד״ר

לודוויק ברעגמאַן פאַרנומען גאָר אַ חשוב אָרט אין דער פּוילישער מעדי־צינישער וועלט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל מעדיצינישע־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ביי יידן איז אויך געווען באַגרענעצט נאָר צו אינסטיטוציעס פון מעדיצינישן כאַ־ראַקטער. אין זיינע פריע שול־יאָרן, איידער זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע און ווען זיין פאָטער האָט נאָך נישט געהייסן „סע־באַסטיאַן" נאָר פשוט שבתי, האָט לודוויק ברעגמאַן אויך געלערנט העברעאיש ביי שמואל פנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר), אָבער פון דער דאָ־זיקער לערע איז אים אין זכרון גאָרנישט געבליבן. מיט קיין פּאָליטיק האָט ער זיך נישט פאַרנומען, האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ „פּאָליאַק פון משהס גלויבן"; אָבער קיין אַקטיווער טוער אַפילו ביי די אַסימילאַטאָרן איז ער נישט געווען. אין פּריוואַטע שמועסן זייער אַ געמיטלעכער און גוטמוטיקער מענטש, וואָס זיין מעדיצינישע פּראַפעסיע און זיין וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעט איז געווען דער תוך פון זיין לעבן און פון זיינע געדאַנקען. אין משך פון די יאָרן 1930־1932 איז ער געווען פאָרזיצער פון יידישן דאָקטוירים־פאַריין אין וואַרשע, אָבער אויך דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּע אַקטיוויטעט און זיין שטיין בראש פון דער וויכ־טיקער יידישער קערפּערשאַפט איז געווען מער אַ סימבאָלישע ווי אַ פּאַקטישע.

דערפאַר איז אָבער געזעלשאַפטלעך געווען שטאַרק אַקטיוו די פרוי פון ד״ר לודוויק ברעגמאַן. אַ געבוירענע אין פּינסק, פון אַ באַקאַנטער משפחה פון שוועבעלעך־פאַבריקאַנטן, איז זי געווען נישט סתם אַ פּוי־לישע אַסימילאַטאָרקע, נאָר טאַקע אַ קעמפערין פאַר דער אַסימילאַציע.

דערצויגן אין גרויס רייכקייט, האָט זי שטודירט אין אויסלאַנד און האָט באַהערשט פּערפעקט אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן. נאָר וואָס קומט דערפון אַרויס, אַז דווקא פּויליש, וואָס דערפאַר האָט זי איינגעז־לייגט וועלטן, האָט זי נעבעך גערעדט מיט אַ פּינסקער אויסשפּראַך... און „זשאַרגאָן" האָט איר שטאַרק געגרילצט אין די אויערן... בעת מיר פּלעגן זיך אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה באַגעגענען מיט איר אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען האָט זי נישט גע־

קענט פאַרשטיין ווי אַזוי איך שעם זיך נישט צו רעדן „זשאַרגאָן" אין דער צייט, ווען מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז מיין פויליש געהערט גאָר־נישט צו די ערגסטע...

מיר פלעגט אויסקומען, סתם אויף אַ קיבעץ, צו פירן מיט איר דיסקוסיעס, ווען זי פלעגט זיך באַמיען באַווייזן, אַז די יידישע נאַציאָנאַליסטן זענען צוליב זייער „זשאַרגאָן" די סיבה, פאַרוואָס פאָליאַקן האָבן אַזוי פיינט יידן און איך האָב זי געוואָלט איבערצייגן, אַז די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם זענען גאָר די „ליטוואַקעס", וואָס ווילן אויף כוח איינרעדן דער וועלט, אַז זיי זענען פּאָליאַקן...

איך דאַרף נישט צוגעבן, אַז איך האָב די דאָזיקע און ענלעכע שמועסן נישט געפירט ווי עפּעס אַן ערנסטע דעבאַטע, נאָר, ווי געזאָגט, פּשוט ווי אַ קיבעץ.

נאָר איינמאָל איז מיר אויסגעקומען מיט איר צו פירן אַן ערנסטן שמועס. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט פאַרפירן דעם שמועס גאַנץ ערנסט. עס איז מיר אָבער נישט געלונגען. דאַסמאָל האָט ז י דעם ענין געוואָלט פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ מינדערוואַרטיקער זאַך.

די ברעגמאַנס האָבן געהאַט צוויי זין. וועגן דעם עלטסטן, לעאָן, וועל איך רעדן באַזונדער. דער ייִנגסטער, סטעפאַן ברעגמאַן, האָט שטודירט אין אויסלאַנד פּאָליטישע וויסנשאַפטן און איז געוואָרן אַ זשור־נאַליסט. אַ זון פון אַזעלכע רייכע עלטערן האָט זיך געקענט דערלויבן אויף אַ סך לוקסוסן און איז נישט געווען אָפּהענגיק פון דעם טאָג־טעג־לעכן פאַרדינסט. איז ער אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט, שטודירט פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען, געמאַכט אינטערוויוען, געשריבן קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער איז אַ לענגערע צייט געווען ביים פעלקער־בונד דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אָפיציעלער פּילסודסקי־צייטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". ער האָט מיטגעאַרבעט אין פראַנצויזישע צייטונגען און האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך אַ בוך וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

בינו־לבינו האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז סטעפאַן ברעגמאַן האָט זיך אַ קאַפּעטשקע אונטערגעשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. דאָס איז שוין געווען אין די צייטן פון היטלערס הערשאַפט.

ווען די מאמע האָט מיר מיט שטאָלץ געוויזן דאָס פראַנצויזישע בוך פון איר „סטעפעק“, האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דעם שמד פון איר זון, וואָס קען פאַר דער משפחה פון געוועזענעם וואַרשע־ווער ראש־הקהל נישט זיין גאָר קיין גרויסער כבוד. אָבער מאַדאַם ברעג־מאַן האָט מיר געגעבן אַ בייזן ענטפער, אַז רעליגיע שפּילט קיין שום ראָלע נישט. די הויפּט־זאַך איז, אַז מען דאַרף האָבן מענטשלעכע גע־פילן... זי איז זיכער, אַז איר „קינד“ וועט דינען דער גאַנצער מענטש־הייט....

איך האָב איר אָבער באַמערקט, אַז אין דייטשלאַנד האָט דער שמד אויך נישט געהאָלפן — נאָר עס איז נישט געווען מער וואָס צו רעדן וועגן דעם.

דאָס איז דאָך דער וועג פון דער אַסימילאַציע...

דיאַנאַ אייגער, וועלכע האָט געשטרעבט, אַז איר זון זאָל ווערן צו־ריק אַ ייד, האָט אַנדערש אויפגענומען און איבערגעלעבט די היטלער־טראַגעדיע, ווי עס האָט געטאָן פרוי ברעגמאַן. און אפשר האָט זי עס פאַר מיר נישט געוואָלט אַרויסווייזן, נאָר אין די טיפענישן פון איר מוטערלעכער נשמה האָט אויך פרוי ברעגמאַן אַנדערש געפילט. ווער קען עס וויסן...

ווען די ידיעה וועגן דעם שמד פון סטעפאַן ברעגמאַן איז באַקאַנט געוואָרן האָט דער פאָטער זיינער, ד״ר לודוויק ברעגמאַן, זיך אויסגע־דריקט פאַר זיינער אַ קרובה פון אמדור, וועלכע איז צו אים געקומען מיט אַ באַזוך וועגן אַ ריין־פּראָפעסיאָנעלן ענין, אַז ער האָט מורא, אַז דער יידישער דור פון זיין משפחה גייט אויס. ער זאָל עס האָבן געזאָגט מיט אַ טיפן צער.

4

אן אייגנאַרטיקע ראָל אין דעם יידישן לעבן האָט געשפּילט, אָדער ריכטיקער געזאָגט: געוואָלט שפּילן, דער עלטסטער זון פון ד״ר לודוויק ברעגמאַן — לעאָן. געבוירן אין וואַרשע, איז ער שוין דערצויגן געוואָרן אין אַ פולשטענדיק אַסימילירטן גייסט און איז פון זיין פריסטער יוגנט־אָן געוואָרן אַ פאַרקעמפער פון דער אַסימילאַציע צווישן דער יידישער יוגנט אין וואַרשע.

שוין אַלס שילער אין דער פּוילישער גימנאַזיע האָט ער געקעמפט פאַר פּוילישקייט... זייענדיק אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט האָט ער געהערט צו די מיטגרינדער און הויפּט־טוער פון דער אַסימילאַטאָרי־שער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע פון „פאַליאַקן פון משהס גלויבן״. ער האָט געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די ניי־געשאַפענע ציוניסטישע, בונ־דיסטישע און אַנדערע נאַציאָנאַלע יידישע סטודענטן־פאַריינען, וואָס האָבן זיך געשאַפן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן און אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז אויך געווען דער גרינ־דער און קאָמענדאַנט פון דער אַסימילאַטאָרישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע א. נ. פון דעם יידיש־פּוילישן נאַציאָנאַלן העלד בערעק יאָסעלעוויטש. די סקויטן־אָרגאַניזאַציע האָט אויך געהאַט דעם צוועק אָפּצוציען די יידי־שע שול־יוגנט פון די כסדר שטייגנדיקע אין צאָל און פאַרנעם ציוניס־טישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

ווען יוזעף פּילסודסקי שאַפט די פּוילישע לעגיאָנען אויך אין די געביטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע געהערט לעאָן ברעגמאַן צו די ער־שטע, וואָס טרעטן־צו צו זיי, באַטייליקט זיך אין אַ רייע שלאַכטן אויפן רוסישן פראָנט און ווערט שנעל דערהויבן צום ראַנג פון אַ פּאָרוטשניק (לייטענאַנט). ווען פּילסודסקי און זיינע לעגיאָניסטן זאָגן זיך אָפּ צו שווערן טרייהייט דעם קייסער ווילהעלם און ער ווערט דערפאַר אינטער־נירט אין דער מאַגדעבורגער פעסטונג, געהערט אויך לעאָן ברעגמאַן צו

דריי דורות פון דער ברעגמאן־משפחה



שבתי־סעבאַסטיאַן



ד״ר לודוויק

ל ע אָ ן

די רעוואָלוציאָנערן קעגן קייסער ווילהעלם און ווערט אינטערנירט צו־זאַמען מיט פיל אנדערע לעגיאָניסטן אין דער וואַרשעווער ציטאַדעל.

אין יאָר 1920, בעת דער מלחמה מיט סאָוועט־רוסלאַנד, נעמט ער ווייטער אן אקטיוון אָנטייל אין די פראָנט־קאַמפן און באַקומט אַ רייע מיליטערישע און ציווילע אויסצייכענונגען פון דער פוילישער רעגירונג.

נאָכן סוף פון די מלחמות האָט לעאָן ברעגמאַן, מיטן טיטל פון מאַ־גיסטער יורי, זיך גענומען צו געשעפטן און פּאָליטיש - געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט. מען מוז מודה זיין, אַז ער האָט נישט געוואָלט אויסנוצן זיינע זכיות אַלס געוועזענער לעגיאָניסט און נישט געזוכט קיין רעגי־רונגס־קאַריערע, ווי דאָס האָבן געטאָן פיל אַנדערע, וואָס האָבן גע־קעמפט אין פּילסודסקיס לעגיאָנען. אַ טרייער פּילסודטשיק, האָט ער אָרגאַניזירט דעם פאַרבאַנד פון געוועזענע יידישע קעמפער פאַר דער באַ־פרייאונג פון פוילן און אין משך פון אַ רייע יאָרן געשטאַנען בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו באַווייזן די צוגעבונדנקייט פון יידן צו פוילן. כלפי חוץ, אין קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם, איז די דאָזיקע קערפּערשאַפט געווען זייער נוצלעך פאַר די יידישע אינטערעסן אין פוילן. ווען די אָנפירער פון דעם קאָמבאַטאַנטן־פאַריין האָבן אָבער געפּרוווט אַריינדרינגען אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ קאַטעגאָרישן ווידערשטאַנד מצד די יידישע פירער און יידישער עפנטלעכקייט. לעאָן ברעגמאַן, פּונקט ווי אַ גאַנצע רייע אַנדערע פירנדיקע קאָמבאַטאַנטן־טוער, האָבן זיך גע־מוזט באַנוגענען מיט באַשיידענע אמטן אין אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע אָדער פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אָן שום ספּעציעלער השפּעה אין פּאָליטישן לעבן. אַזוי איז ער אין משך פון אַ רייע יאָרן געווען דער סע־קרעטאַר פון דעם פאַריין פון האנדלס־פאָרשטייער אין פוילן, וואָס איז פּרעזידירט געוואָרן דורך דעם האַנדלס־ריכטער מאַקסימיליאַן פרידע, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון פוילן.

זינט דער אנטשטייאונג פון דער פוילישער מלוכה האָט די אַמאָל מעכטיקע אסימילאַציע נישט געשפּילט מער קיין שום ראָל אין יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין דער קהלה ביז צו די וואַלן פון יאָר 1926, ווען לעאָן ברעגמאַנס זיידע, שבתי־סעבאַסטיאַן, האָט צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון די אַמאָליקע קהלה־מושלים, פאַרלאָזט די אינסטי־טוציע. די אַסימילאַטאָרן האָבן אַפילו געפּרוווט גיין צו יענע וואַלן מיט אַן אייגענער ליסטע, אָבער זיי האָבן באַקומען אַזאַ נישטיקע צאָל שטימען, אַז עס איז זיי נישט געלונגען דורכצופירן אַפילו קיין איינציקן פּרנס.

צו די צווייטע קהלה־וואַלן אין וואַרשע, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1931, האָבן די אַסימילאַטאָרן ווידער געפּרוווט זייער גליק אין דער יידישער עפנטלעכקייט און באַשלאָסן אָנטייל צו נעמען אין די קהלה־וואַלן מיט אַן אייגענער קאַנדידאַטן־ליסטע.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער דאָזיקער וואַל־אַקציע איז געווען טאַקע לעאָן ברעגמאַן, וועלכער האָט געהאָפט מיטן כוח פון די יידישע קאַמבאַ־טאַנטן צו דערגרייכן צוריק אַ פּאָזיציע אין דעם יידישן קהלה־לעבן.

בכדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט האָבן די אַסימילאַ־טאָרן באַצייכנט זייער וואַל־ליסטע מיטן נומער 1, ד. ה. דעם זעלביקן נומער, מיט וועלכן פּילסודסקיס פּאַרטיי־אָנהענגער זענען געגאַנגען צו אַלע וואַלן אין פּוילן. מען האָט געוואָלט אַזוי־אַרום אָנשרעקן די יידישע מאַסן מיטן כוח פון מלכות און מען האָט געוואָלט אונטערשטרייכן דאָס אידענטיפיצירן זיך מיטן פּילסודסקי־לאַגער. אויף דער ליסטע האָבן פּי־גורירט אַלטע אַסימילאַטאָרישע טוער צוזאַמען מיט נייע, יונגע כוחות פון דער וואַרשעווער אַסימילאַציע. די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען זייער אַ גרויסע, דער קאַמף אַ פאַרביסענער — אָבער דער רעזולטאַט אַ גאָר נישט־באַדייטנדיקער. זיי האָבן באַקומען אַ קליינע צאָל שטימען און אויף 50 פּרנסים פון וואַרשעווער קהלה־ראַט איז זיי געלונגען דורכצופירן קוים 2 פּרנסים. אָבער אויך די צוויי פּרנסים זענען קיינמאָל נישט גע־קומען צום אויסדרוק פון דער קהלה־טריבונע, ווייל גלייך נאָכן ערשטן פּרווו צו האַלטן זייער פּראָגראַם־דעקלאַראַציע אין פּויליש זענען זיי פאַרשריען געוואָרן דורך דער מערהייט פּרנסים, וואָס האָבן געפּאָדערט, אַז אין דער קהלה זאָל מען רעדן יידיש. זיי האָבן דעריבער געמוזט רע־

זיגנירן פון יעדער ווייטערדיקער טעטיקייט אין דעם יידישן קהלה־לעבן. די אַסימילאַטאָרישע פּרנסים זענען אַ קורצע צייט נאָך געקומען צו די זיצונגען פון קהלה־ראַט און דאַן אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. מער זיך בכלל נישט געוויזן. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָרט, וווּ עס איז אַמאָל געווען די פעסטונג פון זייער טעטיקייט און השפעה, האָבן זיי מער גאָרנישט צו טאָן. עס זענען געקומען נייע צייטן, נייע מענטשן און פאַר זייערע אַלטע, פאַרשימלטע אידעען איז דאָרט מער קיין אָרט נישטאָ.

אין יענער פאַרביסענער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר די וואַלן צו דער וואַר־שעווער קהלה איז מיר אויסגעקומען זיך אָפט צו טרעפן מיט לעאָן ברעגמאַנען אויף די מיטינגען און זיך קעגנזייטיק צו באַקעמפן. קיין גוטפריינדשאַפט איז פון די דאָזיקע באַגעגענישן נישט אַרויסגעקומען.

עטלעכע יאָר שפּעטער איז אונדז ווידער אויסגעקומען זיך צו באַ־ווייזן. אָבער דאַסמאָל ביי אַ געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס איז געווען שוין נאָכן אויפקום פון היטלעריזם, ווען קיין פּוילן איז אָנגעקומען אַ כוואַליע פון פּליטים פון דייטשלאַנד און מיר האָבן אָרגאַ־ניזירט די פּאָליטישע און הילפס־אַקציע. אין דער פּאָליטישער אַקציע האָבן די אַסימילאַטאָרישע טוער זיך תחילת נישט געוואָלט מישן און האָבן זיך באַנוגנט מיטן אָנטייל אין דער הילפס־אַרבעט, וואָס איז אגב אויך געווען זייער וויכטיק. שפּעטער האָבן אַ סך פון זיי זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אויך אין דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף קעגן היטלעריזם *).

לעאָן ברעגמאַן איז געקומען מיט אַן אָרגאַניזירטער גרופּע פון דעם קאָמבאַטאַנטן־פאַריין. עס האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט אין אַרויפלייגן אַ שטייער אויף דער יידישער באַפעלקערונג לטובת דער אַקציע פאַר די נאַצי־קרבנות. יאָ, מען האָט פשוט באַשטייערט די יידישע באַפעלקערונג און מען האָט באַשלאָסן צו זיין גאַנץ שטרענג לגבי די אַלע, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן צו דערפילן זייער חוב. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע. מען האָט אין איר אַריינגעצויגן די יידישע יוגנט, בפרט די סטודענטנשאַפט. מען האָט אָרגאַניזירט אַ רע־

---

*) זע דאָס קאַפּיטל וועגן דער משפּחה אייגער.

ג׳יסטער פון דער באַפעלקערונג לויט דער רשימה פון דער קהלה־מיט־גלידערשאַפט. לעאָן ברעגמאַן מיט זיין גרופּע האָבן זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס געפיל פון יידישקייט האָט אויפגעפלאַקערט. זיין מוטער איז שוין פריער געווען טעטיק אין דער פרויען־קאָמיסיע ביי דער הילפס־אַקציע. איצט איז צוגעקומען איר זון. זיין מיטאַרבעט איז געווען זייער ווערטפול. ער איז אונדז פריער אויסגעקומען צו זיין שרעקלעך אַנטיפּאַטיש. אין דער געמיינזאַמער אַרבעט קעגן היטלעריזם האָבן מיר זיך אויך פּערזענלעך דערנענטערט. ער איז אונדז אַלעמען מיטאַמאָל געוואָרן סימפּאַטיש.

דער אויפקום פון היטלעריזם, פון איין זייט, און דער געוואַלטיקער וווקס פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן גופא, פון דער אַנדער זייט, האָבן — ווייזט אויס — שטאַרק אַנטוישט אויך זיינע אַסימילאַטאָרישע האָפענונגען. זיין איבערגעגעבענער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, זיין טריישאַפט צו פּילסודסקין, זיינע צאַלרייכע מעדאַלן, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען — אַלץ, אַלץ האָט נישט געהאָלפן.

פּונקט ווי אַ סך טרייע אַסימילאַציע־טוער פון זיין דור, האָט ער טיף איבערגעלעבט די אַנטוישונג. ער האָט שוין מער נישט געקענט גלויבן, אַז דורך אַסימילאַציע קען מען פּטור ווערן פון אַנטיסעמיטיזם. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַפילו דער שמד איז שוין מער נישט קיין סגולה דערצו. ער האָט אפילו אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן פון זיין ייִנגערן ברודערס שמד און האָט באַדויערט, וואָס יענער האָט עס געטון. ער איז דאָן נישט געוואָרן קיין נאַציאָנאַלער ייִד; ער האָט שוין אָבער אינגאַנצן געהאַט פאַרלוירן דעם בטחון אין דער אַסימילאַציע, פאַר וועלכער ער האָט געלעבט און געקעמפט.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אַלט געווען 40 יאָר און האָט זיך גלייך געמאָלדן אין מיליטער. ער איז אַוועק אויפן פראָנט. מער קיין ידיעות האָב איך וועגן אים נישט געהאַט.

אַזוי זעט אויס די קורצע געשיכטע פון דער אמדורער משפּחה ברעגמאַן.

זײדנבײטל

1

פונקט אַזוי ווי ער האָט געלעבט, אַזוי האָט ער אויך אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם:

איינזאַם, שטיל און אומבאַמערקט — פול מיט ווייטיק און מיט צער.

איך דערמאָן זיך אונדזער ערשטע באַגעגעניש:

דאָס איז געוועןביים סאַמע אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון חורבן פון יידישן לעבן אין פוילן.

איך בין איינמאָל אַריין אין דעם פּאַסאַער טעמפּל צו אַ יזכור־תּפילה און פאַרנומען אַ ליידיקן פּלאַץ אויף אַ באַנק פון די לעצטע רייען.

נעבן מיר איז דערשינען אַ יונגערמאַן מיט אַן אויסגעדאַרט קרענק־לעך פּנים, אָבער מיט אַ ליכטיקן, שיינעם, פאַרחלומטן בליק. אַ ווײַלע האָט ער זיך צו מיר צוגעקוקט און צום סוף מיר שטיל אייַנגערוימט אין אויער:

— קומט, סעניאָר טורקאָוו, איר וועט זיך זעצן אויבן...

ממש אויף אַ צודרינגלעכן אופן האָט ער מיך איינגעלאַדן צו פאַר־נעמען אַן אָרט אויפן בעלעמער. איך האָב זיך צוגעקוקט צום יונגנמאַן. לויט זיין אָפיציעלן שוואַרצן אָנצוג און הוט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט סתם אַ באַזוכער אין דער שול, נאָר ער פאַרנעמט דאָ עפּעס אַן אָפיציעלן אַמט. און הגם איך האָב נישט געוווּסט ווער דער ייד איז, האָט מיר זיין שלאַנקע געשטאַלט, דער אויסדרוק פון זיין דאַרן פּנים און פון זיינע העלע אויגן דערמאָנט עמיצן, וואָס איך האָב זייער גוט גע־קענט.

באַגלייטנדיק מיך דורכן זאַל צום בעלעמער, האָט ער צוגעגעבן:

— מיינע ברידער קענט איר גוט... איצט טאָר איך מיט אייך נישט רעדן, אָבער די טעג וועל איך אייך אויפזוכן און מיר וועלן זיך דורכ־שמועסן... איך אַרבעט דאָ אין שול... אָבער...

ער האָט דעם זאַץ נישט פאַרענדיקט, ווייל מיר האָבן זיך שוין גע־האַט דערנענטערט צום בעלעמער, וווּ ער האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט און זיך שנעל דערווייטערט ווידער אויסצופירן זיינע פונקציעס.

ווען איך האָב איינעם פון מיינע שול־שכנים געפרעגט, ווער עס איז דער יונגערמאַן, וואָס האָט מיך באַגלייט, האָט יענער, אַ חשובער בוע־נאָס־איירעסער שטאָט־בעל־הבית, גאַנץ גלייכגילטיק געענטפערט:

— ווייס איך וואָס, איינער פון אונדזערע שמשים, אייערס אַ לאַנדס־מאַן, אַ פּוילישער, דאַכט זיך אַפילו פון וואַרשע... ער הייסט זיידנבייטל...

געזאָגט האָט עס דער שיינער שטאָט־בעל־הבית ווי קיינמאָל גאָר־נישט, ווי עס וואָלט פּשוט אַ שאָד געווען אַרויסוואַרפן די פּאָר ווערטער. איך האָב אָבער אַ ציטער געגעבן:

— זיידנבייטל? אַ שמש אין שול?

עס איז מיר גאָרנישט געקומען אויפן רעיון, אַז דער דאָזיקער שמש איז איינער פון דער באַרימטער וואַרשעווער קינסטלער־משפחה, אַ ייִנ־גערער ברודער פון דעם אַזוי פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם גרויסן מאָלער יוסף זיידנבייטל און אַן עלטערער ברודער פון די באַגאַבטע מאָלער, די צווילינג־ברידער מנשה און אפרים זיידנבייטל. און ער אַליין, דער אויבער־שמש פון דעם טעמפל, איז אויך אַ באַגאַבטער קינסטלער, אַ סקול־פּטאָר.

אויף אַזאַ אופן האָב איך מיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בוע־נאָס־איירעס מיט דעם לעצטנס פאַרשטאָרבענעם הערש זיידנבייטל, דעם וווּנדערבאַרן, צאַרטן מענטש און אָריגינעלן קינסטלער.

פון דאַן אָן, אין משך פון די צען יאָר ביז זיין טויט, פלעג איך מיך מיט אים טרעפן אין לענגערע אָדער קירצערע צייט־אָפּשניטן, ביי ספּע־ציעלע באַשטעלונגען, צופעליק אויף דער גאַס אָדער ביים באַזוכן דעם פּאַסאָער טעמפל, אָפטמאָל טאַקע ספּעציעל, בכדי זיך מיט אים צו טרעפן.

געהאַט האָב איך שטענדיק אַ געפיל, אַז הערש זיידנבייטל מיידט אויס זיך צו טרעפן מיט גרעסערע גרופּן מענטשן; אַז ער לעבט זיך אויס אין זיין איינזאַמקייט מיט זיינע סקולפּטורן, וואָס ער פלעגט מאַכן ס'רוב אין זיין צימערל, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם סינאַגאָגע־בנין,

אָדער ער לעבט זיך גאָר אויס מיט זיינע אייגענע געדאַנקען און אפשר חלומות. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער כסדרדיקער קאָנטאַקט מיט מאַסן מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געמוזט באַגעגענען בעת די תפילות, פייערלעכקייטן אָדער חתונות אין טעמפּל, האָט אים אײַנגאַנצן מיד געמאַכט.

דעריבער האָט ער געזוכט אָפּגעזונדערטקייט און איינזאַמקייט.

ער איז בדרך־כלל געווען זייער קאַרג אויף ווערטער. האָט מען אים אָבער געטראָפן אין אַ מינוט פון אויפגעלייגטקייט און ער האָט זיך צעָרעדט, איז עס באמת געווען אַ גרויס פאַרגעניגן מיט אים צו פאַרברענגען. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן זיינע אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס ער פלעגט ממש פון זיך אַרויסוואַרפן, פונקט ווי דאָס פלעגן טאָן זיינע צוויי יינגערע ברידער — דער צווילינג מנשה און אפרים.

ביי אונדזערע ערשטע שמועסן אין יאָר 1939, אַ קורצע צייט נאָך מיין אָנקומען קיין אַרגענטינע, זענען די צוויי יינגערע ברידער זיינע געווען די הויפּט־טעמע פון אונדזערע שמועסן. ערשט שפּעטער האָט מען זיך צעשמועסט אויך וועגן אַנדערע וואַרשעווער קינסטלער, וואָס ער האָט געקענט, וועגן קונסט בכלל און טאַקע וועגן זיין אייגענער קינסטלערישער אַרבעט.

מען מוז זאָגן, אַז זעלטן טרעפט מען אַ קינסטלער, וואָס זאָל זיין אַזוי באַשיידן, וואָס זאָל אַזוי קנאַפּ האַלטן פון זיך אַליין; וואָס זאָל אַליין אָנערקענען, אַז ער מוז נאָך פיל, זייער פיל אַרבעטן איבער זיך, בכדי צו דערגרייכן עפּעס אַ מדרגה אין זיין קונסט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט הערש זיידנבייטלען.

זעלטן ווען מען טרעפט ביי אונדז אַ קינסטלער, וואָס זאָל אַזוי שטיל אַרבעטן איבער זיינע ווערק. אַ געוויסע צייט איז זיין קינסטלערישע אַרבעט געווען ממש בסוד־סודות. ער האָט זיך באַמיט, אַז מען זאָל וועגן דעם וואָס ווייניקער וויסן און נאָך ווייניקער רעדן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ גוט־אויג, אַז דאָס רעדן וועגן זיין אַרבעט זאָל אים נישט שטערן זיין קינסטלערישע רו.

אמת, קיין גרויסער סוד, אַז דער „אויבער־שמש" קלעפּט עפּעס פּי־

גורן פון ליים, גיסט עס אויס אין גיפּס אָדער האַקט עס אויס אין שטיי־נער, — איז דאָך זיכער פאַר קיינעם נישט געווען. אָבער הערש זיידנ־בייטל האָט געהאַלטן, אַז עס איז בעסער פאַר אים, ווען מען ווייסט און מען רעדט וועגן דעם וואָס וויניקער.

סוף־כל־סוף האָט ער דאָך געווינט און געמאַכט זיינע קינסטלערי־שע אַרבעטן אין דעם בנין פון טעמפּל גופא, וווּ ער האָט געהאַט זיין דירה. עס איז מיר פריש אין זכרון די באַגעגעניש מיט הערש זיידנבייט־לען נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען די איינציקע פּרעמיע פאַר קינסטלער־אויסלענדער פאַר אַ סקולפּטור, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט אויף דער רעפּרעזענטאַטיווער אויסשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער קונסט־גאַלעריע אין בוענאָס־איירעס. אין אַלע אַרגענטינער צייטונגען איז וועגן דעם גע־שריבן געוואָרן און אין פיל פון זיי איז רעפּראָדוצירט געוואָרן „דער קאָפּ פון זקן", וואָס איז פּרעמירט געוואָרן דורכן זשורי.

קאָלעגע א. ל. שוסהיים האָט דאַן געווידמעט דעם פּרעמירטן קינסט־לער אַ קאָמענטאַר אין „די אידישע צייטונג". שוסהיים האָט דערמאָנט זיידנבייטלס יחוס, אַז ער איז איינער פון דער באַקאַנטער קינסטלער־משפּחה און האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער אַליין, הערש זיידנבייטל, פאַר־נעמט דעם גאָר באַשיידענעם אַמט אַלס אויפזעער אין פאַסאָער טעמפּל.

זיידנבייטל האָט געהאַט דערפון עגמת־נפש. נישט ווייל ער האָט זיך געשעמט וואָס מען האָט דערציילט וועגן זיין באַשיידענער „פּראָפע־סיע". אדרבה, ער האָט באַטראַכט, אַז ער האָט אַ גוטע „פּראָפעסיע", ווייל ער האָט גענוג צייט צו קענען זיך באַשעפטיקן מיט זיין ליבלינגס־ווערק — סקולפּטור. די סיבה פון זיין אומרואיקייט איז געווען גאָר אַן אַנדערע:

— צו וואָס דאַרף מען דאָס שטענדיק דערמאָנען? — האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט. — מיינע שול־גבאים קענען נאָך האָבן צו מיר טענות, פאַרוואָס איך פאַרנעם זיך מיט אַזעלכע זאַכן אין די מויערן פון טעמפּל און איך שלעפּ נאָך אַריין אין דעם ענין דעם נאָמען פון דער שול... איך האָב געוואָלט, אַז די וועלט זאָל וויסן, אַז אַן אויסלענדער, אַ וואַרשע־ווער ייד האָט באַקומען אַזאַ הויכע אויסצייכענונג, אָבער מען דאַרף עס

יוסף זיידנבייטל

הערש זיידנבייטל

נישט פֿאַרבינדן מיט מיין אַרבעט אין דער שול... פֿאַראַן דאָך ביי אונדז פֿאַרשידענע יידן... איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי דאָס איז ווען מען איז דאָ אָפּהענגיק פֿון אַנדערע...

קיין שלעכטס האָט מען אים אָבער דערפֿאַר, חלילה, נישט געטאָן. געווען אַפֿילו אַ סך פֿון די שול־יידן, וואָס האָבן אים נאָך באַגריסט פֿאַרן כבוד, וואָס ער האָט פֿאַרשאַפֿט אַרגענטינער יידן; געווען אויך אַ סך יידן, וואָס האָבן שבתביים דאַווענען קאָמענטירט דעם ענין און זיך גע־חידושט מיט אַ געוויסן שטאָלץ:

— אונדזער שמש איז גאָר אַ קינסטלער, און טאַקע אַ וואַזשנער קינסטלער... מלכות האָט אים געגעבן אַ גרויסע פּרעמיע...

זעלטן ווער פֿון זיי האָט עס פֿריער געוווּסט. ערשט איצט האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זייער שמש איז שטענדיק אַזוי פֿאַרחלומט...

23 יאָר צייט האָט הערש זיידנבייטל אָפּגעלעבט אין אַרגענטינע אין שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און שווערע פֿיזישע ליידן. ער האָט דאָ געלעבט אין אַ סביבה, וואָס איז, צום באַדויערן, פֿרעמד פֿאַר קינסטלע־רישער שאַפֿונג, אַ סביבה אָן קונסט־מעצענאַטן, אָן שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַר קונסט. דאָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט זיין אַרבעט אַלס אויבער־שמש. דאָס איז נישט בלויז אָן אַרגענטינער יידישע דערשיי־נונג, און בכלל נישט בלויז אַ יידישע דערשיינונג, דאָס איז אָן אַלגעמיינע דערשיינונג פֿון מאַנגל אין באַציאונג צו קונסט און קינסטלער. נישט פֿון היינט און נישט פֿון נעכטן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די לאַגע פֿון אַ יידישן קינסטלער איז שטענדיק אַ ספּעציפֿיש־שווערע. ער מוז זיך אַליין אויסקעמפֿן זיין פּאָזיציע, מוז פֿריער אָנערקענט ווערן דורך דער פֿרעמדער וועלט; זיינע ווערק מוזן פֿריער אויסגעשטעלט ווערן אויף פֿרעמדע אויסשטעלונגען; די פֿרעמדע פּרעסע מוז וועגן אים פֿריער זאָגן אַ גוט וואָרט, בכדי אויך יידן זאָלן זיך מיט אים פֿאַראינטערעסירן; בכדי זיינס אַ ווערק זאָל קענען אָנקומען אין די רייכע יידישע הייזער.

אַממייסטן געשעט עס מיט ווערק פֿון יענע קינסטלער, וואָס אַליין גייען זיי אויס אין נויט און שווערע פֿיזישע ליידן. ווען זייער לעבן ווערט פֿאַרברענט דורך אַ קרענק. ערשט דעמאָלט פֿאַרדינט אַזאַ קינסטלער דעם

אַלגעמיינעם אינטערעס. ערשט דעמאָלט באַקומען זייערע ווערק אַן עפעק־טיוון ווערט. אַזוי איז געווען דער גורל פון אַסך באַרימטע קינסטלער.

דאָס איז אויך געווען דער גורל פון הערש זיידנבייטל. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט זיינע ווערק.

דער זעלביקער גורל איז געווען אויך פון זיין עלטערן ברודער, דעם מאָלער יוסף זיידנבייטל, וועלכער איז דעם 15־טן יוני 1923 געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע, זייענדיק ס״ה 29 יאָר אַלט.

הערש זיידנבייטל האָט מיר אַנומלט געגעבן דעם קאַטאַלאָג פון דער געזאַמלטער אויסשטעלונג פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודערס ווערק, וואָס די „יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט״ האָט אין סעפּטעמבער 1923 איינגעאָרדנט אין זאַל פון דער וואַרשעווער קהילה אויף גזשיבאָווסקע 26. ער האָט מיר אויך געוויזן עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון זיינע צווילינג־ברידער מנשה און אפרים, אומגעקומענע בעת דעם לעצטן חורבן.

ער האָט עס מיר געגעבן, בעטנדיק צו שרייבן עפּעס וועגן זיינע דריי ברידער, דערציילן וואָס איך וויס וועגן זיי, זיי כאָטש דערמאָנען אין דער יידישער עפנטלעכקייט.

הגם איך האָב עס צוגעזאָגט צו טון, איז אָבער קיינמאָל נישט גע־ווען קיין ספּעציעלע געלעגנהייט דערצו. הערש זיידנבייטל פלעגט עס אָפט מאָנען ביי מיר.

ערשט זיין טויט האָט מיר געגעבן די טרויעריקע געלעגנהייט צו דערפילן מיין צוזאָג.

דאָס איז איצט שוין נישט בלויז אַ דערמאָנונג וועגן די דריי פאַר־געסענע קינסטלער־ברידער, נאָר אויך אַ באַערונג פאַר דעם אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם אין בוענאָס־איירעס הערש זיידנבייטל גופא.

די זיידנבייטלס זענען דאָך געווען אַ שטיק יידישע קונסט־געשיכטע, אַ וויכטיק קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון דער פאַרשוואונדענער יידישער קולטור אין פּוילן. דאָס לעבן און שאַפן פון די זיידנבייטלס איז אינטע־רעסאַנט נישט בלויז צוליב דער מדרגה פון זייערע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך ווייל זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַקטיווע קולטור־גע־שטאַלטן אין דעם פּויליש־יידישן לעבן.

2

אויף אַ פלאַכן ערד־שטחביים סאַמע אַריינגאַנג־טויער פון וואַרשע־ווער בית־עולם, ביים רעכטן פליגל פונעם פאַרוואַלטונגס־בנין, ווו עס איז געווען דער גרויסער וואַרט־זאַל פאַר די אבלים, האָבן זיך געפונען צוויי קברים — די ערשטע אויפן וועג צו דער הויפּט־אַלעע, — וואָס פלעגן אָפּט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די באַזוכער.

קיין מצבות האָבן די צוויי קברים נישט געהאַט. בלויז צוויי קליינע, קינסטלעריש־אויסגעהאַקטע ווייסע מאַרמאָר־שטיינער מיט אויפשריפטן פון די נעמען אויף יידיש און פויליש. זומערצייט זענען די קברים געווען באַפּוצט מיט בלומען. די צוויי מאַרמאָר־שטיינער האָבן געהאַט אַ פּרעכטיקע קינסטלערישע אָרנאַמענטיק אין יידישן סטיל, אויסגעפירט דורך דעם קינסטלער אברהם אָסטזשעגאַ.

פון דער אויפשריפט אויף איין שטיין דערוויסט מען זיך, אַז דאָרט רוט דאָס קינד פון טאַטשע און שמעון קראַטקאַ און אונטערן צווייטן שטיין רוט דאָס געביין פון דעם קינסטלער יוסף זיידנבייטל.

דאָס פּאָרל קראַטקאַ האָט געהערט צו די גאָר אָריגינעלע געשטאַלטן אין וואַרשעווער יידישן קולטור־לעבן נאָך אין דער פרץ־עפּאָכע.

י. י. טרונק האָט אין זיין „פּוילן" פאַראייביקט דאָס דאָזיקע פּאָרל אויף אַ באמת פּרעכטיקן אופן. טאַטשע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ רייכער חסידישער משפחה אין מלאַווע, איז „די דאַמע ביים ים", צו וועלכער פּרץ האָט געשריבן ליבעס־בריוולעך. היינט שוין אַ דאַמע אין די יאָרן, לעבט זי אין פּאַריז, נאָכן אַרויסראַטעווען זיך פון אַלע מלחמה־געפאַרן, וואָס איר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן. זי פאַרדינט אַ סך מער ווי אַ קאַפּיטל אין אַ בוך. זי פאַרדינט אַליין באַשריבן צו ווערן אין אַ גאַנץ בוך, אַ דאַנק אירע אומגעהויערע אויפטועך אין יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן; אַ דאַנק דער הילף, וואָס זי האָט געלייסטעט אין משך פון אַ סך יאָרן צענדליקער יידישע קינסטלער אין פּוילן און — פאַרוואָס

לייקענען? — אויך אַ דאַנק דעם שטורמישן, ראָמאַנטישן לעבן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט.

אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט שמעון קראַטקאַ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון וואַרשעווער יידישן קולטור־לעבן בכלל און פון דער פּלאַסטישער קונסט בפרט. ער האָט זיך שפּעטער געגט מיט טאַטשען און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער אַוועק קיין קיעוו, ווו ער איז מיט דער צייט געוואָרן דער אָנפירער פון דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע און אַ באַרימטער אַרכיטעקט. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין און זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון יידישן לעבן. צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן, בעת איינער פון די „טשיסטקעס", איז ער, ווי דער שטייגער איז, „ליקווידירט" געוואָרן.

ווען דאָס קינד פון די קראַטקאָס איז געשטאָרבן, דאַכט זיך, שוין נאָך קראַטקאָס אָפּפאָר פון פּוילן, האָט טאָטשע אַרצישעווסקי (דער נאָמען פון איר צווייטן מאַן), געקויפט אַ פאַמיליען־קבר, ווו דאָס קליינע קינד האָט געפונען די אייביקע רו. אין יאָר 1923, ווען דער יונגער יוסף זיידנבײַטל איז געשטאָרבן און זײַן נאָמען האָט נאָך אין וואַרשע ניט געהאַט אַזאַ באַדייטונג, אַז די קהלה־לײַט זאָלן זיך וועלן פאַרנעמען מיטן צוטיילן אים עפּעס אַ בכבודיקן קבר, נאָר אים גאָר געוואָלט מקבר זײַן צווישן די קבצנים אויפן פראַגער בית־עולם, האָט טאָטשע אַרצישעווסקי אין איר גוטסקייט, ליבע און טיפער פאַרערונג פאַרן יונג־פאַרשטאָר־בענעם קינסטלער, אַוועקגעגעבן פאַר אים דעם קבר נעבן איר קינד, וואָס זי האָט געהאַט געקויפט אויפן וואַרשעווער בית־עולם.

קיין מצבה איז אויפן קבר קיינמאָל נישט אויפגעשטעלט געוואָרן, הגם עטלעכע מאָל זענען וועגן דעם אונטערגענומען געוואָרן איניציאַ־טיוועס. עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן און אברהם אָסטזשעגאַ האָט אַפילו געהאַט צוגעגרייט דעם פּראָיעקט פון אַ פאַסיקער קינסטלע־רישער מצבה. דאָס איז אָבער קיינמאָל נישט רעאַליזירט געוואָרן. מען האָט זיך דעריבער געמוזט באַנוגענען, וואָס אין יאָר 1933, האָט מען צו יוסף זיידנבײַטלס צענטן יאָרצייט — ווי אַ פּראָוויזאָרישע מצבה — באַ־פּוצט זײַן קבר מיטן קליינעם ווייסן, מאַרמאָרנעם שטיין...

3

די עלטערן פון די קינסטלער, אברהם און שפרינצע זיידנבייטל, האָבן געבראַכט אויף דער וועלט ניין קינדער, פון וועלכע עס לעבן ביים היינטיקן טאָג בלויז צוויי טעכטער אין בוענאָס איירעס. זיי געהערן דאָ צו באַשיידענע אַרבעטס־משפחות, אָן טענות צו מענטשן און צו גאָט. זיי לעבן דאָ מיט זייערע משפחות אין שאָטן פון דעם רום פון זייערע ברידער און מיט זכרונות וועגן דעם פאַרברענטן נעכטן.

אברהם זיידנבייטל, דער ראש פון דער משפחה, איז קיינמאָל קיין גביר נישט געווען. ער האָט אָבער געהאַט פרנסה בריווח פאַר זיין שווע־רע פּראַצע, אַלס „מענטש" און פאַקטישער אָנפירער פון דעם פּאָפּולערן שניט־געשעפט פון כאַראַנזשיצקין, אין וואַרשע, אויף גענשע 7. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגט אברהם זיידנבייטל אָפט אַרומפאָרן איבער די ווייטע שטחים פון דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע, פאַר־קויפנדיק די סחורות פון זיין בעל־הבית.

דער טאַטע האָט שווער געאַרבעט און די מאַמע האָט געזאָרגט פאַר דער דערציאונג פון די גענוג צאָלרייכע קינדער. אין יאָר 1914, ביים סאַמע אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער פאָטער אָבער פּלוצלונג יונגערהייט געשטאָרבן, לאָזנדיק אַ יונגע אלמנה מיט די ניין קליינע קינדער אויף גאָטס באַראָט. דאָס זענען געווען ביטערע יאָרן: די וועלט־מלחמה, דייטשע אָקופּאַציע, שווערע ליידן און כסדרדיקער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. עס זענען געווען יאָרן פון נויט און הונגער.

אָנשטאָט נאָרמאַל צו לערנען, האָבן כמעט אַלע קינדער געמוזט טראַכטן וועגן תכלית, אַרבעטן און פאַרדינען, בכדי זיך קעגנזייטיק צו העלפן. דאָך האָט די מאַמע געזאָרגט, אַז די קינדער זאָלן אַרבעטן נישט בלויז צו קענען עסן, נאָר אויך עפּעס צו לערנען. יעדנפאַלס האָט די מאַמע מיט די עלטערע קינדער געמוזט אַרבעטן, אַז די ייִנגערע קינדער זאָלן זיך לערנען.

שוין אַלס קליין קינד האָט יוסף זיידנבייטל אַנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע פעאיקייטן און אַ שטאַרקע נייגונג צו מאָלעריי. נאָך כמעט אַ בר־מצוה־בחור, אַ שילער פון 5טן גימנאַזיאַלן קלאַס, איז ער אַוועק מיט זיינע מאָלערישע אַרבעטן צום דאַן שוין באַרימטן מאָלער, דעם טויב־שטומען מאַוריצי מינקאָווסקי נאָך מבינות. מינקאָווסקי דערפילט די גרויסע באַגאַבונג פון דעם יונגן בחור, און נישט בלויז וואָס ער האָט אים דערמוטיקט צו ווידמען זיך דער מאָלעריי, נאָר ער איז אַפילו גרייט געווען אים צו העלפן מאַטעריעל. אָבער יוסף זיידנבייטל האָט נאָך דאַן קיין מאַטעריעלע הילף נישט באַדאַרפט, ווייל דער פאָטער האָט נאָך געלעבט און געאַרבעט פאַר דער פאַרזאָרגונג פון דער משפחה. ער האָט שנעל פאַרלאָזט די גימנאַזיע און זיך אינגאַנצן געווידמעט דער מאָלע־רישער קונסט. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַ־דעמיע, ווו עס האָט דאַן „געקיניגט” דער מייסטער פון דער פוילישער רעאַליסטישער שולע, דער באַרימטער פוילישער פאָרטרעטיסט סטאַניס־לאַוו לענץ. עס האָט זיך אָבער שנעל אַרויסגעוויזן, אַז נישט די שולע פון דעם באַרימטן פוילישן מאָלער האָט געטויגט פאַרן יונגן אָנפאַנגער און נישט ער האָט געטויגט פאַר דער קונסט־אַקאַדעמיע, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון דער רעאַליסטישער שיטה, וואָס האָט געהערשט אין דער אַקאַדעמיע. ער איז געווען אַ צו שטאַרקער אינדיווידואַליסט, ער האָט געזוכט זיין אייגענעם, אייגנאַרטיקן וועג אין דער קונסט, זיין אייגענע וועלט, די וועלט פון פאַרבן.

אין דעם קאַטאַלאָג פון זיידנבייטלס געזאַמלטער אויסשטעלונג, וואָס איז אין יאָר 1923 פאָרגעקומען אין וואַרשע, האָט ב. קאַרליניוס פאַרעפנטלעכט אַן עסיי, וועלכן עס לוינט דאָ איבערדרוקן ווערטלעך, ווייל עס גיט אונדז אַ פולשטענדיק בילד וועגן דעם שאַפונגס־וועג פון דעם קינסטלער.

ב. קאַרליניוס האָט דאַן געשריבן:

אַ גאָט־געבענטשטער פאַרבן־דיכטער.

די וועלט געזען אין פאַרבן, די נאַטור און אַלץ אין דער נאַ־טור פאַרשטאַנען, ווי אַן אייביקע סימפאָניע פון פאַרבן און טע־

נער, ווי אַן אייביק שפּיל פון ליכט און שאָטן, — עס ליגט אין דעם עפּעס רירנדיקס, עפּעס פון קינדערישער ריינקייט און לויטערקייט.

לעבן איז שטילקייט, לעבן איז געגוס פון שיינקייט. נישטאָ קיין געשריי, נישטאָ קיין קאַמף, נישטאָ די גיפטיקייט פון צאָרן, די גאַליקייט פון האַס, די פאַרביטערטקייט פון קאַמף — נישטאָ קיין שטורעם און קיין ליידנשאַפט און קיין פּאַטאָס אין לעבן. ש יי ן איז גאָטס וועלט, שיין אין די מיריאַדן טענער און קאָלירן, וואָס שפּיגלען זיך פאַר אונדזער אויג אין יעדן טראָפּן רעגן אונטער דער זון, אין יעדן בלימל, אין יעדן שטיקעלע הימל, אין יעדן פלעק לייב פון קערפּער, אין יעדן מענטשלעכן פּנים, — און דער קינסטלער זויגט איין אין זיך אָט די שפע פון שיינקייט, דערגייט אין זיין אַנטציקונג ביז אַ פאַנטעאיסטיש וועלט־געפיל, לעבט מיט דעם פאַרבן־שפּיל, אָטעמט דערמיט און גיט אונדז לידער, געזאַנגען, פאַרבן־מעלאָדיעס: מענטשלעכע געשטאַלטן, בלומען, וואַסער, שטיקער לעבעדיקע און טויטע נאַטור.

און דער ג יי ס ט? און דאָס פייער, וואָס ברענט אַרויס פון מענטשלעכע אויגן? און דאָס מענטשלעכע פאַרמעסטן זיך קעגן הימל און ערד? און די מאָנומענטאַלע פאַקל־געשטאַלט פון אַ משה?

עס ליגט אין גאַנצן אַן אַ זייט פון דער ריין־מאָלערישער פאַרבן־דיכטונג, און נאָר די דיכטונג אינטערעסירט אונדז דאָ. פאַר איר איז דאָס בלעטל פון אַ בלום מאָלעריש אַזוי וויכטיק, ווי דער קאָפּ פון אַ סאָקראַטעס. דאָ און דאָרט — אַ מעלאָדיע פון פאַרבן.

***

מיטן טויט פון יוסף זיידנבייטל האָבן מיר פאַרלוירן אַ שטיק ריין־מאָלערישע קולטור.

פאַר זיידנבייטלען האָט עקזיסטירט אין דער מאָלעריי נאָר

רעפּראָדוקציעס פון יוסף זיידנבייטלס צוויי אייל־בילדער

מיטן קרבן־מנחה

די מוטער מיטן קינד

איין און איינציק פּראָבלעם: פאַרב. דער צוזאַמענשפּיל פון פאַרבן, דער אַ ט ע ם פון פאַרבן.

אים איז באַזונדער נאָנט געווען דאָס פאַרבן־שפּיל פון מענטש־לעכן לייב און ער איז לויטן שטאַף הויפּטזעכלעך אַ פּאָרטרעט־מאָלער. ער איז אָבער דערביי געבליבן אין גאַנצן נישט באַרירט פון דער פּראָבלעמאַטיק פון מענטשלעכן לעבן, פונעם גייסטיקן, אינטעלעקטועלן, — ער באַהאַנדלט דאָס מענטשלעכע מיט דער אייגענער פאַרליבטער רואיקייט, ווי די בלומען, ווי דעם פאַרביקן דיוואַן, וואָס דינט אים פאַר אַ הינטערגרונט צום בילד.

זיידנבייטל איז אַנטלאָפן פון שרייענדיקן, פון קאָנפליקט, פון פּאַטאָס. ער יאָגט זיך נישט נאָך דער קאָמפּאָזיציע. לעבן איז פאַרבן־שפּיל, און פאַרבן־שפּיל איז פאַר זיך אַליין אַ קאָמפּאָזיציע אין יעדער דערשיינונג, אין יעדן אויסדרוק פון לעבן.

איז דען אַ טויט קריגל בלומען ריין־מאָלעריש ווייניקער קאָמ־פּליצירט און ווייניקער ריידעוודיק, איידער דאָס פּנים פון אַ שיי־נער פרוי?

זיידנבייטל איז פאַרליבט אין דער פאַרבן־שיינקייט אַן־און־פאַר־זיך און אָטעמט דערמיט. פאַר אים איז די פאַרב נישט איין שטריך, איין אויסדרוק פון לעבן — עס איז דאָס גאַנצע, דאָס ב י אָ ל אָ ג י ש ע . פאַרב איז לעבן, און אויך דער אויסדרוק פון אַ מענטשלעך פּנים איז נישט מער, ווי דער צוזאַמענשטעל פון זיינע פאַרבן און טענער.

צווישן די נישט פאַרענדיקטע אַרבעטן פון פאַרשטאַרבענעם קינסטלער געפינען זיך שטודיעס און פּלענער צו אַ גרויס־פאַר־מאָסטענעם לייוונט: אַ קאָמפּאָזיציע. אַ שוחט אין אַ קליין שטעטל שטייט און שעכט אַ הינדל. האָט דאָ דעם קינסטלער צוגעצויגן דער פרומער שוחט, וואָס שטייט רואיק מיטן טויט־גלאַנציקן חלף אין האַנט און מאַכט דערביי אַ ברכה? האָט אים געלאָקט דאָס הינדל, וואָס צאַפּלט זיך צווישן לעבן און טויט ביים שוחט אין די הענט?

נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע ווערט דאָ באַזונדערס באַטאָנט. וויכטיק איז דאָ גאָר עפּעס אַנדערש:

עס איז אַ ווינטער־פאַרנאַכט. דער שניי איז לילאַ־ווייס, און אויפן פּאָן פון דעם שניי די קליינע שטרייפן פון פרישן רויטן בלוט.

אַ פאַרבן־מעלאָדיע.

***

אַ באַזונדער קאַפּיטל: זיידנבייטל — דער גראַפיקער — דער יידישער גראַפיקער.

עס איז נישט קיין פראַגע: איז דאָ אַ יידישע קונסט אָדער זי איז נישטאָ?

אונדזער פאָלקס־גייסט האָט לחלוטין איגנאָרירט די העלע־ניש־אייראָפּעאישע פּ אָ ר ם ־ ק ו ל ט ו ר און האָט ממילא נישט געקאָנט קולטיווירן קיין זעלבסטשטענדיקע קונסט אין דעם זין, ווי מען פאַרשטייט עס ביי די אַנדערע אַרישע פעלקער. אין די ראַמען פון אונדזער פאָלקס־לעבן איז אָבער געווען געגנוג פּלאַץ פאַר ד ע ק אָ ר אַ ט י ו ו ע ר שיינקייט. דאָס האָט געהערט צו דער חשיבות פון דעם יידישן מענטשן, צו זיין גייסטיקן אַריסטאָ־קראַטיזם און הויפּטזעכלעך צום רעליגיעזן געברויך (הדור מצוה!). פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער ספּע־ציפישער שטעמפּל פון יידישן פאָלקסטום. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אָרנאַמענטיק, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער יידישער שול, אין דעם יידישן ספר, אין דער יידישער מצבה און אַזוי ווייטער.

זיידנבייטל, נישט בלויז אַ זון פון יידישע עלטערן, נאָר אויך אַ קינד פון יידישן פאָלקסטום, פון דער אַטמאָספערע פון יידישן פאָלקס־לעבן, האָט — איינער פון די ערשטע צווישן אונדזערע יונגע קינסטלער — זיך איינגעלעבט אין דעם גייסט פון דער דאָ־

זיקער פאָלקסטימלעכער יידישער קונסט און זי אויף אַ נאַטיר־
לעכן אופן קולטיווירט און באַרייכערט.

צי האָט אים אויך דאָ געצויגן דאָס שטילע, דאָס פּשוטע און
געמיטלעכע פון אונדזערע לייבעלעך און הערשעלעך?

זיידנבייטל סטיליזירט דעם יידישן אָרנאַמענט, שלייפט אים
און מאַכט אים רייכער, פאַרצווייגטער, אָבער ער זוכט דורכויס
צו דערהאַלטן אין אים דאָס פּרימיטיווע, פּשוטע, פאָלקסטימלע־
כע, און פּרוּווט אַפילו געפינען פאַר אים די אַלטע יידישע פאַרבן.

די לעצטע שווערע יאָרן אונטערן אָטעם פון טויט האָבן זיידנ־
בייטלען צוגעפירט נענטער צו די טיפענישן פון יידישן רעליגיעזן
לעבן (דאָ איז נישט אויסגעשלאָסן אויך אַ געוויסע השפעה פון ש.
אַנ־סקי, מיט וועלכן ער איז געווען זייער נאָנט) און צווישן זיינע
גראַפישע אַרבעטן פון דער תקופה געפינען זיך עטלעכע קאָמפּאָזי־
ציעס (אילוסטראַציעס צו דער „התקופה״), וואָס פאַרמעסטן זיך
אויף דעם שטאַרקסטן יידישן רעליגיעזן פּאַטאָס. דער פריערדיקער
רואיקער אַקאַדעמישער צייכנער, וועלכער שעצט באַזונדער די
גאַנצקייט און די ריינקייט פון דער ליניע, ווערט דאָ ע כ ט ־
יי ד י ש און דערנענטערט זיך צו די מאָדערנסטע פאָרשטייער
פון אונדזער גראַפיק: ער ווערט אין גאַנצן א ו י ס ד ר ו ק ,
אין גאַנצן עקספּרעסיע. די געשלאָסענע, דורך איין אָטעם צוזאַ־
מענגעגאָסענע גרופּע פון גרויסע יידן ווערט נישט געצייכנט, נישט
דעטאַלירט, נאָר האַסטיק און מיט פייער אָנגעוואָרפן — פאַר
אונדז וואַקסט אויס אַן עדה פון שבת־יום־טובדיקע, נשמה־יתירה־
דיקע, הייליקע יידן, וואָס פאַרכאַפּט און באַהערשט מיט איר עקס־
טאַז, מיט איר מאַיעסטעטישער מענטשלעכקייט.

פאַר זיידנבייטלען איז דער אופן פון צייכנען געווען אין גאַנצן
ניי. ער איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט און האָט נאָך גע־
טראָגן אין זיך גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אונדזער אויפגעלעבטער
גראַפישער קונסט.

**
*

הינטער דעם מאָלער און דעם גראַפיקער — אַ שטרייף פון ניין־און־צוואַנציק יאָר לעבן.

שווערע יאָרן. נויט, אַ שווער ראַנגלען זיך פאַרן טעגלעכן ברויט, „מעצענאַטן" און קראַנקייט, — אַ קראַנקייט, וואָס פאַר־סמט יעדע מינוט פון לעבן און האַלט שטענדיק דעם אומפאַרמייד־לעכן טויט פאַר די אויגן.

געבוירן אין אַ בכבודיק־אינטעליגענטער פאַמיליע אין וואַר־שע, אין יאָר 1894. געענדיקט אַ מיטלשול און אַריבער אין דער שול פאַר שיינער קונסט — איינער פון די בעסטע תלמידים פון באַקאַנטן פּראָפעסאָר ל ע נ ץ.

צו יענער צייט שוין אויך אַ מיטגליד פון דעם יידישן קינסט־לער־קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום שמעון ק ר אַ ט ק אַ — די ערשטע יידישע קינסטלער־באַהעמע אינעם גרעסטן צענטער פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, די ערשטע חלומות פון אַ יידיש וועלטלעך לעבן, פון אַ יידישער ליטעראַטור און קונסט. צו דעם קרייז האָבן אָנגעהערט פּרץ, אַש און נאָך אַנדערע יידישע שריפט־שטעלער און קינסטלער.

1911 האָט זיידנבייטל צום ערשטן מאָל אויסגעשטעלט זיינע אַרבעטן אין סאַלאָן פון דער „זאַכענטי". די קריטיק האָט די אַר־בעטן זייער וואַרעם אויפגענומען און פון דאַן אָן האָט ער זיך כסדר באַטייליקט אין די אויסשטעלונגען, ווו זיינע בילדער זענען הויך געשעצט געוואָרן. זיידנבייטל האָט זיך אויך באַטייליקט מיט זיינע בילדער אין די יידישע אויסשטעלונגען אין פּוילן און אַמע־ריקע, ווו זיי האָבן געצויגן אויף זיך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמ־קייט און זענען אויך גערן געקויפט געוואָרן.

די אויפלעבונג אין דער יידישער גאַס אין די יאָרן 1915־16 שאַפט אַ קרייז פון אינטעליגענטע יונגע כוחות, וואָס פּרווט זיך אַרבעטן פאַר אַ בעסערער יידישער בינע. בראש פון דעם קרייז שטייט ד ו ד ה ע ר מ אַ ן. זיידנבייטל, אַ פּרעכטיקער באַ־

אָבאַכטער און אימיטאַטאָר, באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט און פּרוווט אַפילו אויך עפּנטלעך אַרויסטרעטן אין אַן אויפפירונג פון פּרצעס איינאַקטערס.

1917 איז דער קינסטלער אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן טובער־קולאָז. פון דאַן אַן האָט ער געלעבט אין אָטוואָצק, וווּ ער האָט זיך באַליבט געמאַכט אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעלי־גענץ, און איז געווען באַזונדער באַפריינדעט מיטן פאַרשטאָרבע־נעם ש. אַנ־סקי. אין אָטוואָצק האָט זיידנבייטל נאָך געשאַפן אַ רייכע זאַמלונג פון בילדער און פּאָרטרעטן און דאָ האָט ער אויך געמאַכט די ערשטע פּראָבעס פון זייער געלונגענע יידישע גראַפי־שע אַרבעטן.

ש. אַנסקי אויפן טויטן־בעט, גע־צייכנט דורך יוסף זיידנבייטל.

בעת דער אינוואַזיע פון די יאָרן 1919־20 איז דער קראַנקער מאָלער צוגעצויגן געוואָרן צום מיליטער, וווּ ער האָט געמוזט אַ סך איבערטראָגן. דאָס האָט זיין אָרגאַניזם אינגאַנצן אונטערגע־בראָכן און זייט דעמאָלט איז ער שוין געווען האָפנונגסלאָז.

דעם ווינטער 1922־23 פאַרברענגט ער אין שוואַרצוואַלד. דאָס לעבן איז שווער. דער געזונטצושטאַנד פאַרבעסערט זיך נישט. אָבער שוואַרצוואַלד איז שיין, דער פּייזאַזש פאַרשיכורט, און דער האָפנונגסלאָזער קינסטלער קלאָגט אין אַ בריוו:

— אזא עשירות פון פארבן, אזא רייכטום פון שיינקייט און
— נישט טאָרן מאָלן, נישט טאָרן האַלטן קיין פענדזל אין האַנט!

זיידנבייטל קומט צוריק קיין אָטוואָצק. די לעצטע וואָכן פילט ער זיך קרעפטיקער און מונטערער און טראָגט זיך אפילו אַרום מיט פּלענער פון נייע גרויסע אַרבעטן. דער טויט האָט שוין אָבער אויף אים געלויערט און אין אַ זוניקן, ליכטיקן נאָכמיטאָג (15 יוני 1923) האָט ער, צוזאַמען מיט זיין לעצט שטיקל לונג, אַרויסגעלאָזן זיין לעצטן אָטעם־צוג.

דער קורצער לעבנסוועג פון קינסטלער האָט זיך איבערגע־ריסן. דער ניין־און־צוואַנציק־יעריקער יוסף זיידנבייטל איז גע־שטאָרבן.

איך האָב דאָ בכיוון געבראַכט דעם פולן טעקסט פון קאַרליניוסעס שטימונגספולער אָפּשאַצונג, ווייל איך בין נישט זיכער צי מען וועט נאָך אַמאָל ערגעץ־ווו שרייבן וועגן זיידנבייטלען, וועמענס קינסטלערישע ירושה איז זיכער חרוב־געוואָרן בעת דעם חורבן פון דעם גאַנצן יידישן לעבן אין פּוילן. זאָל עס דעריבער כאָטש דאָ ווערן פאַרנאָטירט און זאָל ביי דער געלעגנהייט אויך דערמאָנט ווערן דער מחבר פון דעם עסיי, דער גייסטרייכער יידישער שרייבער ב. קאַרליניוס, וועמענס נאָמען עס איז אויך שנעל אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט...

עס דאַרף דערביי דערמאָנט ווערן, אַז יוסף זיידנבייטל, פּונקט ווי שפּעטער זיינע דריי יינגערע ברידער, איז געווען אומגעהויער באַשיידן, וואָס דאָס איז אויך אַ זעלטנקייט ביי קינסטלער, און ער האָט אַליין קיין צוטרוי צו זיין קונסט נישט געהאַט.

ער פלעגט זייער אָפט, נאָכן פאַרענדיקן אַ בילד, עס גלייך באַהאַלטן און קיינעם נישט געוואָלט עס ווייזן, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס פאַרמאָגט נישט דעם קינסטלערישן ווערט, צו וועלכן ער שטרעבט. ער פלעגט זייער אָפט איבערמאָלן זיינע בילדער, ביז ער האָט דערפילט, אַז עס איז שוין אינגאַנצן פאַרטיק, ווען ער האָט אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז עס האָט דערגרייכט די בויטיקע קינסטלערישע מדרגה. אויף די פאַר־זיכערונגען פון אַנדערע האָט ער זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן.

מ אַ ר ק ט ו ר ק א ו :

אַזאַ קינסטלערישע נאַטור איז געווען יוסף זיידנבייטל.

און דאָס אַלץ האָט ער דורכגעפירט אין די שווערסטע לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען; אין נויט און אַ באַדראָטן געזונטצושטאַנד, ווען די שווינדזוכט האָט כסדר געפרעסן זיינע לונגען און לעבן.

4

אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון יוסף זיידנבייטלס לעבן און שאַפן געפינען מיר אין די זכרונות פון מיין ברודער זיגמונט טורקאָוו*), וועלכער האָט געהערט צום קרייז יוגנט־חברים פונעם קינסטלער.

אונדזער פאָטער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט, אַז זיין בכור זאָל ווערן אַ „קאָמעדיאַנשטשיק" און צוליב די אָפטע קאָנפליקטן, האָט מיין ברודער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די עלטערנס היים. ער דערציילט וועגן דעם פאָלגנדיקס:

„אָנשטאָט צו אנטלויפן אין מיטן דער נאַכט אין אן אומבאַקאַנטע ריכטונג, בין איך אין אַ געוויסן טאָג צופוס אַריבערגעגאַנגען אויף גזשיבאָווסקע 1, ווו ס'האָט זיך אויפן לעצטן שטאָק געפונען די אַטעליע פון דעם מאָלער יוסף זיידנבייטל און פונעם סקולפּטאָר אַברהם אָסטזשעגאַ.

אונדזערע יידישע באָהעם־לייט האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און ס'איז נאָך אינעם זעלבן טאָג געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד דאָס אָרט פון מיין באַהעלטעניש.

הגם איך האָב דאָרט פאַרבראַכט נישט מער ווי אַ קורצע צייט האָט זיך אָבער די דאָזיקע צייט איינגעקריצט אין מיין זכרון. עס האָט דאָך אַרויסגערופן אַ ווייטע אַסאָציאַציע מיט יענע זאָרגלאָזע טעג אויף דער זומער־וווינונג אין „מאַלי־שווידרעק". ווען איך בין געווען אַן איינגייער אינעם ציגיינער־טאַבאָר און ליב באַקומען דאָס דאָזיקע פאָלק אָן „אַ היים און אָן אַ לאַנד". דאָ ערשט איז מיר קלאָר געוואָרן דער באַגריף: ציגיינער־לעבן. נישט אין

*) זיגמונט טורקאָוו: „פראַגמענטן פון מיין לעבן", באַנד 75 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1951.

דער אויסערלעכער פּאָרעם, נישט אינעם שטייגער דאַרף מען זוכן דאָס ציגיינערישע. אויך נישט אין דער „צעבראָשטשעטקייט“ און הפקרדיקער זאָרגלאָזיקייט, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַצייכענען מיטן רוסישן „נאַפּלעוואַט“. פאַרקערט, אָפטמאָל איז דער באַהעמיער אויסערלעך באַלעבאַטיש און קליינבירגערלעך און אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פון פּשוטע שטערבלעכע.

מען דאַרף זיך ערשט באַקענען מיט זייער באַציאונג צו זייער אַרבעט און צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו איר. דאַן ערשט ווערט קלאָר זייער מענטאַליטעט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער „אַנדערשקייט“.

די אַרבעט שטעלט פאַר מיט זיך דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון זייער לעבן און צו איר דווקא באַציען זיך אונדזערע באַהעמלייט מיט דער גרעסטער פּעדאַנטישקייט און אחריות. אַלץ איבעריקס איז צופעליק, צווייטראַנגיק און בכלל נישט וויכטיק.

איז פאַראַן צו עסן — עסט מען, איז נישט פאַראַן ווו צו שלאָפן, קאָנען טרעפ אויך דינען פאַר אַ געלעגער. אַבי ס׳איז פאַראַן די לייוונט און דער פּענדזל מיט פאַרבן.

די אַרבעט איז די חיי־שעה, צוליב איר איז כדאי צו לעבן. אַלס אַזעלכע האָב איך ׳דערקענט מיינע גאַסטגעבער פאַר דער קורצער צייט פון מיין פאַרברענגען מיט זיי.

די אַטעליע איז באַשטאַנען פון איין גרויסן זאַל, ווו ס׳האָבן געאַרבעט אַסטזשעגאַ און וויינטרויב און אַ קלענער צימער — פון מיין חבר זיידנבייטל. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון אַ טאַפּטשאַן, אַן איינגעפאַלן בעטל, אייניקע בענקלעך און אַ הינקענדיק טישל. דאָס אַלץ האָט זיך אָבער נישט אַרויסגעזען פון צווישן די צענדליקער סטאַלוגעס און שטענדערס פאַר די בילדער און סקולפּטורן. דאָס אויג פון באַזוכער פלעגט ווערן פאַרכאַפּט פון דער אייגנאַרטיקער מאָזאַאיק פון פאַרבן, ליניעס און פאָרמען, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון די ווענט.

דער קאָנטראַסט איז געווען נאָך שטאַרקער צוליב דעם, וואָס

גזשיבאָווסקע 1 האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט איינע פֿון די רוי־שיקסטע אַרטעריעס פֿון יידישן האַנדל. די געגנט גופא איז געווען באַקאַנט מיט איר אייזן־מסחר און במילא מיט אירע פּורמאַנעס, בעלי־עגלות און טרעגער. איז דאָך אַנטקעגנאַיבער געווען איינגע־פֿונדעוועט די לאַנגיעריקע טראַדיציאָנעלע אייזן־פֿירמע פֿון דער פּאָפּולערער משפחה פּריוועס.

דער טראָטואַר פֿאַר גזשיבאָווסקע 1 איז געווען אַרומגע־שטעלט מיט סטראַגאַנעס און קוישלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם טויער און אינעם לאַנגן הויף פֿון דאָזיקן הויז זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַזאַר פֿון כל־טוב: אָנהייבנדיק פֿון פֿלייש און פֿיש און ענדיקנדיק מיט טאַנדעט־מלבושים און געניצטע שיך.

פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט פֿלעגט די לופֿט פֿאַרהילכט ווערן פֿון אַ קרייען פֿון הענער, אויסרופֿן פֿון די פֿאַרקויפֿערינס, געדינגעריי פֿון בעל־הביתטעס, זידלעריי פֿון בעלי־עגלות און גע־קוויטשעריי פֿון קינדער. דאָס אַלץ פֿלעגט געוויינלעך באַגלייט ווערן פֿון אַ גרילצן פֿון קאַטאַרינקעס, וואָס האָבן זיך ווי באַמיט אַריבערצושרייען דעם דאָזיקן געפּילדער און פֿלעגן סוף־כל־סוף אָנטשווייגן ווערן הייזעריקע און פֿאַרשעמטע: ס'איז נישט געווען פֿאַר זייערע כוחות...

ווען מען פֿלעגט בכן אַדורכשטופּן זיך דורך דעם דאָזיקן גיהנום און אַרויפֿלויפֿן אויפֿן לעצטן שטאָק צו דער אַטעליע, האָט זיך שוין דער טומל געהערט ווי אַ ווייטער עכאָ. מיטן אַריבערטרעטן די שוועל פֿלעגט מען איינגאַנצן אין אים פֿאַרגעסן, אַזוי ווי מען פֿלעגט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז בכלל פֿאַראַן אַ גזשיבאָווסקע, מסחר, דאגות־פּרנסה און די אַלע שוועריקייטן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. צוליבן דאָזיקן קאָנטראַסט איז טאַקע די איבעררעשונג פֿונעם נייעם באַזוכער געווען נאָך שטאַרקער און די באַוווּנדערונג פֿאַר די קינסטלער נאָך גרעסער.

איך פֿלעג דאָרט נאָך פֿון פֿריער זיין אַן אָפֿטער איינגייער, ספּעציעל ביי יוסף זיידנבייטל, מיט וועלכן ס'האָט מיך געבונדן אַ

טיפע פריינטשאפט. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיין סכסוך מיטן טאַטן און וועגן מיין באַשלוס צו אַנטלויפן פון דער היים, האָט ער מיר מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל פאָרגעלייגט:

— וואָס דאַרפסטו לויפן, קום צוגיין צו אונדז און זיי מיט אונדז...

איך האָב מיך וועגן דעם בארַאטן מיט יאַנאַסן, ער האָט מסכים געווען מיטן דאָזיקן פּלאַן. אפילו מיין מאַמען האָב איך אַנטפּלעקט מיין „סוד“, האָב אַ קוש געטאָן אירע פאַרוויינטע אויגן און בין אין באַגלייטונג פון יאַנאַסן „אַנטלאָפן“ אויף גזשיבאָווסקע 1.

דער טאָג פלעגט דאָרט פאַרטיילט ווערן אין דרייען: פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך געווען ליכטיק, האָט מען געאַרבעט. פאַרנאַכט פלעגט מען פאַרברענגען אויסערן אַטעליע און ביינאַכט, ווען דער באַזאַר איז איינגעשלאָפן און ס׳טויער איז געוואָרן פאַרשלאָסן, האָט מען זיך געלאָזט „זוכן“ פּראָדוקטן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

די דאָזיקע עכט ציגיינערישע עקספּעדיציעס האָבן געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערן רייץ.

שטעלט אייך פאָר אַ בילד: שפּעט ביינאַכט. פינצטער אויף די טרעפּ. און אָט עפנט זיך שטיל די טיר פון אַטעליע און אַ צוויי, דריי יידישע „ציגיינער“ לאָזן זיך פאָרזיכטיק אַראָפּ צום קעלער. מען טאַפּט אין דער פינצטער, — אָנצינדן אַ שוועבעלע טאָר מען נישט, ווייל דער נאַכט־וועכטער קאָן עס באַמערקן, — און מען זוכט אַ נישט־פאַרשלאָסענעם שפּייכלער, אַן אָפענע פאַס... און אָט הערט זיך עמעצנס פאַרשטיקטע שטימע: „קאַרטאָפל“! — באַלד אַ צווייטע: „קרויט“! אַ דריטע: „הערינג“... און אין אַ פּאָר מינוט אַרום קערט זיך די עקספּעדיציע אום מיט אַ רייכן פאַנג, וואָס זאָגט צו אויף מאָרגן אַ געשמאַקן אָנבייסן, אַ נאַכט־עסן און, דער עיקר, אַ קאַרטאָפלאַנקע פאַרן קליינעם יינגעלע מיט די גרויסע, טונקעלע אויגן, וואָס פּאָזירט זיידנבייטלען צום שפּעטער באַרימט

געוואָרענעם פּאָרטרעט. אונדזערע קינסטלער האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו צאָלן ׳זייערע מאָדעלן, האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַזעלכע, וואָס פּלעגן גערן פּאָזירן פאַר אַ געשמאַק ביסל עסן, אָדער אויס ליבע צו דער קונסט.

צווישן די לעצטע זענען געווען איינציקע יונגע שרייבער, זשורנאַליסטן, אַ האַלב־פּאַראַליזירטער פּוילישער ציַיטונגס־פאַר־קויפער מיט אַ גרויסער בלום אין לאַץ, — אַ פּאָפּולערע געשטאַלט אין די וואַרשעווער גאַסן און איינציקע עקזאַלטירטע מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו קינסטלער. ווען איך האָב מיך באַזעצט אויף גזשיבאָווסקע 1 האָב איך דעם זעלבן טאָג גענומען פּאָזירן זיידנבייטלען צו אַ בילד אונטערן נאָמען „מעפּיסטאָ". איך האָב דערצו מיך גרימירט אַלס „אוריאל מזיק" און אַ האַלב נאָ־קעטער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ „טייוולאָנישע פּאָזע", קוקנדיק אַראָפּ מיט טיפער פאַראַכטונג אויפן נאַרישן אוניווערס. פון צייט צו צייט פלעג איך אָפּרייסן מיין בליק פונעם „אוניווערס" און זיך צוקוקן צו זיידנבייטלען.

ער פלעגט בעתן מאָלן צוברומען אַ חסידישן ניגון און אים פאַרשידנאַרטיק און זייער מוזיקאַליש וואַריאירן. זיין לאַנגער קאָפּ איז געווען פאַרטונקען אין געדיכטן רויך פון פּאַפּיראָסן, וועלכע ער פלעגט בסדר רויכערן. אָפט פלעגט דאָס געזאַנג איבערגעריסן ווערן פון אַ שטאַרקן הוסט, אַן אָנזאָג פונעם טובערקולאָז, וואָס האָט אין איינציקע יאָר אַרום פאַרשניטן זיין יונג לעבן. נאָכן אָפּ־הוסטן פלעגט ער אַרומווישן דעם שוויים פונעם בלאַסן פּנים, פאַר־גראָבן אַ האַנט אין די געדיכטע קרויזן און מיט פאַרזשמורעטע אויגן באַטראַכטן דאָס בילד. אַ ווײַלע שטיל און פּלוצלונג רופט ער זיך אָן מיט אַ גמרא ניגון: — „דאַרף מען, הייסט עס, דאַרף מען, הייסט עס"... און ווידער טוען אַ בליץ די פייערלעך אין זיי־נע אויגן און ווידער הילט אַרום אַ געדיכטער ניקאָטין־וואָלקן זיין קאָפּ און דער פּענדזל הייבט אָן צו שפּרינגען פון פּאַליטרע צום לייוונט, פון לייוונט צו פּאַליטרע, ביז אַ צווייטן הוסט, ביז אַ צווײ־טער אָטעם־פּויזע.

ווען דאָס בילד איז געוואָרן פאַרענדיקט, האָבן מיר עס גע־העריק „באַגאָסן" און ער האָט עס מיר אוועקגעשאָנקען צום אָנ־דענק פון אונדזער געמיינזאַמען גזשיבאָווסקע.

אין יאָרן שפּעטער פלעג איך אויסבאָרגן דאָס בילד פאַר זיידנבייטלס אויסשטעלונגען און עס געהאַלטן ביי מיר ווי אַ הייליקן אָנדענק נאָך אַ האַרציקן חבר און גרויסן קינסטלער.

די צייטן האָבן עס חרוב געמאַכט צוזאַמען מיט גזשיבאָווסקע 1, צוזאַמען מיטן שטיין אויף זיין קבר, איינע פון די גע־ציילטע פאַרניכטעטע מצבות אויפן גענשער בית־עולם."

5

אַט אַזוי זעט אויס היינט צו טאָג דער בילאַנס פון דער נײַן־קינדער־דיקער זיידנבייטל־משפּחה: עס לעבן בלויז די שוין פריער־דערמאָנטע צוויי שוועסטער אין בוענאָס איירעס.

דריי קינדער: אַן עלטערע שוועסטער, דער מאָלער יוסף זיידנבייטל און דער סקולפּטאָר הערש זיידנבייטל זענען אין פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען אומגעקומען: דער עלטסטער ברודער מאָטל, פון פאַך אַ בוכהאַלטער און נאָך אַ שוועסטער.

די משפּחה־כראָניק פון די זיידנבייטלס דערגאַנצן נאָך צוויי קרבנות פון דער נאַצי־אינוואַזיע אין פּוילן: די צווילינג־ברידער מנשה און אפרים, וואָס האָבן געהערט צו די פּעאיקסטע מאָלער פון דעם יונגן קינסטלער־דור ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

געניי ווו, ווען און ווי אַזוי זיי זענען אומגעקומען איז נישט באַ־וווסט. פאַראַן ידיעות, אַז נאָך דעם פאַרנעמען וואַרשע דורך די דייטשן זענען די צוויי קינסטלער אַנטלאָפן צו מזרח־צו. מען האָט זיי געזען אין פאַרשיידענע שטעט. זיי האָבן אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין ביאַ־ליסטאָק, דאַכט זיך, אויך אין ווילנע און זאָלן ערגעץ־ווו, אויף זייערע וואַנדערונגען, האָבן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, איז אַ פאַקט, אַז די צוויי אַזוי באַגאַבטע און אָריגי־נעלע קינסטלער זענען אומגעקומען אין דער עלטער פון קנאַפּע 40 יאָר, נאָך יאָרן פון אַזויפיל שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, נאָך אַזוי־פיל ליידן, אָפטן הונגער, אָבער שטענדיק פול מיט האָפענונג אויף דער צוקונפט, מיט כסדרדיקע פאַרשריטן אין זייער קינסטלערישער קאַריע־רע. די איינציקע שטרעבונג, דער איינציקער ציל אין זייער לעבן.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן, אויב מען וועט וועגן זיי זאָגן, אַז זיי

האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זיי האָבן געלעבט אויף גאָטס וועלט.

ווען דער פאָטער איז זיי אָפּגעשטאָרבן זענען די צווילינג־ברידער מנשה און אפרים אַלט געווען ס״ה 12 יאָר. אין דער דאָזיקער עלטער האָבן זיי שוין געמוזט גיין אַרבעטן, בכדי צו קענען אין די אוונט־שעהן זיך לערנען. פריער אַלגעמיינע לימודים און שפּעטער אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, ווייל ביידע ברידערלעך האָבן פון זייער פריסטער קינדהייט ־ אָן אויך אַרויסגעוויזן אומגעווייגלעכע מאָלערישע פעאיקייטן.

אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע האָבן זיי געפונען אַ פּראָ־טעקטאָר, אַ חבר און פריינט, זייער פּראָפעסאָר דאָרט, דער באַרימטער פוילישער מאָלער טאַדעאוש פּרושקאָווסקי. אויך ער איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט בעת דעם חורבן. זיין אָנדענק פאַרדינט ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט צו ווערן צווישן די חסידי אומות העולם. ער איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער פוילישער קינסטלער, ער איז קודם כל געווען אַ גוטער, איידעלער מענטש, אַן אמתער חבר פאַר אַלע זיינע פעאיקע תלמידים.

פּרושקאָווסקי האָט געהאַט אַ פרייד צו העלפן יונגע קינסטלער. ער האָט זיי נישט בלויז רעקאָמענדירט צו אַנדערע, נאָר האָט זיי אַליין גע־האָלפן מיט אַלעם, וואָס איז אים געווען מעגלעך.

ער פלעגט טאָן אַלץ, בכדי צו העלפן זיינע פעאיקע תלמידים זיי זאָלן קענען רעאַליזירן זייערע קינסטלערישע אַספּיראַציעס.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיינע יידישע תלמידים, פלעגט ער זיך באַמיען, אַז זיינע יידישע פריינד זאָלן זיך מיט זיי פאַראינטע־רעסירן און זיי העלפן. ער האָט גוט געוווסט, אַז מיט דער מיינונג פון אַ גוי רעכענען זיך די רייכע יידן אַ סך מער ווי מיט אַ יידישער מיינונג.

אַ גאַנץ ספּעציעלן אינטערעס און אַפילו סענטימענט האָט פּרוש־קאָווסקי אַרויסגעוויזן פאַר די צווילינג־קינסטלער מנשה און אפרים זיידנבייטל. ער פלעגט זיי אָפּט מיטנעמען אויף קינסטלערישע עקס־קורסיעס, ער פלעגט זיי רעקאָמענדירן פאַרשיידענע אַרבעטן ביי דעקאָ־

רירונגען, פלעגט אַפילו זוכן צווישן זיינע באַקאַנטע קונים פאַר זייערע בילדער — אַבי זיי דורכדעם צו העלפן.

די דאָזיקע באַציאונג פון דעם באַרימטן פוילישן קינסטלער צו זיינע תלמידים איז אָפטמאָל ממש געווען אַ רירנדיקע. און הלמאי זאָל מען לייקענען, ער האָט אָפטמאָל אַליין צוליב דעם געליטן מצד די פּוילישע אַנטיסעמיטן. נישט איינמאָל האָט די אַנטיסעמיטישע פרעסע אים באַצייכנט אַלס „זשידאָווסקי פּאַכאָלעק", אַלס פּראָטעקטאָר און פּאַרטייִדיקער פון יידן. מען האָט אַפילו געפּרוווט בודק צו זיין, צי איז טאַדעאוש פּרושקאָווסקי בכלל אַ פּאָליאַק פון דער „ריינער" אַרישער ראַסע, אָדער האָט זיך אין אים אָפּגערופן דאָס בלוט פון עפּעס אַ יידישער באָבען זיינער... מען האָט אים ממש אָנגעהויבן רודפן. מען האָט אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס קעגן אים. די אַנטיסעמיטישע שילער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אויף זיינע לעקציעס און מען האָט געפאָדערט אים צו דערוויטערן פון דער פוילישער קונסט־אַקאַדעמיע, ווו ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרנומען דעם אַמט פון רעקטאָר.

אָבער טאַדעאוש פּרושקאָווסקי האָט זיך דערפון ווייניק וואָס געמאַכט. ער איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג אַלס קינסטלער, אַלס לערער און אַלס פּראָטעקטאָר פון די, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף.

ער איז אויך אומגעקומען ווי אַ מאַרטירער...

6

מנשה און אפרים זענען געווען אַ העכסט אָריגינעל פּאָרל. ענלעך צו זיך ווי צוויי טראָפּן וואַסער. עס איז געווען אוממעגלעך אונטערצו־שיידן ווער פון זיי ביידן איז ווער.

די זעלביקע הויך, די זעלביקע געשטאַלט, דער זעלביקער גאַנג, די זעלביקע באַס־שטימע, אויסשפּראַך, אינטאָנאַציע — עס האָט זיך גע־דוכט, אַז דאָס איז איין מענטש אין צוויי באַזונדערע מענטשלעכע געשטאַלטן.

די דאָזיקע ענלעכקייט, וואָס איז אַ זעלטנהייט אַפילו ביי צווי־לינגען, האָט געשאַפן אָפּטמאָל גאַנץ קוריאָזע סיטואַציעס און אויף דעם באָדן איז וועגן די זיידנבייטלס אויפגעקומען אַ גאַנצע ליטעראַטור פון וויצן.

חברים, וואָס האָבן געוווינט מיט די זיידנבייטלס אין יידישן אקאדעמישן הויז אויף פּראַגע, פלעגן דערציילן, אַז ווען זיי פלעגן אַריינגיין אין הויז, פלעגן זיי טרעפן זיידנבייטלען אַרויסגיין. ווען זיי זענען אַרויף אויף די שטיגן אין דער ריכטונג פון זייער צימער, פלעגן זיי ווידער טרעפן זיידנבייטלען אַראָפּגיין פון די שטיגן.

תחילת האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר ערשט שפּעטער האָט מען זיי אויפגעקלערט, אַז דאָס האָבן זיי געטראָפן צוויי באַזונדערע זיידנבייטלס, נאָר מיטן זעלביקן אויסזען.

עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז ווען מען האָט באַגעגנט איינעם פון די זיידנבייטלס אין שטאָט, פלעגט מען אים קודם כל פרעגן:

— דו ביסט מנשה צי אפרים?

ביידע ברידער פלעגן מיך אָפט באַזוכן אין רעדאַקציע אָדער אין שטוב וועגן פאַרשיידענע ענינים: פאַרלייגן קויפן ביי זיי אַ בילדל, בעטן עפּעס אַ רעקאָמענדאַציע, אָדער ס׳רוב פּשוט געקומען נאָך אַ גמילות־

צוויי אָריגינעלע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די צווילינג־ברידער מנשה און אפרים זיידנבייטל.

חסד. חברה שרייבער און זשורנאַליסטן אין וואַרשע האָבן אָפּט געהערט צו די „מעצענאַטן״ פון יידישע קינסטלער, און ווען עס פלעגט זיך שוין אָנזאַמלען אַ היבשער חוב, האָבן די קינסטלער עס געדעקט מיט זייערס אַ ווערק, בכדי צו קענען עפענען אַ נייע קרעדיט־קאָנטע... אויף אַזאַ אופן האָבן זיך אין אונדזערע היימען אין וואַרשע אָנגעזאַמלט גאַנץ היבשע קונסט־קאָלעקציעס.

פלעגט טרעפן:

עס קומט צו מיר איינער פון דעם ויידנבייטל־צווילינג און איך רייד מיט אים אַרום אַ געוויסן ענין. אַ צייט שפּעטער, ווען איך פלעג אים ווידער טרעפן און ווייטער וועלן פירן דעם שמועס, האָט ער גאָרנישט געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— סטייטש, — פלעג איך טענהן — ביסט דאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק געווען ביי מיר און האָסט דאָך מיט מיר וועגן דעם גערעדט...

פלעגט זיך דערהערן אַן ענטפער מיט אַ שמייכל:

— ביי דיר איז געווען אפרים, איך בין דאָך מנשה...

געווען אָפּטמאָל צייטן, ווען מען פלעגט זיי זעלטן זען צוזאַמען. דאָס איז געווען ס׳רוב אין די ווינטער־טעג אָדער בעת גרויסע רעגנס. די סיבה דערפון איז געווען אַ פּשוטע: זיי האָבן געהאַט בלויז איין ווינטער־מאַנטל, אָדער איין גאַנצע פּאָר שיך, און ווען איינער האָט עס באַדאַרפט אָנטאָן און גיין אין גאַס אַריין, האָט דער אַנדערער געמוזט בלייבן זיצן אין שטוב.

ווי ביטער עס זאָל נישט האָבן געווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די צווילינג־ברידער, האָבן זיי אָבער שטענדיק מיט אַ סך אויפריכטיקער גוטמוטיקייט אויפגענומען יעדן וויץ, יעדן קיבעץ אויף זייער חשבון.

דער וויץ און קיבעץ איז געווען אַ פאַרגעניגן נישט נאָר פאַר אַנדערע — עס איז אויך געוואָרן אַ פאַרגעניגן פאַר זיי אַליין. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען עס אין אַ פאַרגעניגן, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז קיינער איז קיין שום שלעכטס לגבי זיי נישט אויסן. און קיין סך פאַרגעניגן אין זייער אָרעמען לעבן האָבן זיי סיי־ווי נישט געהאַט.

שטילע, באַשיידענע, שוויגנדיקע, ממש קאַרגע אויף אַ וואָרט, זע־

נען זיי געגאַנגען דורכן שווערן לעבן זייערן, צופרידענע, אַז מען קען דורכקומען דעם טאָג, און זיך איינגאַנצן אויסגעלעבט מיט די דערפאָלגן פון זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

קיינער פון די באַזוכער אין קונסט־סאַלאָן פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט, אָדער אַנדערע קונסט־סאַלאָנען, ווו זיי האָבן אויסגע־שטעלט זייערע ווערק, האָט נישט געקענט פאַרבייגיין גלייכגילטיק און זיך נישט אָפּשטעלן ביי די פּרעכטיקע פּייזאַזשן און „טויטע נאַ־טורן" פון מנשה און אפרים זיידנבייטל.

הגם יעדער איינער פון זיי האָט געזוכט זיין אייגענעם קינסטלע־רישן וועג, זענען זיי אָבער אויך אין דער מאָלעריי, אין דער קאָמפּאָזיציע פון פאָרם און פאַרב, זייער אָפט געווען זייער ענלעך איינער צום אַנדערן.

בפרט זענען באַקאַנט געווען זייערע לאַנדשאַפטן פון קאַזשמיעזש. פון יענעם פּרעכטיקן, מאָלערישן און היסטאָרישן אָרט ביי דער ווייסל, וואָס איז פול מיט לעגענדן וועגן אסתרקען, דער יידישער געליבטער פון קיניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וואָס האָט פאַר איר אויסגעבויט אַ שלאָס אויפן באַרג און די חורבות דערפון האָבן זיך געפונען ביז צו דער לעצטער צייט, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין די זומער־חדשים איז קאַזמיעזש געווען דאָס פּאָפּולערסטע רו־און אַרבעט־אָרט פאַר יידישע און פּוילישע שרייבער און קינסטלער. דיכטער פלעגן עס באַזינגען אין זייערע לידער, שרייבער פלעגן עס שילדערן אין זייערע נאָוועלן, זשורנאַליסטן פלעגן שרייבן וועגן דעם רעפּאָרטאַזשן און קינסטלער פלעגן עס פאַראייביקן אין זייערע בילדער. פיל קינסטלער פון דער פען און די קינסטלער פון פאַרב האָבן דאָרט געשעפּט אינספּי־ראַציע פאַר זייערע קינסטלערישע שאַפונגען.

אויך מנשה און אפרים זיידנבייטל האָבן זיך געפונען צווישן זיי.

די חורבות פון אסתרקעס שלאָס, דער מאַרק, די פעלדער און דאָס וואַסער, דער הימל און די ערד, אַלץ האָט אין קאַזשמיעזש געזונגען און אַלץ האָט געהאט אַן אומגעווייגלעכע פאַרבן־רייכקייט, דעריבער איז אַלץ דאָרט אַזוי באַזונגען געוואָרן און אַלץ איז געמאָלן געוואָרן.

פונקט ווי אַ סך קינסטלער, האָט אויך דער קינסטלער־צווילינג,

מנשה און אפרים זיידנבייטל, געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן פון דער גרויס־שטאָטישער ענגשאַפט צו דער פרייער מאָ־לערישער נאַטור פון קאַזשמיעזש.

האַרציקע צוויי בחורים זענען דאָס געווען. גוטע חברים, טייערע ברידער. זיי זענען צוזאַמען געקומען אויף דער וועלט, צוזאמען דורכ־געמאַכט אַ שווער לעבן, געקעמפט און געשאַפן, צוזאמען געשפונען זייערע האָפענונגען און צוזאַמען אַוועק פון דער וועלט.

זאָלן כאָטש די דאָזיקע שורות וועגן דער זיידנבייטל־משפחה, וועגן די פיר ברידער זיידנבייטל, זיין אַ באַשיידענע דערמאָנונג וועגן זייער עקזיסטענץ אַמאָל אויף דער וועלט. זאָל עס זיין אַ באַשיידענער שכר פאַר זייערע לייסטונגען פאַר דער יידישער קונסט און יידישער קולטור.

צירטלין

1

אין די ערשטע דעצעמבער־טעג פון 1942־טן יאָר האָבן שוואַרץ־באַ־רעמטע טרויער־מעלדונגען אָנגעזאָגט די איינוווינער פון וואַרשעווער געטאָ, אַז נאָך אַ שווערער קראַנקייט האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם דער פאַרדינסטפולער יידישער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער עסקן א ל ח נ ן צ י י ט ל י ן.

ס״ה 40 יאָר איז ער אַלט געווען. די קראַנקייט, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום בעט, איז טאַקע געווען אַ שווערע. אָבער די דירעקטע סיבה פון זיין טויט איז נישט געווען די עצם־קראַנקייט, נאָר דער הונ־גער. זיין שוואַכער, צעטרייסלטער אָרגאַניזם האָט נישט אויסגעהאַלטן מער.

דאָך, ווען פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך פאַרזאַמלט, בכדי דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם אלחנן צייטלין באַגלייטן אין זיין אייביקער רו, האָבן אַ סך מיט אַ טיפן זיפץ מקנא געווען דעם נפטר, וואָס ער גייט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ נאַטירלעכן טויט. מען האָט עס דאַן אין וואַרשע־ווער געטאָ באַצייכנט מיט אַ ביטערן הומאָר אַלס אַ „לוקסוס־טויט“.

נישט יעדער האָט אין יענע טראַגישע טעג זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, מעג אפילו דער הונגער האָבן געווען די סיבה דערפון. ס׳האָט שוין דאַן געהערט צו די זעלטנקייטן, אַז אַ ייד זאָל זוכה זיין צו פאַרענדיקן זיין לעבן ביי זיך אין שטוב, אין דער סביבה פון זיין נאָענטסטער פאַמיליע, אַז פרוי און קינדער זאָלן זיך געפינען ביים טויטן־בעט און ער זאָל געבראַכט ווערן צו קבר־ישראל, באַקומען אַן אייגענעם קבר פאַר זיין אייביקער רו.

דאָס זענען דאָך געווען צייטן, ווען טויט און אומקום זענען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין דעם געטאָ־לעבן. די גאַסן זענען געווען אויסגעלייגט מיט טויטע קערפּערס, וועלכע מען פלעגט גאַנצע הויפנס צו־נויפזאַמלען און מיט וועגענער אַוועקפירן הינטער דער שטאָט און דאָרט

זיי מקבר זיין אין ברודער־קבר, נישט ווייסנדיק אפילו, ווער אין וועלכן מאַסן־קבר עס רוט...

דעריבער האָבן אפילו אַזעלכע טראַגישע אומשטענדן ווי דער הונ־גער־טויט געמוזט זיין אַ טרייסט פאַר דער משפחה פון דעם יונג־פאַר־שטאָרבענעם אלחנן צייטלין, בפרט נאָך, אַז עס איז זיי געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט בייצוזיין די קבורה פון זייער מאַן און פאָטער. אויך דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט, וואָס נאָר יחידי־סגולה האָבן דערצו געקענט זוכה־זיין.

אין יענע צייטן, ווען עמיצער איז שוין זוכה־געווען צו האָבן אַן אייגענע לויה, האָט מען זי געמעגט באַגלייטן נאָר ביז צום געטאָ־טויער, וואָס האָט זיך געפונען ביים עק פון די גאַסן זאַמענהאָף און גענשע. מחוץ פון דעם טויער, לענג־אויס דער גענשע גאַס, האָבן נאָר די באַאַמטע פון דער לויה־געזעלשאַפט אין זייער אָפיציעלן אוניפאָרם, אין די ווייסע היי־טעלעך, געמעגט מיטפאָרן מיטן לויה־וואָגן.

איז געלונגען אויסצופועלן פאַר דער יונגער אלמנה און פאַר די צוויי יתומים אַט אַזעלכע ווייסע היטעלעך, בכדי זיי זאָלן קענען מחוץ דעם געטאָ־טויער מיטפאָרן מיטן וואָגן ביז צום בית־עולם און בייזיין די קבורה. ווארפן דעם לעצטן בליק אויפן נפטר, פאַרגיסן אַ טרער ביי זיין אָפענעם קבר — וויסן, וווּ זיין קבר געפינט זיך.

אין דעם גרויסן צער — איז דאָס אויך געווען אַ געוויסע טרייסט, אַ פאַרלייכטערונג אין זייער ווייטיק.

זיי האָבן דעם דאָזיקן געדאַנק מיטגעפירט מיט זיך אין זייער איי־גענעם לעצטן וועג, ווען זיי זענען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, דעם 18טן יאַנואַר 1943, בעת דער „קליינער אַקציע“ אין וואַרשעווער געטאָ, צוזאַמען מיט נאָך אַכט טויזנט יידן, אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעב־לינקע...

2

אלחנן צייטלין האָט אין משך פון די קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות פאַרנומען אַ פּירנדיק אָרט אין דעם זשורנאַליסטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון וואַרשע.

מיט זיין אינטעליגענץ, אַרבעטזאַמקייט און ענערגיע, האָט ער זיך אַליין אויסגעקעמפט די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען.

פּונקט ווי זיין גרויסער פאָטער, דער אומשטערבלעכער מנהיג פון פּוילישן יידנטום, ר׳ הלל צייטלין, איז געווען פּילזייטיק אין זיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, פּונקט ווי זיין עלטערער ברודער אהרן צייטלין איז פּילזייטיק אין זיין דיכטערישער שאַפונג, אַזוי איז אויך דער יונג־אַוועקגעגאַנגענער אלחנן צייטלין געווען פּילזייטיק אין זיין טעטיקייט אַלס שרייבער און געזעלשאַפטלעכער עסקן.

דאָס איז אַ ירושה־זאַך ביי די צייטלינס, דאָס איז די אייגנאַרטיקייט פון דער צייטלין־משפּחה, דאָס איז דער צייטלין־אוצר, וואָס האָט באַרייכערט דאָס לעבן פון פּוילישן יידנטום.

דעם „די ליטעראַרישע שטוב“ פון ר׳ הלל צייטלין, וואָס אלחנן לעבט אויף פאַר אונדז אין דער שטימונגספולער שילדערונג, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום“, איז געווען נישט בלויז אַ גייסטיקער צענטער פאַר יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און וויסן. אין דער ליטעראַרישער שטוב אויף שליזקע 60, דעם אייגנאַרטיקן אַדרעס פון פּוילישן יידנטום אין משך פון דרייסיק יאָר, זענען פאָרגעקומען נישט בלויז ליטעראַרישע מסיבות. דאָרט זענען געקומען נישט בלויז יידישע און העברעאישע שרייבער. שליזקע 60 איז אויך געווען דער גייסטיקער צענטער פאַר וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידעען. דאָרט פלעגט מען רעדן נישט בלויז וועגן ליטעראַטור און קונסט, נאָר דאָרט פלעגן פאָרקומען אויך געזעלשאַפטלעכע באַראַטונגען, אויף וועלכע עס פלעגן באַהאַנדלט ווערן אַלגעמיי־

נאַציאָנאַלע יידישע פּראָבלעמען. דאָרט פלעגן געבוירן ווערן וויכטיקע אי־ניציאַטיוון פאַר יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס האָבן אָפטמאָל געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין פוילן.

אלחנן צייטלינס בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב" נעמט אַרום די צייט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז אונדז באַוווסט, אַז אלחנן צייטלין האָט פאַרגעזעצט דאָס שרייבן פון זיינע זכרונות שוין נאָכדעם, ווי דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין וואַרשע. ער האָט אויך פיל געשריבן, בעת וואַרשע האָט זיך געפונען אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע. ליידער איז דער גורל פון זיינע מאַנוסקריפּטן נישט באַ־קאַנט. וואַרשיינלעך געפינען זיך די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן, פּונקט ווי פיל וויכטיקע ליטעראַרישע און דאָקומענטאַלע מאַנוסקריפּטן פון אַנדערע יידישע שרייבער און פאָרשער, ערגעץ־ווו אונטער די חורבות פון דעם געטאָ און בלויז אַ נס קען עס באַווייזן, אַז זיי זאָלן אויפגעזוכט ווערן.

וואָלט דער דאָזיקער נס געשען און די אַלע מאַנוסקריפּטן זאָלן זיך אויפזוכן, וואָלטן מיר דורך אלחנן צייטלינס ווייטערדיקע זכרונות באַקו־מען אַ ניי, פאַרבנרייך בילד פון אַ וויכטיקער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער פאַרשוווּנדענער וואַרשע, וואָס די שטוב פון ר' הלל צייטלין איז געווען איינער פון די גייסטיקע צענטערס אירע.

פּערזענלעך באַצי איך מיך אויף די יאָרן פון 1925 ביז 1938, ווען איך האָב געהאַט דעם כבוד און די זכיה צו געהערן צו די אָפטע איינגייער אין הויז פון ר' הלל צייטלין און אָנטיילנעמען אין פיל פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע באַראַטונגען.

יידן פון דעם גאַנצן לאַנד און געסט פון אויסלאַנד פלעגן באַזוכן די שטוב פון ר' הלל צייטלין, אָדער שרייבן בריוו צו אים, מיט פאַרשי־דענע פּלענער, פרעגן עצות, באַרירן אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער דע־מאָלסטיקער יידישערווירקלעכקייט.

מען איז געקומען און מען האָט געשריבן ווי צו אַ רבין. מען האָט זיך אויך צוגעהערט צו זיין וואָרט ווי צום וואָרט פון אַ רבין. די מאַסע



חסידים פון ר׳ צייטלין איז געווען אומגעהויער גרויס נישט בלויז אין פּוילן גופא, נאָר צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ר׳ הלל צייטלין איז געווען געדולדיק אויסצוהערן אַלע פּלענער. פּלעגט פירן אַ ברייטפאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, פלעגט באַרירן די פראַגן אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, פלעגט זיך נישט באַנוגענען מיט זיין אייגענער מיינונג און זיינע עצות, נאָר פלעגט רופן באַראַטונגען, בכדי די ענינים צו באַהאַנדלען אין אַ ברייטערן קרייז פון געזעלשאַפטלעכע טוער.

אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין וואַרשע זענען אויפגעקומען און אויסגעוואַקסן אַ דאַנק אַט די צוזאַמענקונפטן אין הויז פון ר׳ הלל צייטלין.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זענען נישט געווען קיין סיסטעמאַטישע. זיי זענען אָפּהענגיק געווען לויט דער צייט, לויטן פּראָבלעם און לויט דער וויכטיקייט, פון דעם, וואָס דאָס דעמאָלסטיקע יידישע לעבן האָט געפאָדערט.

דורך ספּעציעל געדרוקטע איינלאַדונגען פלעגט ר׳ הלל צייטלין רופן צו זיך מענטשן צו די דאָזיקע באַראַטונגען.

אלחנן צייטלין פלעגט אויך אין זיי אָנטיילנעמען. נישט אַלס זון פון ר׳ הלל צייטלין, נישט אַלס קינד, וואָס איז אין דעם הויז דערצויגן געוואָרן און האָט דאָ אויסגעפורעמט זיין וועלט־באַנעם, נאָר טאַקע אַלס אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַלס וואָרט־זאָגער אין דעם יידישן לעבן, אַלס מענטש, וואָס האָט אַליין געבויט, געקעמפט און געשאַפן.

אויב דער דיכטער אהרן צייטלין האָט גע‌ירשנט ביי זיין גרויסן פאָטער דאָס מיסטישע אין זיין דיכטערישער שאַפונג, האָט אלחנן צייטלין געירשנט דעם געזעלשאַפטלעכן נערוו, דאָס קעמפערישע. ער האָט די דאָזיקע ירושה אָפּגעהיט ביז צום לעצטן הויך פון זיין נשמה.

דערמאָנענדיק ר׳ הלל צייטלינס שטוב אויף שליזקע 60, די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע מסיבות, קען מען נישט פאַרגעסן די געשטאַלט פון דער איידעלער, שטילער און האַרציקער יידישער מאַמע, די טרייע לעבנסבאַגלייטערין פון דעם גרויסן דענקער — פרוי אסתר צייטלין,

פאַמיליען־בילד פון די ציטלינס



ערשטע רייע (שטייענדיק פון רעכטס צו לינקס): דער איידעם נחום האכער־מאן, אהרן צייטלין, טאליע צייטלין, אלחנן צייטלין.

צווייטע רייע (זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס): די טאכטער רבקה האכערמאן, ר׳ הלל צייטלין, אסתר צייטלין, רעניא צייטלין.

אונטערשטע רייע, די אייניקלעך (פון רעכטס צו לינקס): דוד צייטלין, צבי־דוב צייטלין, אברהם האכערמאן און אדם צייטלין.

פון אַלע, וואָס געפינען זיך אויפן בילד, לעבט בלויז דער דיכטער אהרן צייטלין.

וועלכע האָט פיל בייגעטראָגן צו דער אויסווירקונג פון דער צייטלין־סביבה.

אין די דעבאַטן האָט זי קיין דירעקטן אָנטייל נישט גענומען. זי פלעגט זיך בלויז אויפמערקזאַם צו זיי צוהערן. אַלץ, וואָס עס האָט אינ־טערעסירט איר מאַן און אירע קינדער, איז אויך פאַר איר געווען אינטע־רעסאַנט. זי איז געווען אַן אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין דער אַנטוויק־לונג פון די גרויסע אידעען און טעטיקייטס־פּאַרנעם פון ר׳ הלל צייטלין.

זי איז אַוועק קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט איר איידעם נחום האַ־כערמאַן און איר אייניקל, אברהמל, דעם זונדעלע פון דער בת־יחידה רבקה, וואָס איז אין דעצעמבער 1938 געשטאָרבן יונגערהייט פון אַ לונגען־אַנציג־דונג.

נחום האַכערמאַן האָט זיך פולשטענדיק אַריינגעפּאַסט אין דער גייס־טיקער סביבה פון דער צייטלין־משפחה. אַ מענטש מיט העכערער יידישער און וועלטלעכער בילדונג, איז ער געוואָרן דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון ר׳ הלל צייטלין.

ער האָט געענדיקט דעם העברעאישן לערער־סעמינאַר אין ירושלים, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. נאָך זיין צוריקקומען קיין וואַרשע האָט ער שטודירט אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט. הגם אַ טיף־איבער־צייגטער העברעער, האָט ער זיך געווידמעט דער פאָרשונג פון יידיש, פאַר־פאַסנדיק אַ פראַזעאָלאָגישן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געפונען גרויס אנערקענונג ביי אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי נח פּרי־לוצקי א״אַ. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס האַכערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט דערפון בלויז פראַגמענטן. צום באַדויערן האָט שוין דאָס גאַנצע ווערק נישט באַוויזן צו דערשיינען.

זיין יונג־פאַרשטאָרבענע פרוי רבקה האָט פון קינדווייז־אָן אַרויסגע־וויזן אַ שטאַרקע באַגאַבונג צו מוזיק און מאָלערישער קונסט.

זאָל זייער אָנדענק דאָ דערמאָנט ווערן מיטן פאַרדינטן יראת־הכבוד.

3

זיין אַ זון פון אַ גרויסן פּאָטער איז זיכער אַ גרויסער כבוד, עס איז אָבער זעלטן אַ מעלה פאַר דער פּערזענלעכער קאַריערע פון אַ יחיד. עס איז אָפטמאָל אַ שטערונג.

אלחנן צייטלין קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר דער דאָזיקער באַהויפּטונג.

אַ מענטש מיט שרייבערישן טאַלאַנט, מיט שפּראַך און סטיל, מיט יידישער און וועלטלעכער בילדונג, איז אלחנן צייטלין געווען אַ זשורנאַליסט פון הויכער קוואַליטעט, מיט אַ קלאָרער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָריענטאַציע, מיט חוש פאַר צייטונגס־אַקטואַליטעט.

מען קען דרייסט זאָגן, אַז עס איז נישט געווען קיין איין צייטונגס־רובריק, וווּ אלחנן צייטלין זאָל נישט קענען אַ בליק־טאָן מיט זיין אינטעליגענץ און זיינע פעאיקייטן.

דאָך האָט עס לאַנג געדויערט ביז אלחנן צייטלין האָט זיך געקענט אויסקעמפן אַ געהעריקע פּאָזיציע אין דעם יידישן צייטונג־וועזן.

ווען אלחנן צייטלין איז אַלס צוואַנציק־יעריקער בחור צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער אהרן, צוריקגעקומען קיין פּוילן פון ארץ־ישראל, האָבן די יידישע צייטונגען איבערגעלעבט זייער בלי־פּעריאָד. זשורנאַליסטן האָבן זייער גוט פאַרדינט, נייע, יונגע קרעפטן האָבן פאַרפולט די יידישע רעדאַקציעס, עס זענען איינגעפירט געוואָרן נייע רובריקן אין צייטונגען, די אינפאָרמאַציע־דינסט איז מאָדערניזירט געוואָרן, אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין דער גאַנצער וועלט — און יידישע זשורנאַליסטן האָבן געמאַכט גרויסע רייזעס, באַקענענדיק דעם יידישן לייענער מיט אַלעם, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט.

דאָך האָט אלחנן צייטלין דאַן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין קיין יידישער רעדאַקציע, אויסער צופעליקע אַרבעטן, אויסער פאַרטרעטונגען. נישט צוליב בייזקייט צו אים און נישט צוליב דעם, וואָס ער זאָל

האָבן געווען אַ בייזער מענטש אָדער אַ שלעכטער חבר. אין קעגנטייל: אלחנן צייטלין איז געווען זייער אַ האַרציקער און גוטער חבר, ער איז בטבע געווען זייער אַ מילדער מענטש, וואָס האָט יעדן פאַרגונען זיין קאַריערע.

אָבער אין זייער אונטערבאַוווסטזיין האָבן די, וואָס האָבן שוין פאַרנומען שטענדיקע צייטונגס־פּאָזיציעס, מורא געהאַט פאַר אים.

מען האָט עס גענומען גאַנץ לייכט:

— ר׳ הללס זון וועט זיך שוין סיי־ווי אַן עצה געבן...

ר׳ הלל צייטלין ווידער, אפשר צוליב באַשיידנקייט אָדער צוליב זעלבסטווירדע, האָט די עוולה, וואָס געשעט זיין זון, אויפגענומען מיט שטילשווייגן. הלל צייטלינס פּאָזיציע אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן איז געווען גענוג שטאַרק, אַז ווען ער וואָלט זיך איינגעשפּאַרט, וואָלט ער פאַר זיין יינגערן זון אויסגעקעמפט אַ שטענדיקן פּאָסטן אין אַ יידישער רעדאַקציע. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן.

ר׳ הלל צייטלין האָט צו שטאַרק געגלויבט אין דעם טאַלאַנט פון זיינע קינדער, איז אים נישט אָנגעשטאַנען אויסצונוצן זיין אייגענע פּאָזיציע, בכדי אויסצוקעמפן אַ פּאָסטן פאַר זיין זון. ער האָט געוווסט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך זייער פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער פּרעסע אַליין אויסקעמפן.

ער, דער תלמיד־חכם, דער ייד פון טיפן גלויבן, וואָס איז דעם 11טן סעפּטעמבער 1942 אומגעקומען על קידוש־השם ווי אַ גרויסער נאַציאָנאַלער העלד, ווי אַ קעמפער — האָט זיך געשטעלט אַן אַ זייט אין דעם קאַמף, וואָס איז דאָך סוף־כל־סוף געווען נישט מער ווי אַ פּערזענלעכער ענין פון אַ יחיד, האָט עס געמעגט זיין אַן אייגענער זון.

4

יאָרן זענען אַריבער ביז אלחנן צייטלין האָט זיך אויסגעקעמפּט זיין פּאָזיציע אין דעם צייטונגס־וועזן אין וואַרשע.

די דאָזיקע פּאָזיציע — דאָס איז געווען די נייע יידישע טאָג־צייטונג „אונדזער עקספּרעס" (געגרינדעט אין סוף 1926).

אַנטשטאַנען איז די צייטונג אַלס פּריוואַטע אונטערנעמונג פון אַ מענטש, וואָס האָט מיטן צייטונגס־וועזן געהאַט אַ קנאַפּן שייכות. זי איז אָבער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעמונג פון די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און דרוקעריי, פּונקט ווי דאָס זענען שפּעטער געוואָרן אויך די אַנדערע יידישע צייטונגען אין וואַרשע.

אין פאַרגלייך מיט די גרויסע צייטונגען איז „אונדזער עקספּרעס" געווען אין אָנהויב אַן אָרים צייטונגל. נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס איז דער וועג פון יעדער יידישער צייטונג, ווען זי הייבט אָן צו דערשיינען, נאָר פּשוט צוליבן קאַמף, וואָס עס האָבן קעגן דער נייער צייטונג אונטערגענומען די אַנדערע, אַלט־איינגעפונדעוועטע יידישע צייטונגס־אונטערנעמונגען.

עס איז געווען אַ ריין עקאָנאָמישער קאַמף: די מורא פאַר אַ נייעם קאָנקורענט אויפן יידישן צייטונגס־מאַרק.

אויב „אונדזער עקספּרעס" איז אינפאָרמאַטיוו ביים אָנהויב געווען הינטערשטעליק לגבי די עקזיסטירנדיקע צייטונגען, אויב ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו קאָנקורירן מיט די אַנדערע צייטונגען בנוגע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן און אויסערלעכע מיטאַרבעטער, איז ער אָבער לויטן רעדאַקציאָנעלן צוזאַמענשטעל גאָרנישט געווען ערגער, ווי די אַי־בעריקע, אַזוי־גערופענע, רייכע צייטונגען.

גענוג אויסצורעכענען די נעמען פון די שטענדיקע רעדאַקציע־מיטגלידער, בכדי צו זען, אַז „אונדזער עקספּרעס" האָט געהאַט מיטאַרבעטער

מיט סטאַזש, פון אַ הויכער שרייבערישער און זשורנאַליסטישער מדרגה: אהרן צייטלין, אלחנן צייטלין, לאַזאַר קאהאן, מ. נודעלמאַן, משה זילבורג, אפרים קאַגאַנאָווסקי, בער י. ראָזען, מנחם פלאַקסער, לעאָן דרייקורס, מ. עלבוים. דאָס זענען מענטשן, וואָס יעדער איינער האָט אויף זיין געביט פאַרנומען אַ געהעריקע פּאָזיציע.

אלחנן צייטלין, אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג, האָט פאַרנומען איינע פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

„אונדזער עקספרעס" איז געווען אַ פּאָפּולערע צייטונג פאַר דער פאָלקס־מאַסע. זי האָט שנעל געפונען אָנהענגער צווישן דעם אָרימען יידישן קליינבירגערטום, צווישן דעם האַנטווערקער און קליינהענדלער, דעם פאַראָרימטן יידישן סוחר, וועמענס אינטערעסן די צייטונג האָט געדינט, פאַרטיידיקט זייערע רעכט און געקעמפט קעגן די עוולות, וואָס זענען לגבי זיי אויף טריט און שריט באַגאַנגען געוואָרן.

עס איז געווען אַ פּאָפּולערע יידישע פאָלקס־טריבונע, ווו אירע רעדאַקטאָרן האָבן געקענט ברענגען צום אויסדרוק זייערע אידעען.

מען האָט זיך באַמיט צו דערהויבן דעם פשוטן יידישן צייטונגס־לייענער צו דער העכערער מדרגה פון יידישן געדרוקטן וואָרט אויף אַן אופן, וואָס זאָל זיין צוטריטלעך פאַר דעם פאָלקס־מענטש.

אלחנן צייטלין האָט זיך גוט איינגעלעבט אין דער דאָזיקער סביבה. זי האָט אַנטשפּראָכן זיין פאָלקסטימלעכן גייסט. עס איז פאַר אים געווען אַ דאַנקבאַר אַרבעטס־פעלד, כאָטש ער האָט אָפטמאָל געמוזט קעמפן מיט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן און דערגאַנצן די פרנסה־באַדערפעניש ביי זייטיקע באַשעפטיקונגען.

אלחנן צייטלין איז קיינמאָל קיין פאַרטיי־מענטש אין דעם ענגן באַגריף נישט געווען.

זיין אָנגעהעריקייט צו דער יידישער פאָלקספאַרטיי אין די ערשטע יאָרן פון איר אויפקום איז געווען אַ טראַנזיטאָרישע, פונקט ווי דאָס איז געווען פאַר פיל יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן.

מען האָט געהערט צו דער פאַרטיי — ווייל מען האָט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע.

איז אָבער די פאָלקס־פּאַרטיי אַוועק אויף וועגן פון אָרטאָדאָקסאַלע פּאַרטיי־פּרינציפּן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דערווירקלעכקייט פון דער צייט, האָט זיך די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ פון דער פּאַרטיי דער־ווייטערט. נח פּרילוצקי איז געבליבן אַ פירער פון אַ פּאַרטיי, אָבער אָן מאַסן.

די אַמאָליקע טוער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשידענע פּאַרטייען. אַ טייל איז אַוועק צום „בונד", אַנדערע אפילו צום קאָמוניזם. אַ גרויסער טייל איז געבליבן אומאָפּהענגיק, מחוץ פון יעדער פּאַרטיי, אָבער זיך דערנענטערט צום אַקטיוון קאַמף פאַרן ווי־דעראויפבוי פון ארץ־ישראל.

צו זיי האָט געהערט אלחנן צייטלין.

מיט וואָרט און שריפט האָט ער מיטגעווירקט אין דעם דאָזיקן גייסט.

ער איז געווען אַ נאַציאָנאַלער ייד אָן שום פּאַרטיי־שטעמפּל, אָן שום פּאַרטיי־דירעקטיוון.

פריי אין זיינע איבערצייגונגען, פריי אין זיין אנשויאונג, האָט ער פּאַרטיידיקט און געקעמפט פאַר יעדער זאַך, וואָס איז לויט זיין געוויסן, לויט זיין געפיל, געווען גערעכט און האָט געדינט די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ער האָט געהאַט מוט אַרויסצוזאָגן זיין אומאָפּהענגיקע מיינונג, אַזוי ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען, אַזוי ווי ער האָט דאָס געפילט. מען האָט דאָס אָפּגעשאַצט און מען האָט זיך דעריבער מיט זיין מיינונג גערעכנט. זיין וואָרט האָט געהאַט חשיבות.

אלחנן צייטלין האָט געאַרבעט אויף אָנפירנדיקע אַמטן אין פיל יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַרבעטזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט. ער האָט פיינט געהאַט בלויז צו פיגורירן. האָט ער געגעבן זיין נאָמען, האָט ער מסכים געווען אָנצונעמען אַן אַמט, האָט ער עס געטאָן מיטן פולסטן פליכט־באַוווסטזיין.

אויב עס וועט נאָך ווען עס איז געשריבן ווערן די געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן, אויב מען וועט באַשרייבן די אויפטועך פון אַ גאַנצער רייע אָרגאַניזאַציעס, וועט מען זיכער דאָרט אָב־

טרעפן דעם נאָמען פון אלחנן צייטלין. בפרט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן פאָלקסלעבן, אינסטיטוציעס צו פּראָ־דוקטיוויזירן די יידישע פאָלקס־מאַסן און יידישע קולטור־אינסטיטוציעס.

זיי זענען אים געווען נאָענט און ער האָט אויך אַרויסגעוויזן זיין נאָענטקייט צו זיי.

שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער ליי־טעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין, וואָס איז אַריין אין דער קולטור־גע־שיכטע פון פוילישן יידנטום אַלס „טלאָמאַצקע 13“, יידישע שולן און יידיש טעאַטער.

בפרט טאַקע דאָס יידישע טעאַטער.

ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער בלב ונפש. ער האָט עס איבערגעלעבט ווי אַ פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע, ווען אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג איז געווען אַ גוטע און עס האָט פאַרדינט אַן ענטוזיאַסטישן אָפּרוף.

ער האָט, ווי זעלטן וועלכער יידישער שרייבער, מיטגעפילט די דאָליע פון די בלאָנדזשענדיקע שטערן, זיך געפרייט מיט זייערע פריידן און מיט־געליטן זייערע ליידן.

מען האָט אים אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אָפּטמאָל צו מילד אין זיינע אָפּשאַצונגען בנוגע געוויסע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אלחנן צייטלין האָט אָבער אויף די פאַרוואורפן קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט באַטראַכט דאָס יידישע טעאַטער ווי אַ וויכטיקע יידישע קולטור־פּאָזיציע און געררופן דעם עולם באַזוכן דאָס טעאַטער. ער איז געווען זיכער, אַז ווען דער יידישער אַקטיאָר וועט נאָר האָבן מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וועט ער אַליין הייבן דעם ניוואָ פון יידישן טעאַטער, ווייל דער יידישער אַקטיאָר איז פעאיק דערצו, ווייל דער יידישער אַקטיאָר איז עס אימשטאַנד צו טאָן.

ער איז אַלס טעאַטער־קריטיקער געווען קודם־כל אַ פריינט פון דעם אַקטיאָר, ווי ער וואָלט פאַרגעפילט, אַז אין דעם טראַגישן גוראַנגל פאַרן יידישן קיום וועט אויך דער יידישער אַקטיאָר דאַרפן פאַרנעמען אַ העל־דיש קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

ווען די וואַרשעווער יידן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן הינטער די מויערן פון געטאָ, האָט אלחנן צייטלין פאַרנומען גאָר אַ חשוב אָרט אין דער יידישער הילפס־אַרבעט און האָט זיך געפונען בראש פון די יידישע קולטור־טוער, וואָס האָבן דורכן לעבעדיקן יידישן וואָרט געמוטיקט די יידישע מאַסן צום אויסדויער און קאַמף.

די טעטיקייט פון אלחנן צייטלין אין וואַרשעווער געטאָ וועט זי־כער אויספירלעך געשילדערט ווערן דורך די געצייילטע לעבנגעבליבענע עדות פון יענער טראַגישער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם פוילישן יידנטום.

ביים אָנהויב פון דער מלחמה איז אלחנן צייטלין צוזאַמען מיט פיל, פיל טויזנטער יידן אַוועק פון וואַרשע קיין לעמבערג, וואָס איז שוין דאַן געווען באַזעצט דורך דער רויטער אַרמיי.

זיין פרוי האָט עס פון אים געפאָדערט. זי האָט אים דערצו צוגע־רעדט און דערמוטיקט, וויסנדיק וועגן די געפאַרן, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן זיין פאַרבלייבן אין וואַרשע אונטער די נאַציס. אין די ערשטע יאָרן פון דעם אויפקום פון דער היטלערמאַכט אין דייטשלאַנד איז דאָך אלחנן צייטלין געווען אַן אַקטיווער טוער אין דעם פאַרייניקטן אַנטי־היטלער־קאָמיטעט.

מיט אַ שווער געמיט האָט אלחנן צייטלין זיך געלאָזט איבערצייגן, פאַרלאָזט זיין היים און זיין פאַמיליע, מיינענדיק אַז אפשר וועט אים אַזוי־אַרום געלינגען צו ראַטעווען אויך זיין פרוי און קינדער. ער איז אַ גע־וויסע צייט אָפּגעווען אין לעמבערג אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט און ווען ער האָט זיך אַנטוישט אין זיינע האָפענונגען צו קענען ראַ־טעווען אויך זיינע נאָענטע, האָט ער שוין נישט געוואָלט מיטגיין מיטן סאָוועטישן מיליטער קיין טיף רוסלאַנד, ווען די נאַציס האָבן אָנגע־הויבן זייער מאַרש קעגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס דאָס וואָלט אים פערזענ־לעך אפשר געראַטעוועט פון טויט, נאָר ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע.

איינגעשלאָסן אין וואַרשעווער געטאָ, האָט אלחנן צייטלין ממש מיט מסירת־נפש זיך גענומען צו געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט.

ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די גרויסע י. ל. פּרץ־פייערונגען סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש, ער האָט אָרגאַניזירט רעפּעראַטן און קול־טור־אַקטן, וועלכע זענען אין די שרעקלעכע טעג פון הונגער־טויט גע־ווען די וואונדערלעכסטע דעמאָנסטראַציע פון יידישן אויסדויער.

זייענדיק אַ צייט לאַנג פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט" און בכלל אַלס זשורנאַליסט און פירנדיקער עסקן, האָט ער געהאַט אַ רעכט צו געניסן פון געוויסע פּריווילעגיעס. באַגלויבטע עדות שטעלן פעסט, אַז ער האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, נאָר זייענדיק אַליין אײַנגעאַנצן באַ־דעקט מיט וואונדן און געשוואָלן פון הונגער, איז ער מיט זיינע לעצטע כוחות נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן בכדי צו העלפן אַנדערע.

אלחנן צייטלין איז שטענדיק געווען טריי און איבערגעגעבן צו דער מיסיע, וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

5

אַ באַזונדערער שטריך צו אלחנן צייטלינס כאַראַקטעריסטיק איז זיין דיכטערישע שאַפונג.

ער איז געווען אַ פיינער לירישער דיכטער, וואָס פלעגט אין די פרייע שעהן זיך ווידמען דער מוזע.

אַ קליין ביכל, מיטן באַשיידענעם נאָמען „אַ ביכעלע לידער“, האָט ער' אין 1931 פאַרעפנטלעכט.

אָבער זיינע צאַרטע לידער זענען פאַרשוויגן געוואָרן, ווייל ווער וועט עס זיך פאַרנעמען מיט פּאָעזיע, וואָס עס שרייבט אַ זשורנאַליסט, אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָזאאישע ענינים, אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער דערצו...

די לידער זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער איידלקייט פון זיין נשמה, אַ באַוויז פון דער צאַרטקייט פון זיינע געפילן. ערשט איצט, ווען אלחנן צייטלינס נאָמען געהערט שוין צו דער אייביקייט, זוכט מען אויף אין די אַרכיוון זיין באַשיידענע דיכטערישע ירושה און מען אַנטדעקט זיין דיכ־טערישן טאַלאַנט. ערשט איצט שרייבט מען וועגן אלחנן צייטלינען דעם לירישן יידישן דיכטער.

אלחנן צייטלין האָט געהאַט גענוג כוח און גלויבן צו קענען דער־שטיקן אין זיך די עוולה, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן. ער האָט געהאַט גענוג מוט צו פאַרשווייגן עס.

אפשר האָט ער טאַקע געפילט, אַז עס וועט קומען אַ צייט און מען וועט זיך דערמאָנען אויך אָן זיין דיכטערישער שאַפונג.

אמתע דיכטער שרייבן דאָך פאַר דער אייביקייט. זייער ווערק ווערט אנערקענט דאַן, ווען זייער געביין איז שוין נישטאָ.

6

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אלחנן צייטלינס פערזענלעכקייט געהערט נישט בלויז דער גייסטיקער צענטער פון זיין פאָטערס ליטעראַרישער שטוב אויף שליזקע גאַס 60, נאָר אויך זיין אייגענע פאַמיליען־סביבה, זיין אייגענע היים, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע אויף דער זעלבער גאַס, אָבער מער צום שטאָט־צענטער: שליזקע נומער 8.

אַ באַשיידענע, אָבער וואַרימע היים און אַ האַרציקע סביבה.

זיין פרוי, רעגיא קירשברוין, פון חסידישן יחוס, וואָס איז יונג געוואָרן אַ יתומה, איז דערצויגן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון איר עלטערן ברודער, דעם פּאָפּולערן אגודה־פירער, פּאַרזיצער פון וואַרשעווער קהלה־ראַט, סיים־דעפּוטאַט און לאַנגיאָריקער ראַטמאַן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, ר׳ אליהו קירשברוין.

פאַר אים, דעם פרומען אָרטאָדאָקסישן פירער, איז דער זון פון דעם גדול־הדור ר׳ הלל צייטלין געווען צו „פריי״, צו וועלטלעך. ער האָט געשטרעבט פאַר זיין שוועסטער צו טאָן אַ שידוך פון זיין אייגענער חסידישער סביבה. עס האָט טאַקע לאַנג געדויערט, ביז ר׳ אליהו קירשברוין האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון זיין שוועסטערס זיווג. כאָטש יידיש האָט זי זיך אויסגעלערנט דווקא נישט אין דער אָרטאָדאָקסיש־פרומער און חסידישער שטוב פון איר מוטער און ברודער, נאָר דווקא ביי איר „פרייען״ מאַן... די שפּראַך, אין וועלכער עס זענען דערצויגן געוואָרן רייכע חסידישע טעכטער אין פוילן, איז דאָך געווען פויליש...

יונג און עלעגאַנט, שטיל און באַשיידן, באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט די האַרציקע רעגיא באַגלייט איר מאַן ביז זיין לעצטן וועג. איר אַליין איז נישט באַשערט געווען צו געפינען קיין אייביקע רו, ווייל צוזאַמען מיט מיליאָנען איז זי אומגעקומען אין די קאַלך־אויוונס פון טרעבלינקע.

איר איז אויך געווידמעט דאָס „ביכעלע לידער״, וואָס אלחנן צייט־לין האָט פאַרעפנטלעכט.

צוויי קינדער האָבן זיי געהאַט. צוויי שיינע, געזונטע בחורים: דוד און אַדאַש.

די ידיעות, וואָס אלחננס עלטערער ברודער, דער דיכטער אהרן צייטלין, האָט צונויפגעזאַמלט וועגן זיין טראַגיש־אומגעקומענער פאַמיליע, זענען אַזוי פאַנטאַסטיש, אַז זיי דאַרפן פאַרנאָטירט ווערן אין דער פאָרם, ווי זיי זענען באַקומען געוואָרן. אפשר וועט זיך אָפּגעפינען אַן עדות פון דער טראַגישער עפּאָכע, וואָס וועט גענויער שילדערן, וואָס וועט ביישטראָגן מער פּרטים צו פאַראייביקן דאָס אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון דעם פּוילישן יידנטום.

ווען רעניא צייטלין האָט זיך, עטלעכע וואָכן נאָכן טויט פון איר מאַן, געפונען מיט אירע קינדער אין דעם פולגעפּאַקטן פראַכט־וואַגאָן אויפן וועג קיין טרעבלינקע, ווען זי האָט דערפילט מיט איר מוטערלעכן אינסטינקט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער וועג זייערער, האָט זי געטראַכט ווי אַזוי צו ראַטעווען כאָטש די צוויי יונגע קינדער.

אין אַ פראָסטיקער נאַכט פון יאַנואַר 1943 האָט זי, אינמיטן פאָרן, אַרויסגעשטופּט דורכן פענצטערל פון וואַגאָן דעם יינגערן זון — אַדאַש, וועלכער איז דעמאָלט קראַנק געווען. פון דעם מאָמענט־אָן איז יעדער שפּור נאָך אים פאַרשוואונדן. זיין גורל איז פאַרבליבן אומבאַקאַנט, כאָטש עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן...

אַ טראַגישע עפּאָפּעע האָט דורכגעמאַכט דער עלטערער זון — דוד. אויך ער איז אַרויסגעשפּרונגען ביינאַכט פון פאָרנדיקן צוג. ער איז געפאַלן אויפן פוכיקן שניי און ווען דער צוג, וואָס האָט געפירט טויזנטער יידן צום טויט, איז שוין פאַרביי, האָט ער זיך געלאָזט לויפן, וווהין די אויגן טראָגן. אַן אוקראַאינישע וואַך האָט דערהערט טריט, געשאָסן און אים פאַרוואונדעט אין פוס. דוד האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. מיט דער קויל אין פוס איז ער מיט די לעצטע כוחות ווייטער געלאָפן. פאַרטאָגס איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף און געבעטן אַ פּויער, אַז ער זאָל אים ראַטעווען. דער פּויער האָט אים אַריינגעלאָזט אין זיין כאַטע, צוגע־

נומען בײַ אים דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך, אַראָפּגעצויגן די שיך, פאַרשפּאַרט אין אַ קעמערל און אַוועק מסרן אין דער געשטאַפּאָ. דוד האָט, ווייזט אויס, דערפילט זיין גורל און ווי אַן אמתער העלד אויפגעבראָכן די טיר פון פויערישן קעמערל, אַ באָרוועסער און מיט אַ פּאָרווונדעטן פוס אין אַ ביטערן פראָסט אַוועק פון דאָרט. אין קעלט און הונגער, מיט אומגעוויינלעכן אויסדויער און כסדרדיקער לעבנס־געפאַר זיך דערשלאָגן צוריק קיין וואַרשע.

אַ דאָקטער האָט אים אַרויסגענומען די קויל פון פוס און ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס פּשוטער הויזוועכטער אין געטאָ. דאָס איז אַן „אמת", וועלכן עס פלעגן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרנעמען פיל אינטעליגענטן, מענטשן מיט אַקאַדעמישער בילדונג. ס'איז געווען אין די טעג, ווען עס האָט זיך שוין געגרייט דער געטאָ־אויפשטאַנד. דוד צייטלין האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד. געכאַפּט דורך די נאַציס, איז ער צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע פאַרשיקט געוואָרן אין דעם לאַגער קיין בודזין, וווּ ער איז אָפּגעווען 13 חדשים בײַ שווערער אַרבעט און אונטער דער שטענדיקער טויט־געפאַר. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מפּלה פון דער נאַציסטישער מיליטערמאַכט און דייטשלאַנד האָט זיך גענויטיקט אין אַרבעטער, האָט זיך דוד צייטלין געפונען צווישן די, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אין די פאַרשיידענע שקלאַפן־לאַגערן. ביז סוף יולי 1945 האָט דוד צייטלין געלעבט. ער איז געשטאָרבן דעם 27טן יולי, פון די פריער באַקומענע ווונדן און פון גאַלאָפּ־שווינדזוכט, נאָכדעם ווי די רוסן זענען אַריין אין גאָוטינג, אַ דאָרף נעבן מינכען. דאָרט איז דוד צייטלין געקומען צו קבורה שוין אונטער דער אָקופּאַציע פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

דאָס זענען אָבער נישט מער ווי אַ פּאָר נאָטיצן וועגן דעם העראָאישן דוד צייטלין.

עס וואָלט געווען אַן עוולה צו פאַרשווייגן, אַז מיט זיין טראַגישן טויט איז אומגעקומען נישט בלויז אַ יונגער יידישער העלד, נאָר אויך אַ גרויסער קינסטלערישער טאַלאַנט, סיי אַלס מאָלער, סיי אַלס דיכטער.

אויך אין דער הינזיכט איז ער געווען אַ יורש פון דער גרויסער צייטלין־טראַדיציע.

דער קבֿר פֿון דוד ציימלין אין גוטינג, ביי מינכען.

שוין אַלס קליין קינד האָט דוד צייטלין אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע באַגאַבונג אין דער מאָלעריי. ער פלעגט מיט זיינע עלטערן באַזוכן די קונסט־אויסשטעלונגען, זיך אינטערעסירן מיט דער שאַפונג פון באַרימטע מאָלער און אַליין געמאָלן בילדער, וואָס האָבן באַשטעטיקט די השערות, אַז דוד צייטלין וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מאָלער.

אָבער אין געטאָ האָט דער יונגער צייטלין אַ בליץ־געטאָן אויך אַלס דיכטער.

רחל אויערבאַך, די לעבנגעבליבענע יידישע שרייבערין פון וואַר־שעווער געטאָ, האָט געלייענט זיינע לידער און זאָגט עדות, אַז דוד צייט־לין האָט אַרויסגעוויזן אַ וווּנדערלעכן לירישן טאַלאַנט.

דאָס זעלביקע באַשטעטיקן אַנדערע עדות, וואָס האָבן מיטגעלעבט מיט דוד צייטלינען אין פאַרשידענע לאַגערן.

זייענדיק אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָט ער אויך רעדאַקטירט נישט־לעגאַלע צייטונגען, געשריבן אויפרופן, וואָס האָבן אויפגעפאָדערט צום קאַמף און זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט זיין אַלזייטיקער טעטיקייט אין דעם קאַמף קעגן דער נאַצישער באַרבאַריע.

אַזוי אַרום איז די צייטלין־משפחה, וואָס האָט דערהויבן דאָס יידי־שע גייסטיקע לעבן צו דער סאַמע העכסטער מדרגה פון שעפערישקייט און קדושה, אויך אַריין אין דעם פאַנטעאָן פון די אַקטיווע קעמפער און מאַרטירער פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק.

די דריי צייטלין־דורות — זענען דריי רומפולע קאַפּיטלעך פון אונ־דזער טראַגישער געשיכטע.

זאָל דאָס בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", דורך וועלכן אלחנן צייטלין האָט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט דער גייסטיקער סביבה פון זיין גרויסן פאָטער, — דינען אַלס דערמאָנונג פון זייערע אויפטוען און אַלס באַערונג פון זייער הייליקן אָנדענק.

נאָמען־רעגיסטער

א

אגרימאָוו פראָפ. — 35.
אויערבאַך רחל — 336.
אָזשעשקאָ — 160, 162.
אייגער אַנטאָני — 47-51.
אייגער באָלעסלאַוו — 20, 31-33, 35-39, 44.
אייגער בראָניסלאַוו — 31-33, 38.
אייגער דיאַנאַ — 20-22, 39, 40, 44-48, 52-56, 269.
אייגער יוליוש — 31-33.
אייגער לייבעלע ר. — 30, 31.
אייגער מאַריאַ (מאַרילאַ) — 44-46, 57.
אייגער עקיבאָ ר' — 23-31, 45, 47, 49, 58, 63.
אייגער קאַזשימיעזש — 20-23, 45, 54, 58, 62, 63.
אייגער שלמהלע ר' — 29, 30, 49.
אַלטער — 59, 60.
אַלטער איטשע מאיר רבי — 72.
אַנסקי ש. — 105, 120, 294, 295.
אָסטזשעגאָ אברהם — 105, 118, 129, 286, 287, 299, 300.
אסתרקע — 311.
אָפּאַטאָשו יוסף — 41.
אַרציבאַשעוו מיכאַיל — 112.
אַש שלום — 41, 42, 106, 107, 295.
אשכנזי — 239.
אשכנזי זאב — 86.
אשכנזי שמעון פראָפ. — 86, 102.

ב

„באומאַן און בערסאָן" — 92.
באָנאַוועטורע — 143.
באָרמאַן אַדאַם — 42.
ביזבערג פּנחס — 168.
ביכאָווסקי דוד ר' — 76.
ביכאָווסקי זלמן ד"ר — 94, 104.
בורשטיין גוסטאַוו, אינזש. — 211.
בעק יוזעף — 211, 212.
בערגסאָן — 34.
בערזאָן לודוויקאַ — 158.
בערזאָן מאיר — 158.
בערענסאָן לעאָן — 60.
בערקעלהאַמער ווילהעלם ד"ר — 125.
בראַמסאָן לעאָן ד"ר — 90.
בראַקאַזש חיים — 101.
ברעגמאַן — 255.
ברעגמאַן לודוויק ד"ר — 266, 267, 269, 271.
ברעגמאַן לייזער ר' — 260, 261.
ברעגמאַן לעאָן — 268, 270-275.
ברעגמאַן סטעפאַן — 268, 269.
ברעגמאַן שבתי (סעבאַסטיאַן) — 261-267, 271, 273.

ג

גאָטליב ד"ר — 111.
גאָלדבערג אברהם — 111.

גאָלדפלאַם סאַמועל ד״ר — 52, 187.
גאָלדפלום — 89.
גאָלדפעדער — 32.
גאָלדשמיט העניק ד״ר (יאַנוש קאָרטשאַק) — 101.
גאָרקי — 42, 43.
גינזבורג האָראַצי באַראָן — 90, 158, 168.
געזונדהייט יעקב, רב הכולל — 73.
געלבלום יהודה לייב בן קאָפּל — 73.
געלבלום שלמה — 73.
גראַבסקי סטאַניסלאַוו — 263.
גראַנאַך אַלעקסאַנדער — 54.
גרידזעווסקי (גריצענדלער) — 42.
גרינבוים יצחק — 100, 101, 104, 110, 120, 124, 125.

ד

דאַווידזאָן — 67, 68.
דאַווידזאָן אַלעקסאַנדער — 126.
דאַווידזאָן האַלינאַ — 126.
דאַווידזאָן חיים ר׳ (הרב הכולל) — 70-72, 75-79, 81, 83, 96, 126.
דאַווידזאָן יוסף — 98, 123-126.
דאַווידזאָן יוסף צבי — 83.
דאַווידזאָן לייב — 83.
דאַווידזאָן לייבוש (אריה שכר) — 83-97, 99, 106, 111.
דאַווידזאָן מיכאַל אינזש. — 96, 98.
דאַווידזאָן נח ד״ר — 98-100, 102-114, 116-118, 121, 123-126.
דאַווידזאָן נפתלי ר׳ — 79-83.
דאַווידזאָן עקיבאַ — 83.
דובנאָוו שמעון פּראָפ. — 256.
דינעזאָן י. — 105-107, 120.
דיקשטיין — 34.
דרייקורס לעאָן — 326.

ה

האָכערמאַן אברהם — 321, 322.
האָכערמאַן נחום — 321, 322.
האָכערמאַן רבקה — 321, 322.
האַניגוויל אדוו. — 185.
האַרטגלאַס אַפּאָלינאַרי — 100, 111.
היטלער — 22, 50, 52, 53, 56, 211, 212, 234, 235, 268.
הירש באַראָן — 154, 159, 162, 163.
הירש קלאַראַ — 162.
הירשהאָרן — 134.
הירשעל טאַדעאוש — 231.
העפטמאַן יוסף — 104, 111.
הערמאַן דוד — 295.
הערצל טעאָדאָר ד״ר — 87, 90, 104.

וו

וואַוועלבערג היפּאָליט — 155-157, 159-166, 168-172, 175, 179, 181, 187, 188, 192, 195.
וואַוועלבערג וואַצלאַוו — 155, 172, 173, 175-177, 179, 187-195, 198, 199.
וואַוועלבערג לודוויקאַ — 178.
וואַוועלבערג מיכאַל — 175-177, 179, 183-185.
וואַוועלבערג פייגל — 156.
וואַוועלבערג צבי הערש (הערמאַן) — 155, 156, 188, 192.

וואוועלבערג שמואל ד"ר — 156.
וואיציעכאָווסקי סטאַניסלאַוו, פּרע־
זידענט — 148, 149.
וואָלין מר. — 62.
וואַרסקי (וואַרשאַווסקי) הענריק —
142.
ווייז ראַבי — 60.
ווייטער א. 106, 107.
וויינטרויב — 300.
וויינריב — 134, 140.
וויינרייך מאַקס — 242.
ווייצמאַן זעליק — 104.
ווייצמאַן חיים — 51.
ווילהעלם קייסער — 272.
ווינאַווער אַדוואָקאַט — 90.
ווירובאַוו — 35.
ווישליצקי וו., דעפּוטאַט — 55.

ז

זאַגאַראַדסקי ישראל־חיים — 67,
86, 90.
זאַמענהאָף לודוויק ד"ר — 87, 104.
זביטקאָווער שמואל — 118.
זיידנבייטל אברהם — 288.
זיידנבייטל אפרים — 280, 281,
285, 305, 306, 308־312.
זיידנבייטל הערש — 280, 283־
285, 305.
זיידנבייטל יוסף — 280, 283, 285־
287, 289־305.
זיידנבייטל מאָטל — 305.
זיידנבייטל מנשה — 280, 281,
285, 305, 306, 308־312.
זיידנבייטל סטאַניסלאַוו — 226.
זיידנבייטל שפּרינצע — 288.
זיידענמאַן אַדוואָקאַט — 104.
זילבורג משה — 326.
זילבערשטיין — 40, 52.

ח

חייקא חיים (חייקל) ר' — 256־
258.
חלפן לייבוש ר' — 79.

ט

טאַנענבוים משה — 141.
טוווים האַנקאַ — 40.
טוווים יוליאַן — 40, 265.
טורקאָוו זיגמונט — 299.
טורקאָוו יאָנאַס — 302.
טורקאָוו מאַרק — 55, 172.
טעבעלי דוד ר' — 70.
טעמקין דוד ר' — 83.
טעפּליץ אליעזר־לעאָפּאָלד — 136.
טעפּליץ הענריק — 141, 143.
טעפּליץ חיה — 132, 143, 150.
טעפּליץ טעאָדאָר — 131, 143, 144,
146, 150.
טעפּליץ טעוועלע (טעאָדאָר) — 72,
131־136, 138־141, 143, 150.
טעפּליץ יוזעף־לעאָפּאָלד — 143.
טעפּליץ לעאָן, 144, 145, 147־150.
טעפּליץ פאַנני, פראַנציסקאַ — 143.
טרונק י. י. — 286.
טשעריקאָווער אליהו — 55.

י

יאַז בערנאַרד ד"ר — 126.
יאָסעלעוויטש בערעק — 270.
יאַשינאָווסקי ד"ר — 104.
יעביץ זאב — 86.
יעסקע־כאָיניסקי — 143.

כ

כאַזאַנאָוויטש לעאָן ד"ר — 89.
כאַראַנזשיצקי — 288.
כהן — 250.

ל

לובאמירסקי פירשט — 245, 246.
לודוויג עמיל — 55.
לוקסעמבורג ראזא — 142.
ליבקינד צבי הירש — 72.
ליסער יעקב ר׳ — 25.
ליפשיץ שלמה זלמן ר׳ — 74.
לעדניצקי אלעקסאנדער — 35.
לעווימע יוסף — 94.
לעווימע לעאן — 94, 104, 111.
לעווין אהרן הרב — 48.
לעווין איטשע מאיר ר׳ — 48.
לעווין גרשון ד״ר — 104, 106, 107.
לעווינסאן — 134.
לענץ סטאניסלאוו — 192, 289, 295.
לעסער־לעווי — 79.
לעשטשינסקי אליהו אינזש. — 211, 248.
לעשטשינסקי יוסף — 120.

מ

מאהילאווער שמואל ר׳ 87־89.
מאהלער — 134.
מאזור אליהו — 55.
מאיראוויטש מנשה — 87.
מאירסאן י. מ. — 87.
מאלין פאטריק — 60.
מאנטעפיארע משה — 72.
מוקדוני א. ד״ר — 106, 107.
מייזליש בעריש ר׳ — 81.
מיכאלסקי יעזש ד״ר פראפ. 231.
מינץ ש. ד״ר — 104.
מינקאווסקי מאוריצי — 289.
מיצקעוויטש — 160.
מערעם וולאדימיר — 120.
מעלטשעט לארד — 48.
מענדעלסאן משה — 24, 140, 141.
מענדעלסאן סטאניסלאוו — 124.
משורר ד״ר — 104.

נ

נאזשיק — 249.
נאטאנזאן לודוויק — 224.
נאטאנזאן סטאניסלאוו — 35־37.
נאטאנסאן — 34.
נאמבערג ה. ד. — 104, 106, 107, 120.
נאפיערסקי סטעפאן — 40־43.
נאשעלסקער פנחס זאב בן אברהם — 72.
נודעלמאן מ. — 326.
נוסבוים ד״ר — 104.
ניקאלאיעוויטש ניקאליי — 35, 176.

ס

סאקאלאוו נחום — 25, 56, 94, 104, 124, 187, 188.
סלאנימסקי זיגמונט — 213.
סלאנימסקי חיים זעליג — 86.
סמאלענסקי פרץ — 85.
סענגאלאוויטש ז. — 235.
סעמועל הערבערט — 48.
סעמיאנאוו גענעראל — 112.
ספינאזא — 85.
ספעקטאר יצחק אלחנן ר׳ — 83, 89.
ספעקטאר מרדכי — 106, 107.
סקאלאן — 34.

ע

עלבוים מ. — 236.

עליאוויטש מ. — 93, 118, 120.
עליאשעוו ד"ר (בעל מחשבות) — 104.
עפשטיין יעקב (יאנקעלע ליכטציער) 134, 135.
עקערמאן א. ב. — 55.

פּ

פּאדלישעווסקי אברהם — 35, 84, 106, 177.
פּאזנאנסקי ש. א. ד"ר — 104.
פּאלאצקער ישראל ר' — 256.
פּאסקעוויטש — 67, 135, 141.
פּויזנער שלמה הלוי ר' — 24.
פּיוואווארטשיק — 145.
פּילסודסקי יוזעף מארשאל — 125, 149, 212, 270.
פּינעס נח ר' — 86, 90, 111.
פּינעס רחל — 85.
פּינסקער לעאן ד"ר — 87, 88.
פּלעווע — 90, 91.
פּראפּער יאנינא — 59.
פּרוים — 160.

פֿ

פֿרושקאווסקי טאדעאוש — 306, 307.
פֿריוועס — 301.
פֿרילוצקי נח — 125, 327.
פרץ י. ל. — 89, 104-107, 120, 163, 164, 169, 171, 295.
פֿאלמאן — 215.
פֿיינבערג — 165, 168-171.
פֿילאסאפאוו — 112.
פֿינקעלשטיין לעא — 27.
פֿלאקסער מנחם — 326.
פֿעלדשו ראובן ד"ר (בן שם) — 84, 95, 216.
פֿעלדשטיין משה — 106.
פֿרידבערג א. ש. — 87.
פֿרידע מאקסימיליאן — 272.
פֿרייד מ. י. — 67, 84, 103, 104.
פֿרענק־זאגאראדסקי — 84, 95.
פֿרענק עזריאל נתן — 67, 69, 70.
פֿרענקע ע. ע. — 135.

צ

ציטלין אראם 321, 333.
ציטלין אהרן — 317, 320, 321, 323, 326, 333.
ציטלין אלחנן — 315-321, 323-333, 336.
ציטלין אסתר — 320, 321.
ציטלין דוד — 321, 333-336.
ציטלין הלל ר' — 317, 318, 320-324, 332.
ציטלין טאליע — 321.
ציטלין צבי דוב — 321.
ציטלין רעניא (קירשברוין) — 321, 332, 333.
צענצעמינער הערשעלע ר' — 70.
צענצעמינער רחלע — 70.

ק

קאגאנאווסקי אפרים — 326.
קאהאן לאזאר — 326.
קאזשימיעזש דער גרויסער — 311.
קאלישער הירש ר' — 24.
קאמינער אדוו. — 185.
קאן משה ר' — 86.
קאנאפּניצקא — 160.
קאנט — 85.
קאסטיושא ראמאן — 18, 19.
קאצאוויטש נח — 163, 169-171.

קאצענעלסאן לעאן ד"ר — 168, 169.
קארא דוד — 140.
קארא יוסף־חיים ר' — 24, 25.
קארטשאק יאנוש — 101, 102.
קארליניום ב. — 119, 120, 289, 297.
קארלינער אהרן ר' — 256.
קארלינער שלמה ר' — 256.
קירשברוין אליהו ר' — 332.
קירשראט יעקב — 104.
קלעפפיש זיינוועלע ר' — 164.
קערנער משה סענאטאר — 100, 233.
קראטקא טאטשע (ארצישעווסקא) — 286, 287.
קראטקא שמעון — 286, 287, 295.
קרויזהארט אלעקסאנדער — 156.

ר

ראבינאוויטש שמואל־פנחס (שפר) — 87, 267.
ראזען בער י. — 326.
ראזענפעלד ש. — 106, 107.
ראטוואנד סטאניסלאוו — 161, 179, 181, 184, 188.
ראסנער חיים — 55.
ראקאווסקי פועה — 84.
רובינשטיין הרב — 48.
רוזסקי גענעראל — 109, 111.
רוזסקי טאטיאנא — 109.
רידינג לארד — 48.
רידז שמיגלי מארשאל — 211, 212.
רייזין א. — 107.
רייזין זלמן — 103.
ריכטיק אברהם יצחק — 72.

ש

שאפירא מאיר ר' — 30.
שאצקי יעקב ד"ר — 72, 119, 133, 136, 138־140, 155.
שוואלבע נתן — 55.
שווארצשטיין פרוי — 62.
שולץ הענריק — 250.
שוסהיים א. ל. — 282.
שטערלינג קאזשימיעזש — 75.
שטערלינג ש. — 75.
שטערן אברהם יעקב — 118.
שיפער יצחק ד"ר — 117, 125, 134.
שלאסבערג אדוואקאט — 90.
שעבעקא גראף — 188.
שענקעוויטש — 160.
שעפנער ברוך — 240.
שערעשאווסקי בערטא — 237.
שערעשאווסקי דוד משה — 215, 216.
שערעשאווסקי העלענא — 96, 243, 251.
שערעשאווסקי יאסל־דוד — 215, 219.
שערעשאווסקי יעזשי — 244־246.
שערעשאווסקי מיכאל — 96, 111, 208, 211, 215, 216, 219, 220, 222, 243, 244, 246־251.
שערעשאווסקי רפאל — 55, 137, 204־206, 208, 210, 211, 215, 216, 219־240, 242, 245, 251.
שפרייר ד"ר — 62.

פון דעם זעלביקן מחבר ביז־איצט דערשינען:

בריוו פון אסתר־רחל קאַמינסקי (מיט אַן איינלייטונג און דערקלע־רונגען), ווילנער פאַרלאַג, ב. קלעצקין, 1927.

רוזוועלטס אַמעריקע (רייזע־איינדריקן פון די פאַרייניקטע שטאַטן), יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק, וואַרשע, 1937.

אויף יידישע פעלדער (אַ נסיעה איבער אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס), וואַרשע, 1939.

מלכה אָושיאַני דערציילט... (כראָניק פון אונדזער צייט), באַנד 1 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1946.

אין פויליש:

POLACY, ŻYDZI I MECHESI, Warszawa, 1930.

GDAŃSK NA WULKANIE, Warszawa, 1932.

REWOLUCJA AMERYKAŃSKA, Warszawa, 1937.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָװשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) װ. גראָסמאַן־װיערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָװיטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון װאַרשעװער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָװיטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — װאַרשעװער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ װאַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײדערמאַן — צװישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געװען... (חורבן װאַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ
31) שמחה פּאָליאַקיעװיטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (פּאָעמע) (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פּינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב

45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך) (אויספאַרקויפט)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56) **שלום אַש** — פּעטערבורג (ראָמאַן)

57) **שלום אַש** — וואַרשע (ראָמאַן)

58) **שלום אַש** — מאָסקווע (ראָמאַן)

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד

62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"

(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געוויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראָקע**)
95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **אַלעקסאַנדער מינץ** — דער קאָמוניזם אין פוילן (**זכרונות**)

עס גרייט זיך צום דרוק:

מיכאל באָרוויטש — אַרישע פאַפירן
מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט (**היסטאָרישער ראָמאַן**)
י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)
ד״ר א. מוקדוני — אין וואַרשע און אין לאָדזש (**מיינע באַגעגענישן**)
ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)
פנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען
ברוך האַגער — מלכות חסידות

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

שלמה אשכנזי שרייבט וועגן דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", אין זיין אַרטיקל א"נ „אַ ביכער־מאָנומענט פאַרן פּוילישן יידנ־טום" („ניי־וועלט", תל־אביב, 25טער אַפּריל, 1952):

ווען מען פייערט דעם 19טן אַפּריל דעם יאָרטאָג פונעם העראָאישן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, מוז מען דערמאָנען איינעם פון די מערק־ווירדיקסטע דענקמעלער פאַרן אומ־געבראַכטן פוילישן יידנטום — דאָס איז די ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", אַרויסגעגעבן פונעם „צענ־טראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע".

פאַר אונדז ליגן שוין 81 ביכער פון דער סעריע — די לעצטע זעגען נאָך נישט אָנגעקומען קיין ישראל, אָבער ס'איז שוין נאָענט פון 90 — און אין דעם לעצטן בוך אַ צעטל פון נייע וואָגיקע ווערק, וואָס דרוקן זיך און דערשיינען בקרוב, אָדער גרייטן זיך צום דרוק.

אין דער פאָררעדע צו דעם ערשטן בוך פון דער סעריע — „מלכה אָווי־שיאַני דערציילט..." פון מאַרק טור־קאָוו — רעדט זיך וועגן „אַ סעריע ביכער און בראָשורן", וואָס זאָל זיין „אַ ביישטייער צו דער רומפּולער גע־שיכטע פון דעם פּוילישן יידנטום". מיט באַשיידענע כוחות אָנגעהויבן, ביי פיל שוועריקייטן — געקלערט וועגן בראָשורן — און ס'איז אויס־געוואַקסן נישט נאָר אַ פּראַכטפול־טראַגישער מאָנומענט פאַרן פּוילישן יידנטום, נאָר אויך, — דער גרעס־טער ביכער־פאַרלאַג אין יידיש אויף דער וועלט ביים היינטיקן טאָג.

***

עס מוזן קודם־כל דערמאָנט ווערן די באַדייטנדיקסטע אויטאָרן לויט דער ריי פון די דערשינענע ביכער, פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער ביכער־סעריע: מאַרק טורקאָוו, ה. ד. נאָמבערג, זרובבל, אלחנן צייטלין, ד"ר ה. שאָשקעס, ז. סעגאַלאָוויטש, מ. נודעלמאַן, ד"ר מאיר באַלאַבאַן, ד"ר יעקב שאַצקי, דוד פלינקער, נח גריס, חיים גראַדע, פרידע זרובבל, מרדכי שטריגלער, יעקב לעשצינסקי, אברהם טייטלבוים, ש. ל. שניידער־מאַן, לעאָ פינקעלשטיין, יאָנאַס טור־קאָוו, ש. איזבאַן, יעקב פּאַט, נחום סאָקאָלאָוו, רחל קאָרן, א. אלמי, מנשה אונגער, מ. בורשטין, מ. קיפּ־ניס, ד"ר א. מוקדוני, י. י. טרונק, שלום אַש, יאַנוש קאָרטשאַק, יואל מאַסטבוים, נחמן מייזיל, זיגמונט טורקאָוו, יהושע פּערלע, דניאל טשאַרני — און נאָך און נאָך נעמען

סיי פון אומגעבראַכטע קדושים־שרייבער, סיי פון געשטאָרבענע, סיי נאָך לעבעדיקע און טעטיקע, וואָס באַשיינען אונדזער יידישע ליטעראַטור און היסטאָריאָגראַפיע. די נעמען אַליין פון די אויטאָרן זאָגן שוין פיל, גיבן אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר דער וואָגיקייט פון די אַרויסגעגעבענע ביכער.

די גרעסטע טייל ביכער שפיגלען אָפ די געשיכטע פונעם אומקום פון די פוילישע יידן. דאָס געטאָ. די פאַרטיזאַנקע. די פאַרניכטונג־לאַגערן. די ליקווידאַציעס. אַלע סטאַדיען און פאָרמען פונעם שוידערלעכן אויסראָטונגס־פּראָצעס. אָבער דערביי אַ גאַנצע ריי וואָגיקע ווערק, בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע, וואָס שפיגלען אָפ דאָס פאַרשידנפאַרביקע קולטור־רייכע לעבן פון די יידן אין פוילן פון די עלטסטע צייטן ביזן אונטערגאַנג פונעם גרויסן פאָלקס־ישוב. פון דער געשיכטע פון אַלטן לובלין ביז טלאָמאַצקע 13; וועגן י. ל. פרץ און דער הלל־צייטלין־משפחה; וועגן קאָצקער חסידות און דער געשיכטע פון דער השכלה.

צווישן די דערשינענע ביכער זענען דאָ עטלעכע בענדער מעמואַרן, וואָס ווער ווייסט ווען זיי וואָלטן דערשינען, אָדער צי זיי וואָלטן גאָר בכלל געשריבן געוואָרן, ווען נישט די אָנרעגונג פון דאָזיקן מערקווירדיקן בוענאָס־איירעסער פאַרלאַג; און די דאָזיקע מעמואַרן — פון ד״ר יעקב שאַצקי, צי ז. סעגאַלאָוויטש, פון א. אלמי, צי יואל מאַסטבוים, פון זיגמונט טורקאָוו צי דניאל טשארני, — וועלן זיין אַן אומגעהויערער מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער פונעם יידישן לעבן אין פוילן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן; זיי שטעלן אַוועק פאַרן לייענער אין אַ צאַפלענדיקער פאָרם דעם געוואַלדיקן אויפבלי אין 20סטן יאָרהונדערט פון דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, קולטור, שולן פון די יידישע פאַרטייען און פאַרטייעלעך אין פוילן; זיי גיבן אַ לעבעדיק בילד פון דער אומגעהויער־רייכער גאַלעריע פערזענלעכקייטן, שאַפער און בויער פון יידישן לעבן אין פוילן.

דער פאַרלאַג האָט אויך איבערגעדרוקט עטלעכע ביכער, וועלכע זענען שוין לאַנג פאַרשוונדן פון יידישן ביכער־מאַרק און דער יידישער לייענער האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין אַ צווייטער אויפלאַגע פון די דאָזיקע ווערק.

צווישן די דאַרף מען ספּעציעל דערמאָנען מ. בורשטינס „איבער די חורבות פון פלוינע״, שלום אַשס טרילאָגיע „פעטערבורג״, „וואַרשע״, „מאָסקווע״, יאַנוש קאָרטשאַקס „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך״, יהושע פערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר״ און אַנדערע.

דער פאַרלאַג האָט זיך אויך נישט אָפגעשראָקן פאַר קיין פּאָעזיע, וואָס „ווערט אַזוי ווייניק פאַרשפּרייט״, ווי ס׳איז איבעראַל אָנגענומען, און צווישן די עטלעכע און אַכציק דערשינענע ביכער זענען פאַראַן וואָגיקע לידער־ביכער — צוויי ביכער לידער

פון חיים גראַדע, לידער פון אברהם זאַק, אַ בוך לידער פון רחל קאָרן און אַ פּאָעמע פון יחיאל לערער.

דער „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע" האָט אין דער ביכער־סעריע אויך פאַרעפנטלעכט ווערק פון יונגע שרייבער, וואָס ווער ווייסט ווען זייערע ערשטע ביכער וואָלטן דערזען די ליכטיקע שיין, ווען נישט אָט־די סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — און אַזוי אַרום „אַנטדעקט" פרישע טאַלאַנטן. דאָס איז, אין דער ערשטער ריי, דער פאַל מיט מרדכי שטריגלער, פון וועלכן עס זענען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי ביכער און דאָס פערטע דרוקט זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע דערשינענע ביכער שטייען אויף דער זעלבער ליטעראַרישער, אָדער וויסנשאַפטלעכער הויך. פאַראַן — און דאָס איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — שוואַכערע און שטאַרקערע וויסנשאַפטלעך־פאַרטיפטערע און מער אויבערפלעכלערע, פילאָזאָפיש־ברייטערע און מער פּשוטע, ליטעראַריש־שטאַרקערע און ווייניקער באַאַרבעטע, שטאַרק־דורכגעטראַכטע איבערלעבונגען און געשריבענע אויף דער „הייסער מינוט", אונטער דער ווירקונג פון געפיל. אָבער דאָס פאַרמינערט נישט דעם אַלגעמיינעם ווערט פון דער ביכער־סעריע און איר קאָלאָסאַלער באַדייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער פאַראייביקונג פונעם הייליקן אָנדענק פון אומגעבראַכטן פּוילישן יידנטום.

***

עס דאַרף נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די ביכער ווערן אַרויסגעגעבן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרלאַג, דורך אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן דרוקן די ביכער מיט ווייניקער ווי באַשיידענע מיטלען און מעגלעכקייטן. דער הויפּט־פאַרדינסט, אָבער, פאַרן דאָזיקן גראַנדיעזן אויפטו געהער דעם רעדאַקטאָר פון דער ביכער־סעריע, מאַרק טורקאָוו.

דאָס איז איינער פון די ברידער טורקאָוו, איינע פון די אָנגעזעענסטע פאַמיליעס אין יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אַ גלענצנדער זשורנאַליסט, אַ שרייבער מיט גרויס טאַלאַנט און טיכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט מאַרק טורקאָוו זיין גאַנצע ענערגיע אין די לעצטע פינף יאָר געווידמעט דער דאָזיקער ביכער־סעריע. ער האָט אַליין פאַרוואָרפן די פעדער, שרייבט זייער־זייער זעלטן און בויט דעם דאָזיקן מאָנומענט פאַר זיינע אומגעבראַכטע פּוילישע ברידער און שוועסטער. אין ערשטן בוך פון דער סעריע, טאַקע מאַרק טורקאָווס אַ „כראָניק פון אונדזער צייט" („מלכה אָוושיאַני דערציילט...") איז אַנאָנסירט זיינס אַ צווייטער בוך: „אַלט און ניי וואַרשע". אָבער ער האָט עס ביז איצט נישט אָנגעשריבן — ער איז פאַרנומען מיטן רעדאַגירן און אַרויסגעבן די ביכער פון אַנדערע שרייבער. אָבער מאַרק טורקאָווס אַ בוך וועגן „אַלט און ניי וואַרשע", ווו ער איז געוועזן אַזוי אייגן און אַריינגעוואַקסן, טאָר נישט

פאַרלוירן גיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור, בעסער געזאָגט: מעמואַרן־ליטעראַטור, צו וועלכער דאָס בוך דאַרף מסתם געהערן.

צוזאַמען מיט טורקאָוון גיט אָפּ זיין צייט און כוחות דער ביכער־סעריע דער פּאַרלאַגס־לייטער אברהם מיטלבערג, אַ יידישער קולטור־טוער, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַלע פּריוואַטע געשעפטן און פאַרבונדן זיין גורל מיטן יידישן בוך.

זאָלן אַנדערע יידישע ישובים נעמען אַ ביישפּיל פון דאָזיקן פאַרלאַג. זאָלן יידישע קולטור־טוער אין אַנדערע לענדער, — אַנשטאָט זאָגן כסדר קינות און באַוויינען דעם „גורל פון יידישן בוך", זיך לערנען פון מאַרק טורקאָוו, — זעען וואָס איניציאַטיוו, ענערגיע, און דער עיקר, געזעלשאַפטלעכע אחריות פון איין מענטש קען אויפטאָן.

די ביכער „דאָס פּוילישע יידנטום" קומען צו אומעטום, וווּ אַ יידיש בוך ווערט געפאָדערט און געלייענט, איבער דער גאָרער יידישער וועלט. די עטלעכע און אַכציק ביכער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַן ערך אַ פערטל מיליאָן עקזעמפּלאַרן, — דער גרעסטער טייל פון די דערשיינענע ביכער זענען אויספאַרקויפט און מער נישט צו באַקומען.

עס איז טראַגיש, וואָס אַזאַ ביכער־סעריע דאַרף דערשיינען לזכר אַזאַ שוידערלעכן חורבן. — געדענקענדיק וועגן דעם איז שווער זיך צו פרייען מיטן דערפאָלג. נאָר אַזאַ איז שוין אונדזער גורל... מיר בויען ווייטער, ציען ווייטער די אַלטע גאָלדענע קייט, — דאָס איז אַ גרויסע טרייסט.

יאָ, אַ טרייסט — כאָטש טרייסטן זיך איז דאָך אוממעגלעך! — אין דערמאָנונג־טאָג נאָכן פּוילישן יידנטום איז אָט די פאַליצע מיט עטלעכע און אַכציק ביכער...

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyredón 667, Buenos Aires

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 100

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de Julio de 1954, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires

MARC TURKOW

LOS POSTREROS DE UNA MAGNA GENERACION

Obsequio para Sr. H. Kalles para uso particular sin fines comerciales B. Aires. 22.9.04

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1954